אברהם ווייסבראד

עס שטארבט א שטעטל

באארבעט און רעדאגירט
פון י. קאפלאן

ארויסגעגעבן פון צענטר׳ היסט׳ קאָמיסיע
ביים צ״ק פון די באפרייטע יידן אין דער
אמעריקאנער זאָנע . מינכן 1948

אברהם ווייסבראָד

עס שטאַרבט אַ שטעטל

מגילת סקאַלאַט

באַארבעט און רעדאַגירט פון י. קאַפּלאַן

אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד.

1948 מינכען

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

ABRAHAM WEISSBROD

ES SHTARBT A SHTETL

SKALAT DESTROYED

Edited by I. KAPLAN

Published by the Central Historical Comission of the Central Committee of Liberated Jews in the U. S. Zone of Germany.

Munich *1948*

פּאַרוואָרט

מיט דעם בוך „עס שטאַרבט א שטעטל“ הייבט אָן די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע אין מינכען צו פאַרעפנטלעכן אין בוכפאָרעם גרעסערע אַרבעטן פון יחידים, וואָס גיבן זיך אָפּ ברייטער מיטן באַשרייבן דעם חורבן פון די יידישע ישובים, ווי אויך מיט זייערע אייגענע איבערלעבונגען בעתן נאַצי-רעזשים. ווען דער וויכטיקייט היינט פון אַזוינע אַרבעטן איז גאָר איבעריק צו ריידן. צענדליקער און הונדערטער קהילות זיינען מיט דער ראַפינירטסטער אכזריות געוואָרן אַרויסגעריסן און פאַרשניטן, ניט איבערלאָזנדיק אַוועלכן דאָקומענטאַלן שפּור אָדער זכר פון זייער חורבן און אומקום. אין אַן א צאַל שטעטלעך, און אויך שטעט, איז אפילו ניט צו דערגיין ווו די מאַסן-קברים פון די אומגעבראַכטע יידן געפינען זיך אין דער געגנט. ווער רעדט נאָך פון די יאָרצייטן פון די אַקציעס אָדער אַנדערע איינצלהייטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט די יידן איידער מען האָט זיי אומגעבראַכט.

די היסטאָריאָגראַפיע פון אונדזער לעצטן חורבן אין איר ברייטערן פאַרנעם איז היינט אָנגעוויזן דער עיקר אויף די עדות און באַשרייבונגען פון דעם הייפל לעבנגעבליבענע. יעדע גבית עדות, יעדער פּרט, און זאָל זיין אויך איש מפּי איש, איז דערביי וויכטיק. און עס איז באַזונדערש צו באַגריסן ווען א מענטש, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט דעם חורבן, גיט זיך אָפּ מיטן צונויפשטעלן א ברייטערע באַשרייבונג, א מאָנאָגראַפיע פון דעם אומקום פון א גאַנצער קהילה, ווי דאָס בוך וואָס ווערט דאָ אַרויסגעגעבן.

אברהם ווייסבראָד האָט זיך מיט זיין ווערק געגעבן די מי צו שטעלן א מצבה זיין געבוירנאָרט סקאַלאַט, א שטעטל אין מיזרח-גאַליציע. נאָך אונטערן רעזשים פון די נאַצים האָט ער זיך גענומען צום זאַמלען דעם מאַטעריאַל, אויספרעגן מענטשן און זיך קלערער מאַכן אין מערערע פּרטים פון די געשעענישן מיט די יידן פונעם שטעטל. פיל ברייטער איז אַוועק זיין אַרבעט נאָך דער באַפרייאונג. מיט גרויס פלייס האָט ער זיך דאַן א וואָרף געטאָן צונויפנעמען וואָס מער ידיעות. ער

האָט געפאָרשט פון די איינציקע צוריקגעקערטע אין סקאלאט גופא. ער איז אויך אַרומגעפאָרן זוכן אנדערשוואו די לעבנגעבליבענע סקאלאטער און אויסהערן פון זיי זייערע איבערלעבונגען. מיט ניט ווייניק מענטשן האָט ער זיך דורכגעשריבן. ער האָט גרונטיק נאָכגעפאָרשט פרט פאר פרט פון די געשעענישן אין שטעטל און וועגן דעם גורל כמעט פון יעדן יחיד דאָרט. און אזוי איז דעם מחבר געלונגען צוזאמענצושטעלן זיין ניט־קליינע ארבעט וואָס ליגט דאָ פאר אונדז. און כאָטש דאָס בוך באגרענעצט זיך נאָר מיט סקאלאט, וואַרפט עס ניט ווייניק ליכט אויך אויפן חורבן פון נאָך און נאָך יידישע יישובים אין גאליציע און אין אנדערע טיילן פון פוילן, וואָס אויך דאָרט זיינען די געשעענישן פארלאָפן כמעט אויף אן ענלעכן אופן ווי אין דעם באשריבענעם שטעטל.

אין זיין איבערגעבן די פאסירונגען און איבערלעבונגען ווייזט ארויס אברהם ווייסבראָד פיל קראפט פון שילדערונג. ערטערווייז רופט ער ארויס אפילו אונדזער באוואונדערונג מיט זיין מאָלערישקייט. ווייסבראָדן איז ניט פרעמד אויך דער סאטי־רישער שטייגער שרייבן, וואָס גראָד ביי דעם ניט־היימלעכן אינהאלט פונעם בוך טראָגט עס אריין א לייכטערע אָטעם־פויזע און א געוויסע לעבעדיקייט. א נייגונג ניט קיין קליינע האָט דער מחבר צום פילאָזאָפירן. פארטיפטע אריינטראכטונגען און פסיכאָלאָגישע חקירות זיינען ביי אים די אָפטע באגלייטערס פון דעם סיפור־המעשה גופא. ליידן אפשר די חקירות פון מחבר, און נאָך מער זיינע מסקנות, פון פריצייטיקייט, צוליב דער נאָך גאָר קורצער צייט־דיסטאנץ וואָס טיילט אונדז אָפּ פון די געשעענישן אליין, — דאָך גיבן צו זיינע אריינטראכטונגען פיל קאָלאָריט דעם אינהאלט פון בוך, מאכן פארן לייענער קלערער די פראָבלעמען פון דער ווילד־טראנישער צייט און דערוועקן אים אויך צו פארטראכטן זיך טיפער אין גאנג און כאראקטער פון די געשעענישן.

צוליב דער זעלבער קורצער צייט־דיסטאנץ, און ביי דער גאנצער אָנגעגלימערטער אט־מאָספער, אין וועלכער מיר לעבן נאָך, איז געווען אויך ניט צו פארלאנגען פון דעם מחבר, וואָס זיינע נאָענטסטע האָבן זיך אליין געפיניקט אין סקאלאטער געטאָ און אין די דערבייאיקע לאגערן, אז ער זאָל דורכוים אויסהאלטן דעם קאלטן און גע־מעסיקן טאָן, ווי אויך די פולע אָביעקטיוויטעט, ביים באהאנדלען דעם אויפפיר פון די פערזאָנען, אייגענע יידן, וואָס האָבן פארנומען העכערע פּאָסטנס אין די אינער־לעכע אָנפיר־אָרגאנען. מהאי טעמא קען מען אפשר ניט אין אלץ מסכים זיין מיט

די ארויסגעזאָגטע מיינונגען פונעם מחבר און זיינע דעציזיעס בנוגע אָט די מענטשן. מענלעך אויך אז ביי זיין באַלייכטן עטלעכע אנדערע פאקטן בעט זיך א געוויסע קאָרעקטור. — וואָס שייך אָבער דעם עצם צוגאנג פון מחבר צו די פארשיידענע פראָבלעמען, און באזונדערש זיין איבערגעבן די פאקטן אליין, מעשים שהיו, — אין דעם איז ניט צו מטיל ספק זיין; דאָ איז גלייך צו מערקן ווי דער מחבר איז דורכגעדרונגען מיט א טיפער אויפריכטיקייט, און אויף יעדן פרט, וואָס ער גיט איבער, ליגט דער חותם פון פערזענלעכן געוויסן, דורכגעווייטאָגטער איבערלעבונג און, וואָס דער עיקר, געפיל פון געזעלשאפטלעכער פאראנטוואָרטלעכקייט.

די ליטעראטור פון אונדזער לעצטן חורבן איז נאָך אזוי אָרעם, און דער חורבן אליין אזוי מוראדיק גרויס, אז דער פרינציפ פון כל המרבה לספר איז דאָ בפירוש א מיצווה שהזמן גרמה. איז טאקע צו אויפנעמען מיט דער גאנצער אויפמערקזאמ־קייט אזא ווערק ווי „עס שטארבט א שטעטל“. וואָס זיין מאטעריאל איז אזוי זאָרגפול און מיט הייליקן ברען געזאמלט, און דאָס בוך אליין ערנסט און פיין גע־שריבן, ממש לשמה. אזא ארבעט איז באמת א וויכטיקער צושטייער פאר דער גע־שיכטע פון אונדזער גרויסער קאטאסטראָפע. זאָל זיין אברהם ווייסבראָדס ארבעט א ביישפיל און אָנרעגונג פאר די יידן פון אונדזער שארית הפליטה, א דערמאָנונג פאר יעדן איינעם פון אונדז, צו ווידמען צייט און כוחות אויף שטעלן ענלעכע מצבות אויך פאר די נאָך פיל און פיל אונדזערע אָפּגעשטאָרבענע און פארשניטענע שטעט און שטעטלעך!

י. קאפלאן.

1*

צום אָנדענק פון שטעטל

(אריינפיר)

דער חורבן פונעם פוילישן יידנטום האָט זיך בלוטיק איינגעשריבן אין דער ליידנס=געשיכטע פונעם יידישן פאָלק.

יעדע שטאָט און שטעטל אין פוילן, ווו נאָר עס האָט אמאָל פולסירט א יידיש לעבן, איז אין דער לעצטער וועלט=מילחמה געוואָרן דאָס אָרט פון דער גרעסטער טראַגיק און מאַרטירערטום.

אויסגעשטאָרבן זיינען די יידישע שטעט און שטעטלעך פון פוילן. צע= שטערט און פארברענט צוזאמען מיט די יידישע לעבנס, צוזאמען אפילו מיט די בית=עלמינס.

ביים היינטיקן טאָג איז ניט פאראן אינעם קליינעם פוילישן שטעטל אפילו קיין זכר פון א ייד. די קליינע רעשטלעך פונעם חורבן, וועלכע וואָגלען ארום צע= זייטע און צעפרייטע אויף פרעמדער ערד, זוכנדיק א היים און א מאָרגן, ווייסן צו דערציילן שוידערלעכע פרטים פון די שחיטה=שטעט. יעדער על פי נס אָפּגעראַ= טעוועטער יחיד איז דער לעבעדיקער און הויפּט=עדות אינעם מאָנסטרום=פאַר= ברעכן, וואָס רופט זיך יידישער מאסן=מאָרד; יעדעס שטעטל באזונדער איז א מאָנומענט פאר אלע צייטן, א גרויסער דאָקומענט פון טראגיק און קידוש השם; יעדעס איינגעפאלענע הייזל, יעדער שפאן ערד, יעדער שטיין איז באקלעפט מיט יידיש בלוט, וואָס שרייט, מאָנט און פרעגט: פ א ר ו אָ ס ?..

אויב ווען מיר זאָלן שוין וויסן גענוי דעם טרויעריקן סך=הכל פונעם טאָ= טאלן אונטערגאנג פון דעם פויליש=יידישן שטעטל, — האָט נאָך אָבער יעדעס שטעטל באזונדער זיין ספּעציפישע געשיכטע, זיין אייגנארטיקן ליידנס=וועג, וואָס דערציילט אונדז וועגן דער פארשיידנארטיקייט פון דער גרויסער מארטיראָלאָגיע.

די מענטשלעכע ליידן פון יענער צייט זיינען אזוי גרענעצלאָז און שוידער=

לער, אז ווען מען פּרווט דאָס היינט דערציילן, קלינגט דאָס כמעט אומפאַרשטענד־לער און אפילו ווי אומגלייבלעך.

און היינט, ווען איך וויל דערציילן וועגן דער גרויסער טראַגעדיע פון א קליין שטעטל אין גאַליציע, האָב איך דערביי צוויי כוונות: 1. אויפן סמך פון די איינגע איבערלעבונגען און געזאַמלטע מאַטעריאַלן וויל איך געבן א באַשרייבונג פון דעם יידישן אומקום אין דעם דורכשניטלעכן גאַליצישן שטעטל. וואָרעם ווי נאָר היטלער האָט אוועקגעשטעלט זיין ברוטאַלן שטיוול אין גאַליציע, האבן די גע־שעענישן מיט די יידן אומעטום באַקומען די זעלבע פאָרעם. וויל איך אין דעם בוך איבערגעבן פון דעם יידישן גערענגל אין גאַליצישן שטעטל, דעם קאַמף און אומ־קום; ווי אזוי עס האָט אמאָל געבליט א יידישער ציבור אין דעם יידישן שטעטל, ווו די מענטשן האָבן נאָכדעם געהאט אזוי פיל אויסצושטיין און ווי אזוי זיי זיינען אומ־געקומען, ביז די לעצטע פון די לעצטע. די גרויסע טראַגעדיע פונעם קליינעם שטעטל זאָל אויך פאַרפיקסירט ווערן אין ליכט פון אָביעקטיוון אמת, אָן גוזמאות, אָן באַ־צירונגען און אויסרימעריי. דאס דערציילן דעם ברוטאַלן אמת, אויך זיך מודה זיין אין איינגע פעלערן און שוואַכקייטן, דאַרף ניט באַטראַכט ווערן, ווי א פאַרשוועכונג פון זיכרון פון אונדזערע קדושים, נאָר ווי א שטרעבונג צו געבן דורכוויס א געטרייע באַלויכטונג, וואָס זאָל דינען אויך אלס מוסר השכל פאר אונדזער דור און צו־קונפט. 2. מיט דער באַשרייבונג וויל איך שטעלן א מצבה דעם אויסגעמאָרדעטן יידישן שטעטל סקאַלאַט. דאָס קליינע שטעטל סקאַלאַט און סביבה מיט די בערך 5000 יידישע איינוווינערס, וועגן וועלכע עס וועט ווייניקער געשריבן ווערן, ווי וועגן וואַרשע, קאָוונע אָדער ווילנע; דער לאַגער אין סקאַלאַט מיט זיינע 400 געפּטלינגען, וועלכער איז ניט אזוי וועלט־באַוווּסט, ווי למשל, טרעבלינקע, אויש־וויץ אָדער מיידאַנעק — איז אָבער דווקא אָט דער קליינער ציבור אין זיין טיפער און שטילער טראַגעדיע, הגם אין קלענערן פאָרמאַט, אזוי שווער אומפאַרשטענד־לעך, אזוי באַזונדעראַרטיק גרויליק, אז דאָס פאַרלאַנגט באמת א טיפן פּסיכאָלאָ־גישן אריינטראַכטן און גרונטיק אריינדרינגען אין דער מעטאַפיזיק פון ליידן און טויט.

א הייליק מיסטעריום, א בלוטיקער סימבאָל וויקלט זיך ארום דעם עבר פון מיין שטעטל. און ביים פאַראייביקן דעם אנדענקן פון יענע קדושים, שוועבט אום זייער גייסט, ער וועקט, דערמאָנט און מאָנט: פ א ר ג ע ס ט נ י ט אָ ן א ו נ ד ז!!

מיין שטעטל איז געשטאָרבן.

איך בין ווייט הײנט פון מיין היים, אָבער נאָך איצט הער איך דעם יאָמערדיקן געוויין פון זיינע מאסן־קברים, נאָך איצט הער איך דעם לעצטן קרעכץ פון מיין פאָטער ז"ל, וועלכער האָט אין איינעם אזא קבר אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה, צוזאמען מיט אלע אנדערע קדושים, קרובים, פריינד און חברים פון מיין שטעטל. נאָך הער איך איצט דעם הייליקן אָפּהילך פון דעם לעצטן „שמע ישראל" — אויסגעשריי. ביז שינעון מאכט עס אויפשוידערן!

מיין דערציילן די טרויעריקע געשיכטע וועגן לעבן און אומקום פון מיין שטעטל — איז דער ווייי־געשריי פון די טויזנטער אומגעקומענע דאָרט.

ווי שוואך אָבער זיינען ווערטער אקעגן דער גרויסקייט פון מות־קדושים!!!

גיט אָ מער דאָס יידישע שטעטל, געבליבן איז בלויז זיין זיכרון.

זאָל אויך דערפאר מיין באשיידענע ארבעט זיין די סימבאלישע מצבה פארן זיכרון פון אלע קדושים ומהורים פון מיין אָפּגעשטאָרבענעם שטעטל סקאלאט.

וינוחו בשלום על משכבם.

דער מחבר.

דאָס שטעטל פון אמאָל

צווײ קילאָמעטער הינטערן שטעטל, ביים סאמע ראנד פון א װעלדל, שפּראָצט ארויס פון דער ערד א שטײנערנער קאָלאָס: א פעלז, װאָס איז הויך, ברייט און ריזיק. מיט זײן גלאטער און האלבקײלעכדיקער פאָרעם זעט ער אויס פון דער װייטנס װי א גוואלדיק גרויסער מענטשלעכער קאָפּ מיט א פּליך. ארום דעם פעלז זײנען אויף א גרעסערן שטח צעלײגט קלײנע פעלזיקע בערגלעך, װאָס קוקן אויס קעגן אים, דעם ריז, װי קארליקעס. די נאטור אליין האט אפּנים אָנגעמאָסטן דעם נאמען סקאלאט פארן שטעטל, װייל אין סלאװישן הייסט א פעלז „סקאלא".

עס זײנען יאָרן און דורות געגאנגען און א יישוב איז דאָ געװאקסן און גע־װאקסן. די פּאָדאָליער ערד איז פּרוכטבאר און האָט פון קדמונים דערפאר גע־צויגן צו זיך מאסן אײנװוינער. פון א קאָלאָניע איז דאָ ניך ארויסגעװאָקסן א דערפל, פון א דערפל — א דאָרף, פון א דאָרף — א שטעטל, פון א שטעטל — א שטאָט, די שטאָט סקאלאט, װאָס איז דורך יאָרן און דורות ארומגעפלאָכטן געװאָרן מיט א קראנץ פון 72 דערפער. צװישן װעלדער און פעלדער, צװישן טאָלן און לאָנ־קעס זײנען געװאקסן די כאטעס און געמערט זיך די מענטשן. און אונטערן צייכן „פון שװיים אויף דעם שטערן" האָט ארבעט געבליט, האָט ארבעט געשפּייזט. דער זברוטש האָט געשטראָמט אין דער מיטן און אָנגעצייכנט ביי פּאָדװאָלאָטשיסקע, מארנאָרודע און אדורך פיל אנדערע דערפלעך די רוסישע גרענעץ, א מהלך 12 קי־לאָמעטער פון סקאלאט.

סקאלאט, דאָס שטעטל אין טארנאָפּאָלער קרייז, מיזרח־גאליציע, אין גע־װעזענעם פּוילן, פארמאָגט זײן אײגענע געשיכטע װעגן קאמפן און ניצחונות, װעגן טאטארן און קאָזאקן, װעגן פייער און בלוט.

פונעם זיבצנטן יאָרהונדערט אפיר קוקן ארויס פונעם שטעטל 4 טורעמס מיט רויט־קאכליעדיקע דעכער, װאָס דערהייבן זיך פון די אלע 4 עקן פון דער ארומיקער ריזיקער מויער. אָט שטייען קליינע אלט־מאָדישע קרומע און איינגע־הויקערטע הייזלעך, אויסגעשטעלטע אין שורות. מען זעט אויך איינציקע כאטעס,

כאאָטיש צעוואָרפענע, וואָס בייגן זיך כורעים טיף צו דער ערד. אין סאמע מארק⸗פּלאַץ אקעגנאיבער דער קירך, הויקערט זיך מיט דעם ביסל הייזלעך דאָס אלטישקע פּיציניע⸗געסל—א זכר פון דער גרויסער שרפה צוריק מיט א יאָר 50, ווען נאָר דאָס געסל איז על פּי נס אָפּגעראטעוועט געוואָרן. דאָרט ארום צעליינגן זיך די קליינינקע, ליימענע הייזלעך, אָנגעשפּארטע איינס אָן דעם אנדערן, און פון זייערע דורכגעפוילטע שינדל⸗דעכער גרינט ארויס דער הויך⸗אָנגעוואקסענער מאָך. דאָ זעט מען די פּאָר פארחושכטע, גרויסע ארייַנפאָר⸗הייזער, מיט די אומגעלומפּערטע ראָמבּואידן⸗פּאָרמיקע דעכער און ברייטע פּאָדאשקעס, אונטערגעשפּארטע פון סלופּעס. דאָ און דאָרט, מייסטנס אין די הויפּט⸗גאסן פון סאמע צענטער, שטייען די פּאָר איינשטאָקיקע הייזלעך מיט גרוי צינקענע דעכער. פון זיי טיילן זיך אויס באזונדער די בנינים פון דער שול, פון דער סטאראָסטווע, פון דער פּאָסט, פונעם געריכט און, ביים ראנד פון שטעטל, דער גרויסער סאָקאָל⸗בנין. זיי קוקן ארויס מיט נאוה, גלייך זיי וואָלטן געווען וואָלקן⸗קראצער, די העכסטע דערגרייכונג פון דער מאָדערנסטער טעכניק אין דער קליינשטעטלדיקער ארכיטעקטור... דער קלויסטער פונעם מארק⸗פּלאַץ, די צערקווע פון דער גמינע גאס און להבדיל די שול פון דער באָד⸗גאס שלאָגן זיך בולט אפּיר פון אלע בנינים, און שוין פון דער ווייטנס דערציילן זיי באלד יעדן אז דא אין סקאלאט ווערט גאָט געדינט דורך 3 רעליגיעס. יידן, אוקראינער און פּאָליאקן לעבן דאָ צוזאמען שוין הונדערטער יאָרן. עס האָבן זיך געבונדן אלטע טראדיציעס מיט נייערע צייטן. מען האָט צווישן זיך געשלאָסן מיסחרים, עסקים, געהאנדלט, געוואנדלט, געליען זיך געלט. האָבן אויך פארשיידענע ווינטן געמענגט בלאָזן, מען איז אָבער צווישן זיך דורכגעקומען.

פון די קרוב 8000 איינוווינער, וואָס באפעלקערן סקאלאט מיט אירע פּעריפעריעס (מאנטיאווע, פּרעטשעפּינקע, קריווע, נאָווי⸗שוויאט און קשיאָנזשע קאט) זיינען אין יאָר 1939 געווען ביי 60 פּראָצענט יידן, וועלכע האָבן דאָ פארנומען דעם סאמע צענטער פון שטעטל. א באפעלקערונג: קליינהענדלערס, בעלי⸗מלאכות, סוחרים, א ביסל פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, באאמטע און — דער גרעסטער טייל — אָרעמעלייט, תורה⸗לערנערס, בטלנים פונעם עלטערן דור און סתם יידישע ליידיקגייערס, צוליב ארבעטסלאָזיקייט. קען מען טאקע אָנרופן סקאלאט א יידיש שטעטל. יע, סקאלאט איז אין גאליציע איינס פון די עלטסטע יידישע שטעטלעך, ווו עס רעכנט זיך א יידישער יישוב נאָך פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט און אפשר נאָך פריער.

א גרופּע סקאלאטער יוגנט פון פאראיין „התאחדות“ אויף אן אויספלוג ביי דער „סקאלע“ (1927). נאָר געציילטע פון די אלע לעבן היינט.



דער וועד פון פאראיין „התאחדות“ אין סקאלאט פאר דער מילחמה. ערשטער פון רעכטס אין דער שטייענדיקער ריי — דער מחבר פון בוך. נאָר 4 פון די אלע לעבן הײנט.

ביים סוף פון ניינצטנטן און אָנהייב צוואנציקסטן יאָרהונדערט איז גע־גאנגען א שטארקע עמיגראציע קיין אמעריקע, צוליב נויט, הונגער און אויסזיכטס־לאָזיקייט. דערצו האָט אויך גורם געווען דער אנטיסעמיטיזם און די פּאָגראָם־כוואליע פון רוסלאנד. הונדערטער מישפּחות אין סקאלאט האָבן מיט יאָרן שפּע־טער באקומען שטיצע פון זייערע קרובים פון עבר־לים. דאָס האָט אויך א ביסל געלינדערט די נויט. אמעריקאנער לאנדסלייט האָבן מיט דער צייט אויפגעשטעלט אין שטעטל א גרויס יתומים־הויז אויפן נאָמען פון לואיס ראָזענבלאט; זיי האָבן געהאָלפן אויסבויען די קאָאָפּעראטיווע באנק און די גמילות חסד־קאסע, מיט וועל־כער יידן האָבן זיך ארויסגעהאָלפן מיט הלוואות אין די קריטישע צייטן.

א יידיש לעבן האָט געבליט אין סקאלאט. עס זיינען דאָ טעטיק געווען אינסטיטוציעס און אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן רעגולירט דעם סאָציאלן, קולטו־רעלן, רעליגיעזן און געזעלשאפטלעכן לעבן. כאָטש סקאלאט איז געווען א פרומע און חסידישע שטאָט, איז דער אונטערגעוואקסענער נייער דור געגאנגען אויף די וועגן פון פאָרשריט און נאציאָנאלער מאָדערנער דערציאונג. אלע פּארטייען, פון עקסטרעם לינקס ביז עקסטרעם רעכטס, זיינען געווען אָרגאניזירט און משפּיע גע־ווען אויף דער יוגנט. דאָס שטעטל האָט זיך ניט אונטערשיידט פון אנדערע פּוילישע שטעטלעך, וואָס זיינען געשטאנען אין טאָג־טעגלעכן קאמף פאר עקסיסטענץ און מענטשלעכע רעכט.

מיטן ריטעם פון דער געשיכטע. אינעם פּלאָנטער פונעם פּאָליטישן וועלט־גאנג, אונטער דעם כסדרדיקן בייטן זיך פון רעזשימען, האָבן אויך די סקאלאטער יידן דורכגעמאכט קאלט אוןווארעם. צו ערשט די אלט־פּוילישע הערשאפט, דער־נאָך די עסטרייכישע, די ערשטע וועלט־מלחמה, די אוקראאינישע בליץ־מלוכה, ווי־דער די פּוילישע, די צווייטע וועלט־מלחמה מיט דעם סאָוועטישן אריינקום אין גאליציע, און נאָך דעם די דייטשע אָקופּאציע מיט די אלע נאָכווייענישן אירע, און ווידער אמאָל די סאָוועטן, אָבער דאָס מאָל שוין אָן יידן...

פארשיידענע רעזשימען האָט דאָס יידישע סקאלאט דורכגעמאכט דעם גורלדיקן ליידנס־וועג, מיט די אלערליי נגישות און צרות, הונגער און פּיין — און דאָך דורכ־געלעבט און דורכגעהאלטן די שווערסטע צייטן. ערשט דער דייטשער וועלט־מטורף איז עס געוואָרן דער מלאך־המות, דער תליון פון דעם שטעטל, ווי פון די אלע שטעט און שטעטלעך אין גאנץ פּוילן. —

זאָלן איצט פאקטן דערציילן וועגן לעבן, געראנגל און אומקום פון סקאלאט!

ערב דעם פייער

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מילחמה צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־פאַר־באַנד (22.6.1941) איז נאָך אין שטעטל סקאַלאַט אָנגעגאַנגען אַ נאָרמאַל לעבן. די סאָוועטן האָבן אין די 22 חדשים פון זייער הערשאַפט אין מיזרח־גאַליציע באַוויזן צו אַריינברענגען אַ געוויסע רו און אָרדענונג אין לעבן. די פּאָליאַקן, די געוועזענע באַלעבאַטים פון דעם לאַנד, וואָס האָבן אָקערשט פאַרלאָרן זייער מלוכה־שע זעלבסטשטענדיקייט, האָבן מיט ציינקריצעניש פאַרטראָגן דעם אַזוי גערו־פענעם „רויטן גלות". אויך די אוקראַינער, וועלכע האָבן פון תמיד געהאַט צו אָט דער ערד הערשערישע אַפּעטיטן און געטרוימט וועגן פולער סוווערעניטעט, האָבן זיך באַצווינגען צו דער ראַטנמאַכט מיט שינאה און צוויי־פּנימדיקייט. די יידישע באַ־פעלקערונג האָט זיך צו יענער צייט בכלל געפונען אין אַ זייער אומאַנגענעמען מצב, צווישן האַמער און קאָוואַדלע, פון איין זייט די נייע מאַכט, און פון דער צווייטער זייט דער פחד פון „למה יאמרו השכנים". דער אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט דאָ געשפּראָצט פון גאַנצע דורות אפיר און איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין דער נשמה פון די ניט־יידישע שכנים, האָט ערשט איצט געהאַט דעם ריכטיקן און פרוכטבאַרן פעלד פאַר וווּקס און עקספּאַנסיע. דאָס אַריינקומען פון די סאָוועטן איז געווען דער ברענשטאָף, וואָס האָט נאָך מער געהאָלפן אויפבלאָזן דאָס פייער פון שינאת־ישראל. „זשידאָ־קאָמונא" האָט מען דאָך יאָרנלאַנג אויף דער פּוילישער ערד געפּרעדיקט, און איצט „פּאַנאָשען" זיך די יידן ווי ביי זיך אין די היימען מיט די אייגענע מהותנים און פריינד...

בכלל האָט איצט יעדער געאַרבעט, און עס האָט זיך געלעבט אי גוט אי שלעכט, לויט די צוגעפּאַסטע באַדינגונגען פון דעם נייעם רעזשים. עס איז געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלע דערשיינונג וואָס די יידן האָבן זיך גיכער געקענט צופּאַסן צו דעם נייעם לעבן. די סאָוועטישע מאַכט, ווידער, האָט אויך געהאַט מער פאַרטרויען צו דער יידישער ווי צו דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. דערפאַר האָט מאַקע אַ גרוי־

סער טייל פון די יידן, דאָס רוב פון די ארבעטער-קרייזן, ווי אויך בעלי-מלאכות און ארבעטנדיקע אינטעליגענץ, פארנומען דעם אויבן אָן אין ווירטשאפטלעכן און געזעלשאפטלעכן לעבן. אויף אלע ארבעטפּלעצער, אין אלע קאָאָפּעראטיוון, אין אלע קאָמונאלע און עפנטלעכע אמטן און אינסטיטוציעס האָבן יידן פארנומען אָנגעזעענע ערטער.

ווער דען האָט זיך געקענט בעסער צופּאסן צו די נייַ געשאפענע לעבנס-באדינגונגען?

מיטן גרונטיקן איבעראנדערשן די סאָציאלע און עקאָנאמישע סטרוקטור זיינען יידן געבליבן אָן עקסיסטענצן און אָן ברויט. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג איז באשטאנען פון סוחרים, קליינהענדלערס, בעלי-מלאכות, פרייע בארופן און סתם ליידיקגייערס, וואָס האָבן וועגעטירט אין דעם קליינשטעטלדיקן אויסזיכטסלאָזן גלות-לעבן. די צאָל פון די גבירים און „בורזשויען" איז געווען א ניט גרויסע. יעדער פון די דעקלאסירטע יידן האָט זיך געריסן צו פּאָסטנס און סתם צו וועלכער נאָר ארבעט. ווייל „דער וואָס ארבעט ניט — דער עסט ניט" איז געווען דער פּאראָל פאר דעם נייעם סדר העולם. אויך די מענטשן פון די בירגערלעכע שיכטן, די געוועזענע הויזבאזיצער און סוחרים, האָבן זיך באמיט צו ארבעטן, כדי צו באקומען א „ספּראווקע", א הכשר אויף צו לעבן, ווייל יעדער האָט מורא געהאט באטראכט צו ווערן פאר א „ניע-ראבאטשי" (ניט-ארבעטנדיקער), וועמען עס האָט געדראָט פארשיקט צו ווערן, אָדער סתם אויס-צושטיין צרות.

ניט וויכטיק, פאר וועמען לשם שמים און פאר וועמען ווי א דעקמאנטל בלויז, — די פאראָרעמטע און דעקלאסירטע יידישע באפעלקערונג האָט געשטרעבט צו ארבעט און פּראָדוקטיוויזאציע. דער אומשיכט-פּראָצעס פון די ברייטע מאסן האָט איבער נאכט, קען מען זאָגן, אָנגענומען סטיכישע אנטוויקלונג-פאָרמען. די דערשיינונג איז אָן ספק געווען דורכאויס פון פּאזיטיוון ווערט פאר דעם סאָציאלן ווידעראויפבוי און ווידער נאָרמאליזירונג פונעם יידישן לעבן.

די ניט-יידישע באפעלקערונג, די אוקראינער און פּאָליאקן, וואָס זיינען געזעסן אויף אייגענעם באָדן, אין זייערע איינגעריכטעטע לאנדווירטשאפטן, האָבן ניט געדארפט דורכמאכן קיין באזונדער דערשיטערנדיקן סאָציאל-עקאָנאָמישן איבערברוך אין זייער שטייגער לעבן. זיי האָבן דערפאר אויך ניט געהאט נייטיק

צו זוכן נייע ארבעטספּלעצער און פּרנסה־קוועלן. קיין שום פּויער האָט ניט אויפגע־הערט צו בלייבן פּויער. „אונדזערע זיינען נעגאנגען, אונדזערע וועלן קומען" איז געווען דאָס באקאנטע, פילזאָגנדיקע פאָלקס־ווערטל צווישן די ניט־יידן. זייער גאנצע טראגעדיע איז געווען בלויז פון אידעאָלאָגישער, נאציאָנאלער און טעריטאָ־ריאלער נאטור. זיי האָבן זיך געלעבט בשלום ושלווה און געווארט אויף בעסערע צייטן, בעסערע קאָניוקטורן.

לגבי דער סאָוועטישער מאכט זיינען זיי טאקע געווען צו שוואך און מאכט־לאָז, לגבי יידן אָבער, ביים פארשפּרייטן אנטיסעמיטישן ניפט און צוגרייטן דעם באָדן פאר שחיטות, זיינען זיי געווען שטארק, גיבורים ממש. — און דער קינאה־שינאה־באציל, דער אנטיסעמיטיזם, ניט געקוקט אויף דער אייגענער נאציאָנאלער טראגעדיע, האָט צווישן די ניט־יידן געבליט און אויסגעוואקסן אין א ריזיקן כוח, וואָס האָט פארטומלט דעם פארשטאנד און די מוחות פון די מאסן מיט זייערע אָנפירערס צוזאמען. דערפאר האָבן זיי קוים דערווארט די דייטשן. שוין גלייכער די דייטשן איידער די סאָוועטן, האָבן זיך פיל פּאָליאקן געטראכט. און די אוקראי־נער האָבן דאָך אין היטלערן געזען דעם משיח און גרינדער פון א זעלבסטשטענ־דיקער אוקראינע

עס שארפן זיך די מעסערס...

שוין אין די ערשטע טעג פון דער מילחמה האט אין שטאָט געהערשט א ווילדע דענערווירטע שטימונג. מען האט געפילט בחוש, אז מען שטייט אַט פאר גרויסע געשעענישן. דער ראדיאָ ברענגט אלארמירנדיקע ידיעות. „הערעסגרופע זיד“ אונטער דער אָנפירונג פון פאָן רונדשטעט מארשירט אויף גאליציע און וואָלין. די סאָוועטישע מאכט האָט אפילו געפרווט אויפהאלטן דעם גייסט ביי דער ציוויל-באפעלקערונג, אָבער אליין זיינען זיי שוין געשטאנען גרייט צו אנט-לויפן. אין די ערשטע טעג פון יולי 1941 האָבן די סאָוועטן אָנגעהויבן פלאנמעסיק צו פארלאָזן די שטאָט.

מיט זיי זיינען מיטגעפאָרן אן ערך 200 יידן, מיינסטנס ארבעטערס, בעלי-מלאכות און סתם מענטשן מיט א קלאָרן שכל און בליק. עס איז צו באטאָנען „מיט א קלאָרן בליק“, ווייל ניט אלע יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן א קלאָרן דין וחשבון, ווי גרויס עס איז די סכנה. פארקערט, ווי נאריש פאטאל דאָס זאָל ניט קלינגען, עס האָבן זיך נאָך געפונען מענטשן, דאָס רוב פון די בירגערלעכע קרייזן, וואָס האָבן געמיינט, אז מיט די דייטשן וועט אפשר מעגלעכער זיין צו לעבן ווי מיט די באָלשעוויקעס. ווהין אייגנטלעך האָט מען צו לויפן—קיין רוסלאנד, אין רויטן גיהנום אריין? — אזוי האָבן אָט די יידן באנומען די לאגע. אן אנדערער טייל יידן, די מערהייט פון דער באפעלקערונג, האט זיך גלייכגילטיק נאאיוו גע-זאָגט: ווי לאָזט מען עפּעס איבער א היים און מען גייט אין גלות אריין? און יידן האָבן איבערגעלאזט זייער גורל אין די הענט פון גאָט — און פון דער צוקונפט.

דעם דריטן יולי האָט די סאָוועטישע אדמיניסטראציע, די פּאָליציי און באוואָפנטע אָפּטיילונגען פארלאָזן די שטאָט. געבליבן זיינען נאָר א פּאָר געציילטע סאָלדאטן, וואָס האָבן געהאט באזונדערע אויפגאבעס אויסצופירן. די שטאָט איז געבליבן הפקר. די אונטערוועלט-מענטשן און פארשיידענע פּויערים פון ארום

האָבן אויף די פּוסטע גאַסן געזוכט אַ פּאַסיקן מאָמענט פאַר אַוואַנטורעס און רויב־געלעגנהייטן. און עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט ווי עס האָט פּאַסירט אַ פאַל וואָס איז באמת געווען דער ערשטער סיגנאַל פאַר דער שרפה, דער אַנ־הייב פאַר אומרועןן און שפּיכת־דמים נאָך איידער די דייטשע שטיוואַלעס האָבן באַטראָטן דאָס שטעטל. אַ פּויער מיטן נאָמען הילקאָ קאַרי (אַנדערע זאָגן, אַז קרופּאַ האָט ער געהייסן) האָט צו די יידן געזאָגט: „וואַרטס, וואַרטס, איר זשי־ראַנעס, עס קומט באַלד היטלער און מיר וועלן אייך אויסקוילען ווי די עופות!" — אַ סאָוועטישער סאָלדאַט, וועלכער איז דערפון באַלד געוואָר געוואָרן, איז אויפ־געשפּרונגען פון אַזוינע רייד; ער האָט געפּאַקט ערגעץ דעם פּויער, אים אַרויסגע־שלעפּט אין פעלד אַרויס און אים דאָרט אָוועקגעלייגט אַ טויטן. דער פּאַרפּאַל האָט אויפגעהעצט נאָך מער די צעיושעטע פּויערים, און שוין באַלד האָט די קרי־וער קאַלאַניע געהאַט אַן אויסרייד זיך ביטער נוקם צו זיין אָן די פּאָר יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געוווינט אין זייער שכנות, און זיי אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אויסצומאַרדן. דער דערשאָסענער פּויער איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ היי־ליקן מאַרטירער, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון „יידישע הענט".

די פּויערים אין שטאָט און אין די דערפער האָבן זיך געקאָכט. זיי האָבן אָנגעהויבן שאַרפן זייערע מעסערס צו דער קומענדיקער שחיטה. — פרייטיק, דעם 4טן יולי, אין האַלבער נאַכט האָט מען געהערט אַ כסדרדיקן פּויקן פון מאַשין־געווער, אויך דעטאָנאַציעס פון אויפרייסנדיקע גראַנאַטן. 2 אַ זייגער ביינאַכט איז אָנגעקומען דער ערשטער דייטשער פּאַטרול אויף מאָטאָציקלען. ער האָט זיך אויסגעקוקט אין דער געגנט און דערנאָך געופן מיט הויכע קולות: „ברידער אוק־ראַינער, ערוואַכט! ברידער אוקראַינער, ערוואַכט!" מען האָט זיי ניט באַדאַרפט וועקן, ווייל זיי האָבן סיי ווי סיי געוואַכט און מיליטעריש צוגעהאָלפן דעם דייטשן מיליטער, און בפרט ביים אויסרויבן און אויסמאָרדן די אַנטלויפנדיקע יידן, וואָס זיינען אין די מאַסן געווען צעשפּרייט אויף די אַלע פעלדער.

שבת דעם 5טן יולי 1941, פינף אַ זייגער פאַרטאָג, זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט די רעגולערע דייטשע חילות. צווישן דער אוקראַינישער באַפעלקערונג איז געווען גרויס די שימחה. זיי האָבן זיך אויסגעפּוצט אין יומטובדיקע קליידער, דעקאָרירט זיך מיט בלוי־געלע קאָקאַרדעס, אויך די הייזער באַצירט מיט נאַציאָ־נאַלע פאָנעס, אויך רויטע פאָנעס מיט האַקנקרייצן האָבן דאָ און דאָרט געפלאַ־

טערט. מיט בלומענקרענץ אין די הענט, מיט לידער אויף די ליפּן זיינען אוקראַי־נער געגאַנגען מקבל־פּנים זיין זייערע דייטשע באַפרייערס. מען האָט זיך געקושט און פאַר גרויס שימחה געטאַנצט אין די גאַסן.

שבת אין דער פרי זיינען זיך אַ טייל יידן בהרחבותדיק, מיט די טליתים־זעקלעך אונטער די אָרעמס, געגאַנגען דאַווענען, גלייך גאָרניט וואָלט געשען. און אַנדער טייל — אמת, אַ גאָר קליינער — איז געגאַנגען באַוווּנדערן די דייטשע טעכניק. הײַנט קלינגט עס זיכער ווי אַ קוריאָז, — מאַנכע יידן זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַזאַ קולטור־פאָלק, ווי די דייטשן, וועלן קיינעם ניט טשעפּען. נאָכמער: איצט איז שוין אפילו זיכערער מיטן לעבן, פריער האָט געדראָט אַ געפאַר מצד די צעווילדעוועטע גויים, אָבער איצט איז דאָך שוין דאָ אַ ממשלה. — דאָס דייטשע מיליטער האָט אין אָנהייב ניט געטשעפּעט. פאַרקערט, גערעדט אפילו מיט יידן פריינדלעך און דערציילט זיי די גרויסע ניסים און זייערע העלדנטאַטן איבער די רוסישע. — די זעלבע יידן האָבן נאָך דעם איינגעטענהט מיט די אַנ־דערע: „נאַראָנים, פאַרוואָס באַהאַלט איר אייך, זיי טוען דען עפּעס שלעכטס?“ . . .

די בירגערלעכע יידן, — למען האמת, ניט אַלע — האָבן זיך נאַאיוו איינ־גערעדט, אַז ווען אפילו אין ערגסטן פאַל — איז ניט זיי מיינט מען עס, נאָר די אָרעמע קאָמפּאַניע („אָרעמע קאָמפּאַניע“ — דאָס איז דער אָרעמער עולם, די אַר־בעטער און בעלי־מלאכות. די באַצייכענונג זאָל שטאַמען דערפון, וואָס אָט דער עולם פלעגט מיינסטנס אויסקויפן פּאַטענטן פון אָרעמער קאַטעגאָריע). אַלזאָ, די סאָציאַליסטן אָדער באָלשעוויקעס, זיי מעגן עס מורא האָבן. ניט אָבער דער ביר־גערלעכער עלעמענט. די דייטשן ווייסן דאָך אַליין, אַז אויך די זיינען די קרבנות פון רויטן רעזשים. פאַרקערט, זיי וועלן מן הסתם אָפּגעבן דאָס פעלד, די קאָנפיסקירטע פאַרמעגנס, די נאַציאָנאַליזירטע הייזער... אַזוי האָבן מאַנכע קראַנקע מוחות געפילאָזאָפירט. זיי האָבן זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז ניט מער ווי אַ נאַרי־שער אָפּטימיזם פאַרקריפּלט זיי דאָ דעם געדאַנק.

אַרום 10 אַ זייגער אין דער פרי זיינען עטלעכע באַטאַליאָנען געבליבן שטיין אין שטעטל. דאָס רעשט מיליטער איז ווייטער געגאַנגען זייער „זיגרייכן מאַרש“ צו מיזרח. דער אָבערבאַפעלסהאַבער פון דער ס"ס־בריגאַדע האָט געגעבן אַ באַפעל צו זיינע סאָלדאַטן, אַז ער דערלויבט זיי אַביסל זיך „משמח“ צו זיין

מיט די יידן, „10 מינוטן שלאכטען יודען!“ — האָבן זיך די סאָלדאטן איינער דעם אנדערן איבערגעגעבן דעם געגויעם וואָרטקלאנג פונעם באפעל. די סאָלדאטן זיינען האסטיק אראָפגעשפרונגען פון די אויטאָס, טאנקעס און פאנצער=וואָגנס און מיט אימפעט זיך א לאָז געטאָן אין סאמע צענטער פון שטאָט. פארשוויצטע, פארשטויבטע פונעם ווייטן וועג, אין די בלויזע העמדער מיט פארקאטשעטע ארבל און צעיושעטע ווי די וועלף זיינען זיי ארומגעלאָפן מיט די פיסטאָלעטן אין די הענט און געשאָסן. צו ערשט זיינען זיי באפאלן די יידן וואָס זיינען זיי אונטערגעקומען אויפן וועג. דער ערשטער קרבן איז געווען אפרים דינער, ועמען זיי האָבן אָפגעשניטן די באָרד צוזאמען מיט א שטיק פלייש. די געשאָסענע קויל צו אים האָט על פי נס אויסגעמיטן. די מערדערס האָבן זיך געאיילט, און דער קרבן איז געבליבן ליגן א פארהלשטער אויף דער ערד. קליינע שקצימלעך, אויך עלטערע פויערים, זיינען נאָכגעלאָפן די סאָלדאטן און אָנגעוויזן: „יודע! יודע!“... אין שטאָט איז געוואָרן א בהלה, א פאניק. די דייטשן האָבן זיך געלאָזן נאָך די אנטלויפנדיקע און זיי נאָכגעשאָסן. נאָך מרדכי ארנשטיינען (דער מילכיקער) מיט זיין ווייב זיינען זיי נאכגעלאָפן ביז אונטערן טייך און זיי אריינגעטריבן אין וואסער אריין, דער נאָך צו זיי געשאָסן, און ביידע קערפערס האָבן זיך באלד אונטערגעטונקען, איבערלאָזנדיק אויפן וואסער=אייבערפלעך רויטע פלעקן. שפעטער זיינען די דייטשן, געפירט פון די אוקראאינער שקצים, ארומגעלאָפן איבער די שטיבער און געשאָסן אויף יעדן אָנגעוויזענעם יידן. אנדערע סאָלדאטן האָבן דורכגעפירט אין די הייזער רעוויזיעס, כלומרשט געזוכט געווער און באהאלטענע באלשעוויקעס, דערביי אָבער גערויבט, געשענדעט און דעמאָלירט די וווינונגען. 10 מינוט האָט גענוג נעקלעקט אויף איבערצוקערן דאָס שטעטל מיטן קאָפ אראָפ. צו אויסהרגענען 20 יידן און צו פארוווּנדן לייכט און שווער א פאָר צענדליק אנדערע. יעדער ייד האָט זיך געזוכט צו באהאלטן ווו נאָר מעגלעך. די שטיבער זיינען געבליבן הפקר, און די אוקראאינישע פויערים פון די דערפער, אויך פוילישע אונטערוועלט=מענטשן פון דער שטאָט, האָבן נאך שעהן גאנצע געבושעוועט, גערויבט וואָס עס האָט זיך נאָך געלאָזט און געשלאָגן מכות=רצח יעדן יידן וואָס זיי האָבן נאָר געטראָפן אין די שטיבער.

דאָס איז אָבער געווען נאָר דער פראָלאָג צו דער גרויזאמער שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען אויף מאָרגן, און שוין אינגאנצן אונטער דער אָנפירונג פון דער אויפגעקומענער אוקראאינישער אָרטיקער אדמיניסטראציע.

די היסטאָרישע זיצונג

דאָס אוקראַינישע דאָרף און יידישע שטעטל זיינען דורך דורות געווען אין שטענדיקן פריינדלעכן קאָנטאקט אויף דעם באָדן פון מיזרח-גאַליציע. קיין טעריטאָריאַלע פּרעטענזיעס האָבן דאָ די יידן קיינמאָל ניט געהאט. אונטער דער פּוילישער הערשאפט האָבן די אוקראַינער געליטן אַלס מינדערהייט, כמעט גלייך ווי די יידן, און דאָס האָט ווידער צוזאמענגעפירט די ביידע פעלקער צו א געמיינזאמען קאמף פאר זייערע מיעוטים-רעכט און פארן אויפהאלטן זייער נאציאָנאלן קיום. ניט איין מאָל זיינען די פאָלקס-פירערס פון די אוקראַינער ארויסגעטראָטן מיט סימפּאטיע-דערקלערונגען אויפן אדרעס פון די יידן. אויך ביי די וואלן צום פּוילישן סיים פלעגן די יידן און די אוקראַינער גיין געמיינזאם און אין אנדערע ערטער האט די אוקראַינישע פּרעסע גערופן דאָס אוקראַינישע פאָלק צו שטימען פאר די יידישע וואל-ליסטעס. —

טאָ ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אז אָט די זעלבע אוקראַינער זאָלן אויף אַזא אכזריותדיקן אופן האנדלען קעגן די יידן, זייערע שכנים דורך יאָרהונדערטער? און אָנגעפירט האָבן מיט אָט דער נידערטרעכטיקער ארבעט ניט סתם איינצלנע פינצטערע פּארשוינען פון די אוקראַינער, אָדער זייערע פאשיסטישע טעראָר-גרופּעס. צו אָט דער הימלשרייענדיקער ארבעט האָט זיך דאָ גענומען ניט קיין אנדערע ווי די „אונדאָ", די אָנפירנדיקע אָרגאניזאציע פונעם אוקראַינישן פאָלק אין מיזרח-גאַליציע און זיין לאנגיאָריקע אָפיציעלע פאָרשטייערשאפט. די „אונדאָ" האָט אָרגאניזירט די ערשטע פּאָגראָמען אין כמעט אלע שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע און דערמיט איז ארייגעצויגן געוואָרן דער גאנצער אוקראַינער כלל אין דער גרויסן בלוטיקן שפּיל. א חוץ א קליין בינטל פונעם עלטערן דור, וואָס האָבן מיט עקל געקוקט אויף די ווילדע מעשים פון זייערע זין, טראָגט היינט אויף זיך די גאנצע אוקראַינישע באפעלקערונג די מיט-אחריות פארן אונטערגאנג פונעם גאַליצישן יידנטום. לעבעדיקע פאקטן און דאָקומענטן און גבית-

עדותן וועלן דערציילן און פעסטשטעלן, אז זיי זיינען עס געווען די תליונים פון זייערע הונדערטיעריקע שכנים. דאָס כראָנאָלאָגישע איבערגעבן די פּרטים פון דעם איין שטעטל סקאלאט ווארפט אויך א ליכט אויף די פארהעלטענישן אין די אַנ־דערע שטעטלעך. אומעטום איז דאָ די אוקראַינישע באפעלקערונג געווען דער אויס־פירער פונעם מאסנמאָרד, אומעטום האָט דאָ געארבעט די זעלבע פארברעכערישע האנט.

נאָך פּרייטיק צו נאכטס (אנדערע זאָגן, אז שבת צו נאכטס) האָבן די אוקראַינער אין שטעטל אָפּגעהאלטן א געהיימע זיצונג, כדי צו באטראכטן די ניי נעשאפענע לאגע בשייכות מיט דעם זיגרייכן מארש פון היטלערן. צו דער זיצונג זיינען געקומען די פּני פון דער אוקראַינישער באפעלקערונג. אלע שיכטן זיינען געווען פארטראָטן, פונעם גלח ביז צום פויער. די פייערלעכע זיצונג האָט מען דער־עפנט מיטן אויפזינגען דעם נאציאָנאלן הימן „שטשע נע אומערלא אוקראַינא“, און באלד איז מען צוגעטראָטן אין געהויבענער שטימונג צו באהאנדלען די פראגן מע־גינא דיומא, ווי דאָס אָרגאניזירן אן אוקראַינישע מיליץ, דאָס באשטימען פערזאָ־נען, וואָס באדארפן באזעצן די עפנטלעכע אמטן און אינסטיטוציעס. איבער דער ארבעט אויף להבאָ האָבן זיך געלאָזט הערן פארשיידענע מיינונגען. א וויכטיקע פראגע איז געווען מכוח דער שטעלונג פון די אוקראַינער צו דער פוילישער בא־פעלקערונג. די וויכטיקסטע פּראָבלעם אויף דער פארזאמלונג איז אָבער געווען: וואָס טוט מען מיט די יידן? איינער נאָכן אנדערן האָבן די פארזאמלטע גענומען דאָס וואָרט, מען האָט רעציטירט גאנצע בלעטלעך פון „מיין קאמף“ און פון אלפרעד ראָזענבערגן. געקומען איז מען צום אויספיר, אז מען מוז די דייטשן אויף אלע גע־ביטן אונטערשטיצן מיט ראט און טאט, ווייל נאָר זיי זיינען די אמתע באפרייערס. „מיר מוזן געווינען ביי זיי פארטרויען — האָט איינער פון זיי געזאָגט. — די יידן זיינען דאָס אומגליק פון דער וועלט; גערעכט איז היטלער, אויך פאר אונדז זיינען זיי א ביין אין האלדז. — טאָ זאָל א סוף צו זיי נעמען!..“

נאָך אן אָפּשטימונג האָט זיך די מערהייט שטימען ארויסגעזאָגט פאר א יידן־פּאָגראָם. די פארזאמלונג האָט אָבער פארשטאנען, אז אויף דעם מוז מען באקומען דעם היתר פון די דייטשן. עס איז טאקע באלד אויף אן אָרט אויסגע־וויילט געוואָרן א דעלעגאציע פון דריי מאן, זיי זאָלן גיין צו דער מיליטער־מאכט און באקומען די הסכמה אויף איינאָרדענען א שחיטה אויף יידן, וואָס זאָל דויערן

ביז 24 שעה. דורך א מעת־לעת צייט, גלייבן זיי, וועט מען דאָ קענען פטור ווערן פון דעם יידישן געזינדל.

איינער פון די ראשי המדברים אויף דער פארזאמלונג איז געווען דער גריכיש־קאטוילישער גלח קאנאָניק אָ נ ו פ ע ר ק אָ. ער איז געווען אין שטאָט א נומ באקאנטע פערזענלעכקייט. מיט יידן איז ער שטענדיק געשטאנען אין גע־שעפטס־פארבינדונגען און פלעגט זיך רימען, אז ער איז כל ימיו אן אוהב ישראל. יידיש האָט ער גערעדט ווי א וואסער. אויף זיין אדרעס פלעגן די יידן מאכן א שפאס און זאָגן: „א הון וואָס קרייעט און א גלח וואָס רעדט יידיש — דארף מען ביידן שיקן צום שוחט"... האָט מאקע דאָס פאָלקס־ווערטל דאָ געפאסט ביז גאָר. אחוץ דעם גלח מיט זיין ווייב זיינען אויף דער זיצונג צווישן אנדערע בייגעווען אויך דער ריכטער פאָלימילע, קאָוואל מארושטשאק, ביליק, יאראָמישין, כרושטש, ווילטשינסקי — אלץ נוט באקאנטע פערזאָנען אין סקאלאט און אומגעגנט.

דעם אנדערן טאָג איז די אוקראינישע דעלעגאציע בראש מיטן קאנאָניק אָנופערקאָ געגאנגען צום דייטשן גענעראלשטאב מיט אן אונטערגעשריבענער פע־טיציע אין די הענט, כדי אויסצופועלן א דערלויבעניש אויף מאכן א פאָגראָם אויף יידן. אויפגענומען האָט זיי אן אלטער גענעראל. ער האָט טיף פארקנייטשט דעם שטערן און זיך געחידושט אויף דער פאָדערונג. ער האָט געהאט דערביי אנדערע חשבונות, ער האָט מאקע אויך געהאלטן, אז די יידן דארף מען פארניכטן, — אָבער פלאנמעסיק; פריער קען מען דאָך פון זיי ארויסבאקומען דעם דם התמצית, זייער פיזישע ארבעטסקראפט לטובת דער מילחמה־מאשין. דער גענעראל האָט מאכן א פאָגראָם דערלויבט, אָבער בלויז אויף 8 שעה. דערביי האָט ער אויך מיט א טאָן פון בארמהארציקייט באמערקט, אז קינדער און פרויען דארפן געשוינט ווערן. די דעלעגאציע האָט הארציק געדאנקט, זיך טיף פארבויגט און אוועקגעגאנגען

באלד האָבן די אוקראינער צונויפגערופן א ברייטע זיצונג פון אלע זייערע כלל טוערס, אויך מיטן אָנטייל פון זייער אָרגאניזירטער מיליץ. מען האָט באשלאָסן צו מאכן די געהעריקע הכנות צום פארווירקלעכן דעם פלאן.

די דייטשע מיליטער־באהערדן פון זייער זייט האָבן אויך באלד איבערגע־שיקט קיין בערלין א באריכט מיט די ביינעלייגטע דאָקומענטן וועגן דעם „גע־רעכטן" פאָלקס־צאָרן אויף די יידן. די פעטיציע, און נאָך צענדליקער און הונדער־טער ענלעכע פעטיציעס פון די אוקראינער אין די שטעט און שטעטלעך, זיינען

נאָך דעם דורך דעם דייטשן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום פאַרעפענטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע; זאָל מאַכן א וועלט זען, אַז, נים די דייטשן מאָרדן אוים די יידן, נאָר די היימישע באַפעלקערונג פאַרלאַנגט בפירוש צו מאַכן אליין פּאָגראָמען אויף יידן.

דער פּאָגראָם

זונטיק דעם 6טן יולי 1941 (יא תמוז תש"א) א זייגער 11 פאַרמיטאָג האָבן זיך ארויסגעלאָזט די ארגאַניזירטע באַנדעס איבער דער שטאָט. אוקראַיִנישע מיליץ מיט ביקסן און די ציווילע מיט שטעקנס אין די הענט זיינען ארומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און גערופן יידישע מאַנסלייט און יונגטלעכע צו דער ארבעט. ווילדע געשרייען, קללות, דאָס אָפּהילכן פון פּעטש, געוויינען פון קינדער און פרויען האָט ארויסגעליאַרעמט פון יעדער יידישער שטוב. דייטשע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען איבער די גאַסן און זיך צוגעקוקט, קלייבנדיק נחת פון דעם גאַנצן ספּעקטאַקל.

די יידן האָט מען געצוואונגען אויסצופירן די אומגעלומפּערטסטע ארבעטן, וואָס נאָר דער טייוול אליין קען עס אויסקלערן: איין גרופּע האָט מען באַפוילן צו אויסרייסן יונגע ביימלעך מיט די הענט. און אזוי ווי דאָס איז אוממעגלעך געווען, האָט מען די מענטשן געשלאָגן ביז צום טויט. אנדערע האָט מען געהייסן קריכן אויף אלע פיר און מיטן מויל קלייבן שטיינער, דערנאָך, קריכנדיק ווייטער, זיי אריינוואַרפן אין טעפּ. אנדערע ווידער האָבן מיט זייערע בלויזע הענט געדאַרפט רייניקן קלאָזעטן, מיט די הימלען קערן די גאַס און נאָך אנדערע משונהדיקע ארבעטן, ביי וועלכע צענדליקער יידן האָבן ביי די שרעקלעכסטע עינויים באַצאָלט מיטן לעבן. אנדערע יידן זיינען צוגעטיילט געוואָרן צום מיליטער, וו זיי האָבן געארבעט עבודת פּרך, באַקומענדיק דערביי געשלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס איבער די קעפּ. דעם יידן חיים שרענצל האָבן זיי א שוין צעממיתטן אנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און דאַן אים איבערגעפּאָרן מיט אן אויטאָ, וואָס האָט אים איינגעבראָכן הענט און פיס. ווען דער אומגליקלעכער האָט זיך געמאַטערט מיטן טויט, האָט אים א סאָלדאַט אויס רחמנות דערלאַנגט א קויל אין האַרץ אריין.

מוראַדיקע גרוילטאַטן האָבן זיך אָפּגעטאָן אויפן מאַרק־פּלאַץ ביים ברונעם. דאָרט האָבן די אוקראַיִנער אנידערגעלייגט איינעם א יידן אונטער דעם פּיסק

פונעם ברונעם און אזוי לאנג געפּאָמפּעט דאָס וואסער אים אין מויל אריין ביז דער מענטש האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. לייב יאַווערן, א פּראכטפולער יידישער טיפּ, פון שיינעם ווּקס און הדרת פנים און מיט א זילבער־גראָער באָרד — האָבן די רוצחים מיט אייזערנע דראנגען צו ערשט אויסגעבראָכן די פיס, דערנאָך אים גע־לייגט אונטער דער פּלומפּ, „אויף א קאלטן טוש" — ווי די מערדערס האָבן זיך דערביי געוויצלט. דער קרבן האָט זיך ביי זיי געבעטן, ווייזנדיק מיט דער האנט אויפן הארץ, ווייל ריידן האָט ער שוין ניט געקענט, מען זאָל אים שיסן און פארקלע־נערן אים די יסורים. די צעווילדעוועטע צוקוקערס, וואָס האָבן געקליבן נחת און געלאכט, האָבן נאָך מער אונטערגעהעצט די רוצחים: „ניין, ניין, זאָל על נאָך לעבן!.." א המון פויערים איז דערנאָך באפאלן דעם קרבן און האָבן געריסן פון זיין פּאטריארכאלישער בארד צו איינציקע האָר. דעם כמעט שוין טויטן קערפּער האָבן זיי ווידעראמאָל גענומען אונטערן וואסערשטורץ, אים ברייט אויפגעמאכט דאָס מויל און אזוי לאנג אריינגעפּאָמפּעט, ביז עס האט אים געפּלאצט דער בויך.

דעם רב ר' בנימין וואָלאָוויטש האָט מען צוגעבונדן צו אן עק פון א פערד, און דייטשן, אוקראינער און סתם פויערים, שטייענדיק אויף די טראָטוארן, האָבן אונטערגעבייטשט דעם פערד צום גאלאָפּ. דער רב איז פריער נאָכגעלאָפן און שפּעטער זיך נאָכגעשלעפּט א צעבלוטיקטער און צעפּייניקטער, ביז ער האָט, לעבן די טורעמס, אויסגעהויכט זיין נשמה. אהין האָט מען אים אריינגעטראָגן און צו־געוואָרפן צום הויפן פארפּייניקטע, וואָס זיינען שוין דאָ געלעגן טויטע. אן ענ־לעכער פאל איז פאָרגעקומען מיט א געוויסן פרידמאן, וועלכן מען האָט צוגע־בונדן צו א פאָרנדיקן אויטאָ און אים אזוי לאנג ארומגעשלעפּט איבער די גאסן, ביז זיין קערפּער איז געבליבן א ניט־דערקענבארע פלייש־מאסע, שווארץ־רויט פון שטויב און בלוט. דעם ד"ר פריד האָט מען פארשלעפּט צום עפנטלעכן קלאָזעט לעבן דער באָד. דאָרט האָט מען אים געהייסן אריינשפּרינגען אין דעם שמוץ־גרוב און דערנאָך אים נאָכגעשיקט א קויל. א סך יידן האָבן די אוקראינער אויפן אָרט געשאָסן, דערנאָך אראָפּגעצויגן פון זיי די שיך און געניישטערט אין די קעשענעס. אין אלע יידישע געסלעך, אין אלע הייזער האָבן דערווייל ארומגעבושעוועט די דאָרפס־פויערים און גערויבט אויף אייגענער האנט.

צווישן די פיר טורעמס (באשטעס), אין סאמע צענטער שטאָט, איז גע־ווען דער הויפּט־זאמלפּלאץ פאר די קרבנות. אין דעם אָרט איז עס פאָרגעקומען

די גרויסע בלוטבאָד. אהער האָבן די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן געפירט די יידן גרופּעסווייז, צו 30—40, געהייסן זיי אראָפּשפּרינגען אויף ארונטער פון איינער פון די באַשטעס, און פון אויבן האָבן זיי געזייט סעריעס קוילן פון די אווטאָמאַטן. אונטער ווייגעשרייען און שמע ישראל־אויסרופן האָבן זיך די אומגליקלעכע גע־ראַנגלט מיטן טויט. די גאַנצע צייט פון דער בלוטיקער ארבעט זיינען געשטאַנען דייטשן מיט פאָטאָ־אַפּאַראַטן און געמאַכט אויפנאַמעס. (די אלע פאָטאָגראַפיעס מיט די געהעריקע ראַנד־באַמערקונגען, זיינען שפּעטער אוועק קיין בערלין, כדי צו באַשטעטיקן, אז די אוקראַינער מאָרדן עס די יידן, אָבער גיט די דייטשן). —

דאָרט צווישן די טורעמס האָבן איבער 300 מענטשן פארלוירן זייערע לעבנס, צווישן זיי 30 יונגטלעכע און קינדער. אויפן בית־עולם זיינען פאָרגעקומען ענלעכע רציחות. גרופּעס פריש נעכאַפּטע יידן, וואָס האָבן אויפן באַפעל פון די אוקראַינער געפירט די טויטע באַגראָבן, זיינען, נאָכן אָפּטאָן זייער ארבעט, אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. מען האָט דערציילט, אז שיע בינשטאָק, נאָטע קצבס זון, האָט צווישן אנדערע הרוגים אליין באַגראָבן אויך זיין אייגענעם פאָטער, און בשעת ער האָט געזאָגט קדיש, האָבן אים די תליונים אנידערגעשאָסן און ער איז געפאַלן א טויטער אויפן פרישן קבר. אויפן בית־עולם אליין האָט מען אויסגע־שאָכטן אן ערך 150 מענטשן. ביז 3 א זייגער נאָכמיטאָג האָט די צאָל קרבנות דערגרייכט ביז 500. און ווער ווייס וויפל נאָך קרבנות עס וואָלט געווען, ווען ניט דער לופט־אָנגריף פון סאָוועטישע עראָפּלאַנען מיט זייערע באָמבעס, וואָס האָט צעיאָגט די תליונים איבער די פעלדער. דאָרפס־פּויערים האָבן זיך גראָד אין דער צייט געגרייט מיט אן אָנפאַל אויף דער שול. דאָס באָמבאַרדירן אָבער און די פּאָר קרבנות פון זיי האָט געמאַכט אן איבעררייס אין דער שחיטה. א פּאָר שעה איז געווען רואיק. דערנאָך האָט דער המון ווידער פונאַנדערגענומען די הענט. —

ניט געקוקט וואָס די 8 שעה האָבן זיך געענדיקט, איז די שחיטה, אמת אין א קלענערן פאָרמאַט, אָנגעגאַנגען נאָך גאַנצע 2 טעג, און נייע צענדליקער יידן זיינען געפאַלן פון אוקראַינישע הענט. אויך מיטוואָך אין דער פרי האָבן נאָך די אוקראַינישע מיליציאַנטן ארויסגעשלעפּט די דריי ברידער לאַסטמאַן און לאָטע גראָס, און די אלע פיר געשאָסן אונטערן אויסרייד, אז זיי זיינען באָלשעוויקעס. —

די אוקראַינער האָבן באַפוילן די יידן, אז זיי זאָלן ארויס פון די באַהעלטע־נישן, כדי אָפּצופירן צום בית עולם די הרוגים, וואָס זיינען נאָך אין גרעסטן טייל

נעלעגן ניט באגראָבענע אויף דעם שעכט=פּלאץ פון די באשטעס. א גאנצן טאָג האָבן די שטעטלשע יידן מיט פערד און וועגעלעך געפירט די מתים, איבערגע=דעקטע מיט רויט=פארפלעקטע ליילעכער און טליתים. פארשטייפטע הענט און פיס און פארבלוטיקטע קעפּ זיינען ארונטערגעהאָנגען פון די וועגעלעך און זיך גע=וואקלט מיטן ריטעם פון די רעדער. און אויף דער גאנצער לענג פונעם וועג, וואָס פירט צום בית=עולם, האָט נאָכגעטריפט מענטשן=בלוט, וואָס האָט אָנגעשריבן אין לאנגע רויטע שורות די טרויעריקע געשיכטע פון די פארלוירענע לעבנס. דאָס איז געווען די שטומע שפּראך פונעם אומשולדיק פארגאָסענעם בלוט, וואָס די פאר=שאָלטענע ערד האָט אזוי דורשטיק אין זיך ארייַנגעזאַפּט, גלייך זי וואָלט טאקע אָן דעם יידיש בלוט ניט געקענט געדייען.

אין שטאָט האָט געהערשט א טיפער טרויער. יידן זיינען געזעסן שבעה. דער צווייטער רב, וואָס איז געבליבן ביים לעבן, האָט געלאָזט אויסרופן א תענית=ציבור און געהייסן זיך ארויפטון זעקלעך אש אויפן קאָפּ, אלס צייכן פון טרויער נאָך די קדושים וטהורים.

פון די יידן איז אוועק א דעלעגאציע צום דייטשן באפעלסהאבער, און יענער האָט פארשפּראָכן רו. די מיליטער=מאכט האָט ארויסגעלאָזט אן אויפרוף צו דער באפעלקערונג, מען זאָל אָפּגעבן די גערויבטע זאכן. קיינער, פארשטייט זיך, האָט ניט אָפּגעבראכט קיין גערויבטע זאכן, און די אוועקגענומענע 560 לעבנס בעתן פּאָגראָם, איז געוויס געווען אוממעגלעך צוריקצוגעבן. —

דערווייל האָבן אָנגעהויבן צו אָנקומען טרויעריקע ידיעות אויך פון דער סביבה. אין שכנותדיקן שטעטל גזשימאלאָוו האָבן די אוקראאינער אויך אויסגע=פועלט א פּאָגראָם אויף יידן. דאָרט האָט מען ארייַנגעטריבן אין טייך ארייַן ביי 500 קינדער, פרויען און מענער און מיט א מאשין=געווער זיי אלעמען אומגע=בראכט. מען האָט דערציילט, אז דער טייך איז א צייט לאנג געבליבן רויט פונעם יידישן בלוט. אין דאָרף כמעליסק האָבן די אוקראאינישע פּויערים לעבעדיקערהייט באגראָבן 30 פון זייערע לאנגיעריקע שכנים. אין דאָרף טוראָווקא האָט מען דעם דאָרטיקן יידישן דאָקטאָר צעבראָכן די פיס, דערנאָך אים ארויפגענומען אויף די ציין פון ווידלעס. אין טלוסטע, א קליין שטעטל לעבן סקאלאט, האָבן די אוקראאי=נער אויסגעקוילעט אלע יידן ביז איינעם.

אזוי האָט אויסגעזעזן די אוקראינישע „בארטאלאמיי=נאכט“ איבער יידן אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט. קיינמאָל וועט זיך ניט פארגעסן, ווער עס איז ביי אונדז געווען דער שותּף און די רעכטע האנט פון די דייטשן. זכור את עמלק!

די גרויסע טראגעדיע פון סקאלאט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

דער יודענראט און זיינע אינסטיטוציעס

דאָס שטעטל איז נאָך געווען אונטערן דערשיטערנדיקן איינדרוק פונעם פּאָגראָם. נאָך אזוינע שרעקלעכע געשעענישן האָבן די יידן זיך שוין נים געקענט בארואיקן. די אוקראַינער זיינען געוואָרן די בעלי־בתים פון שטאָט און מיט זייער אכזריותדיקער האַלטונג האָבן זיי אָנגעוואָרפן שרעק אויף די יידן. יעדן טאָג האָבן זיי געשלעפּט הונדערטער יידן צו די שווערסטע ארבעטן, שלאָגנדיק זיי דערביי און באליידיקנדיק.

די אוקראַינער האָבן נאַאיוו געגלייבט, אז איצט קומט שוין באמת זייער צייט־פלייען און גרויס האָבן זיך געריסן צו דער מיליץ און צו די אנדערע אמטן פון דער צוקונפטיקער אוקראַינע אונטער די פליגלען פון „הימלער דעם באפרייער". שוין ארבעטנדיק אויף די פּאָסטנס האָבן זיי זיך איינער דעם אנדערן געוואָלט איבערשטייגן אין פּאטריאָטיזם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין שינאת ישראל — אין שלאָגן און מרעטן מיט די פיס די יידן, זייערע שכנים און אמאָליקע גוטע פריינד. דערמיט האָבן זיי זיך געפלייסט צו איינקויפן זיך מער יחוס ביי זייערע „באפרייערס", די דייטשן.

פון די אוקראַינישע כלל־טוער איז א געוויסער ניקאָלאַי ביליק באשטימט געוואָרן אלס רעפערענט צו רעגירן איבער די יידן. שוין אין דער צווייטער וואָך נאָכן פּאָגראָם האָט ער באאויפטראגט דעם געוועזענעם בהמות־סוחר לייבוש רעגען (צו וועלכן ער האָט געהאט א באזונדערן סענטימענט צוליב זייערע געמיינזאמע מיסחרים פון אמאָל), צו שאפן א פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. דער צייטווייליקער קאָמיטעט איז באשטאנען פון 12 מיטגלידער. דער אויבנדערמאָנטער ניקאָלאַי ביליק פלעגט יעדן טאָג קומען צום פרעזעס לייבוש רעגען און פאַרלאַנגען פון אים די געהעריקע צאָל יידן צו דער ארבעט. צו דעם צוועק פלעגט שוין יעדן אינדער־פרי אויפן מארק־פּלאַץ זיין פארזאמלט די גייטיקע גרופּעס ארבעטער, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער צוטיילונג. יידישע פרויען און מענער האָבן געקערט די גאסן, געריניקט די קלאָזעטן און געוואַשן די פּאָדלאָגעס אין פארשיידענע אמטן. א טייל

האָט אויך געאַרבעט אין די פּאָלוואַרקן און אין דערפער ביי לאַנדווירטשאַפטלע=
כער אַרבעט. אין מאַרק האָט מען אויסגעטיילט א ספּעציעל געוועלב, ווו יידן האָבן
באַקומען זייערע פּראָדוקטן.

פיר וואָכן נאָכן פּאָגראָם איז פון דער מאַרנאָפּאָלער ס"ד אָנגעקומען א
באַפעל צו שאַפן א יודענראַט, וואָס דאַרף זיין דער פאַרבינדונגס=אָרגאַן צווישן די
יידן און דער מאַכט. די אוקראַינער האָבן זיך געווענדט צו יעקב פּערלמוטער, ער
זאָל איבערנעמען די מיסיע צו שאַפן אין סקאַלאַט דעם יודענראַט. פּערלמוטער
האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. אויך קיין אַנדערער פון דער באַרופלעכער אינטעליי=
גענץ האָט ניט געוואָלט אָננעמען דעם כבוד. נאָך א פּאָר טעג אַרומוואַרפן זיך
איז מאיר נירלער (אן איידעם פון ישראל עלפענביין) געשטעלט געוואָרן בראש
פון יודענראַט. די איבעריקע מיטגלידער פון יודענראַט זיינען געווען: יהושע
צימער (פאַרבינדונגס=מאַן מיט דער מאַכט און אַפּראָוויזאַציע), יוסף לויפער
(שטייער=אַמט), ד"ר קראָן, אליעזר שיינבערג, אַפּטייקער אשכנזי, ד"ר בערקאָ=
וויטש (קאַסיר), מאָטיע פרנס, יעקב שאַרף און לייבוש דענען. צו דער אַרבעט זיי=
נען צוגעצויגן געוואָרן נאָך מענטשן פון עם שטעטל אויף אַנצופירן מיט די פאַרשיי=
דענע אַמטן. אין דעם מעטריקאַל=אַמט האָבן געאַרבעט עמיל אָרנשטיין און מענדיק
ניימאַן; אין וואוינונגס=אַמט—לעאָן ברוסט; סאָציאַלע הילף—פרוי ד"ר פריד, מג"ר
ראָזא פּיקהאָלץ און פראַנצאָז; מעדיצינישע הילף — ד"ר גוטמאַן, פרוי ד"ר האַל=
פּערן=בערקאָוויטש און ד"ר פּעע; מיט דעם יידישן געריכט האָבן אָנגעפירט ד"ר בער=
קאָוויטש און נחום סאַפיר; שפּעטער האָט זיך אויך געשאַפן א יידישע פּאָסט און=
טער דער אָנפירונג פון משה גאָטליב. די אָנפירונג מיט דער יידישער מיליץ, אָדער
די אזוי גערופענע אָרדענונגס=דינסט, האָט איבערגענומען ד"ר בריף. לכתחילה
האָט זיך געקענט דאַכטן, אז עס וועט מעגלעך זיין צו לעבן; מען דערמעגלעכט
דאָך די יידן זיך אליין אָרדענען זייערע ענינים. „מיר האָבן א קליינע יידישע רע=
פּובליק תחת כנפי הדייטש" — פלעגן זיך די יידן דאַן אפילו ווערטלען. קיינער
האָט זיך אָבער גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן, אז דער יודענראַט וועט מיט דער
צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין א געצייג אין די הענט פון די דייטשע מערדערס.

שבת דעם 19טן יולי בייטאָג איז אָנגעקומען פון מאַרנאָפּאָל די ידיעה, אז
די סקאַלאַטער יידישע באַפעלקערונג מוז אין צייט 5 טעג, ד"ה ביז דאָנערשטיק
דעם 24טן (כ"ט תמוז), איינצאָלן א קאָנטריבוציע פון 600.000 רובל. אין
פאַל ווען די יידן וועלן ניט דערפילן דעם באַפעל, וועט דאָס ברענגען פאַר זיי

טרויעריקע קאָנסעקווענצן. מיט די יידישע ענינים האָט דעמאָלט אין טארנאָפּאָל אָנגעפירט א געוויסער דייטש, פאולפינגער, און אין זיין נאָמען האָט מען אין זעלבן טאָג געשיקט רופן פאָרשטייערס פון יודענראט צו דער באצירקס־הויפּטמאנשאפט, וו מען האָט זיי איבערגעגעבן די שארפע באדינגונגען פון דער פאראָרדענונג. דער דעלעגאציע האָט מען אויך באפוילן ביזן אויבנדערמאָנטן טערמין שאפן 12 וווינונ־גען פאר די דייטשן מיט פולער איינריכטונג, ווי מיט מעבל, געשיר, וועש א"א.

האָבנדיק פאר זיך אזא שווערע אויפגאבע האָט דער יודענראט געשאפן א פארברייטערטן קאָמיטעט, וואָס זאָל אויספירן די פאראנטוואָרטלעכע ארבעט. אזא גרויסן סכום אויפצוברענגען איז ניט געווען פון די לייכטע זאכן. פדיון הנפש רייסט אָבער איין אפילו די מויערן פון דער אוממעגלעכקייט. דער קאָמיטעט האָט גענומען באשטייערן די מער פארמעגלעכע. אין אָנבליק פון דער סכנה האָבן יידן דערפילן זייער פליכט. דער קאָמיטעט האָט טאָג און נאכט פיבערהאפט געארבעט, דער פּרעזעס נירלער האָט דערביי ארויסגעוויזן אומגעהייער ענערגיע און מסירת נפש; און ביז צום באשטימטן טערמין האָט מען די נייטיקע סומע, נאָך מיט אן עודף דערביי, אויפגעבראכט. א דעלעגאציע האָט אָפּגעפירט דאָס געלט קיין טארנאָפּאָל. דער עודף איז געבליבן אין קאסע אלס רעזערוו. עס זיינען אויך געשאפן געוואָרן די פארלאנגטע 12 וואוינונגען מיט קאָמפּלעטער איינריכטונג.

אין דער ערשטער צייט איז די הויפּט־טעטיקייט פונעם יודענראט באשטא־נען אין: 1. צושטעלן יעדן טאָג 200—300 יידישע ארבעטער פאר די דייטשע און אוקראינישע מאכטהאָבער, 2. אפּראָוויזאציע פון דער יידישער באפעלקערונג; צו דעם צוועק איז געשטאנען צו דיספּאָזיציע א יידישע בעקריי, 3. איינשטעלן די טעטיקייט פון די נאָר וואָס געשאפענע אמטן, און 4. פארזאָרגן מיט מתנות די דייטשן, וואָס פלעגן כמעט יעדן טאָג קומען צאפּן פון די יידן. עס האָט זיך דער־פאר באלד אויך ארויסגעוויזן פאר נייטיק צו שאפן א ספּעציעלן לאגער פון מלבו־שים, מעבל און געשיר, וואָס דער יודענראט האָט צונויפגעזאמלט פון די יידישע איינוווינערס, און ביי יעדן פארלאנג פארזאָרגט די דייטשן מיט דעם נייטיקן.

אין דער זעלבער צייט (כ" תמוז תש"ו — 16.7.41) איז ארויס די פאר־אָרדענונג, אז די יידן מוזן טראָגן אויף דער רעכטער האנט ווייסע אָרעמבענדער מיט מגן־דודס. אויף די בענדער פון די יודענראט־מיטגלידער האָט געדארפט זיין אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות „יודענראט". דער יידישער „אָרדענונגסדינסט" האָט געטראָגן געלע בענדער מיט זייער אויפשריפט. א חוץ דעם האָבן געמוזט

אויף די יידישע הייזער הענגען שילדלעך מיט מגן=דודס, פאר וועלכע דער יודענראט האָט איינגעצאָלט א געוויסן הויכן אָפּצאָל. דאָס לעבן אין שטעטל האָט זיך עטוואָס נאָרמאליזירט, און מיט קלענערע ענדערונגען האָט זיך אזוי אוועקגעצויגן ביז אָנהייב הארבסט.

אין א געוויסן טאָג, ערב די יום טובים, האָט דער יודענראט געגעבן צו וויסן אלע יידן, אז זיי מוזן זיך שטעלן 9 אין דער פרי אויפן מארק=פלאץ. עס האָט קיינער ניט געוווסט די כוונה פון דער פאראָרדענונג. עס איז געקומען פרעזעס נירלער און האָט דעם עולם דערקלערט, אז זיי דארפן זיך ניט שרעקן; נאָר א געוויסע צאָל מענטשן וועלן גענומען ווערן צו דער ארבעט. שניידער, דער קאָמענדאנט פון דער סקאלאטער שופּאָ (שוץ=פּאָליציי), האָט דאן אויסגעקליבן 200 יונגע מענטשן און זיי אוועקגעשיקט קיין מאקסימאָווקע אויף שווערער ארבעט ביי דער באן=ליניע. די באדינגונגען זיינען דאָרט געווען זייער שלעכטע. ביז צום חודש זיינען כמעט אלע צוריקגעקומען, אויסקויפנדיק זיך דאָרט פון די דייטשן פאר הויכע סומעס געלט. — אין דער זעלבער צייט איז שוין געווען טעטיק אין דער דערבייאיקער באָרקי=וויעלקע דער לאגער פאר רוסישע געפאנגענע. די מענטשן האָבן דאָרטן שווער געארבעט און פלעגן באקומען איין מאָל אין טאָג א ביסל וואסערדיקע זופּ, און בכלל איז די באהאנדלונג מצד די דייטשן געווען אן אוממענטשלעכע. דער יידישער ארבעטס=אמט אין סקאלאט האָט אויך געמוזט יעדן טאָג צושטעלן קיין באָרקי=וויעלקע 200 יידישע ארבעטער, וואָס פלעגן מיט דער באן יעדן פארנאכט צוריקקומען א היים. די געפאנגענע אין דעם לאגער זיינען שוין געווען צעבראָכענע און אויסגעמאטערטע מענטשן און די שטערבלעכקייט צווישן זיי איז געוואקסן פון טאָג צו טאָג. די יידן פלעגן זיי העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך. מען פלעגט זיי בגנבה צוּווארפן א שטיקל ברויט אָדער א פּאפּיראָס. טאָמער פלעגט דאָס אָבער א דייטש באמערקן, פלעגט ער נעמען שלאָגן, מאנכע מאָל האָט מען אויך געשאָסן. די אומגליקלעכע זיינען ממש אויסגעגאנגען פאר הונגער. די אויספאלנדיקע פלעגן די דייטשן דערגאנצן מיט טראנספּאָרטן יידן, וואָס פלעגן אָנקומען פון לעמבערג און סטאניסלאוו. דעם 24. 12. 1941 האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן די אלע ארבעטס=אומפעאיקע און אויסגעפייניקטע געפאנגענע. דאן האָבן זיי אנגעהויבן אויף דאָסניי צו אָרגאניזירן א געשלאָסענעם לאגער פון בלויז יידן. אין דעם טאָג זיינען שוין די סקאלאטער 200 יידן ניט צו=

ריקגעקומען. מען האָט זיי פארהאלטן אלס סטאבילע העפטלינגען אין באָרקער
לאגער. דער יודענראט אין סקאלאט האָט תיכּף אָרגאניזירט א פרויען=קאָמיטעט,
וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו ברענגען הילף די יידן אין באָרקי=וויעלקע.
מען פלעגט אהין שיקן יעדע פאָר טעג שפּייז און דער עיקר ברויט. ווען עס זיי=
נען געווען די פרעסט, האָט מען אויך אהין געשיקט ווארעמע מלבושים, הענט=
שקעס און שטרויענע שיצערס אויף די פיס. — אָנהויב 1942 יאָר האָט שוין
עקסיסטירט דער לאגער אין קאמיאָנקע, אין וועלכן עס האָבן געארבעט יידן פון
טשאָרטקאָוו, קאפּיטשינצע, טרעמבאָוולע, מיקולינצע, כּאָראָסטקאָוו און גזשי=
מאלאָוו. באלד זיינען אויך אנטשטאנען די לאגערן אין סטופּקע און ראָמאנאָווקע.
דורך דער פארמיטלונג פונעם סקאלאטער יודענראט פלעגט מען אויך אהין אָפּ=
שיקן שפּייז=פּעקלעך פאר די יידישע העפטלינגען. צוליב דעם וואָס די לאגערן
פון ארום סקאלאט האָבן געשלונגען פיל מענטשן, האָט יעדע שטאָט אין טאר=
נאָפּאָלער קרייז געמוזט צושטעלן יעדן חודש א געוויסן קאָנטינגענט מענער, דער
עיקר יונגע, וואָס זאָלן פארנעמען די רייען פון די כּסדר אויסגעמאָרדטע. אין
סקאלאט זיינען געווען די פארבינדונגס=מענער מיט די דייטשן. דערפאר האָבן זיך
דאָ אויך אנטוויקלט געוויסע טראנסאקציעס צווישן די יודענראטן פון די פאר=
שיידענע שטעטלעך, ווי ביים אויסקויפן מענטשן, אויסבייטן ארעמע פאר רייכע,
אריינגעבן מתנות די דייטשן אא"וו.

סקאלאט איז פאמעלעך געוואָרן די צענטראלע פון די אלע סאָרטן מיס=
חרים און די ענינים פון מענטשלעכע לעבנס. דער יודענראט האָט אָנגעהויבן זיינ=
קען אליין טיפער אין זומפּ פון געמיינקייט און שפלקייט. פון דער אנדערער זייט
האָט דער יודענראט געפרוווט עפּעס אויפטאָן פּאָזיטיוום פאר דער באפעלקע=
רונג. אין ערשטער ריי האָט מען געשאפן א מושב=זקנים און א פאָלקסקיך פאר
ארבעטער. אויך האָבן קינדער באקומען א צוגאָב=פארפלעגונג, פון צייט צו צייט
ראציעס גרויפּן און מילך. די אָפיציעלע פארפלעגונג פראָ פּערזאָן איז באשטא=
נען פון 100 ג. ברויט, א פּאָר דעקאָ גרויפּן און א פּאָר קילאָ קארטאָפל. פאר=
שטייט זיך, אז מיט אזא צוטיילונג איז אוממעגלעך געווען צו לעבן. די פאר=
מעגלעכערע יידן האָבן זיך אין פרייען האנדל צוגעקויפט שפּייז, זיך אויך גע=
מאכט רעזערוון. די אָרעמע אָבער האָבן געליטן הונגער און נויט. דער עיקר האָט
געבליט דער טוישהאנדל מיט די דאָרפס=פּויערים, וועלכע האָבן פאר א ביסל

שפייז צוגענומען ביי יידן מלבושים און חפצים. אויף וויפל עס איז מעגלעך גע-ווען האָט דער אמט פאר סאָציאַלער הילף צוגעהאָלפן. די פינאנציעלע מעגלעכ-קייטן זיינען געווען קליינע, כאָטש מען האָט געמאָנט פארשיידענע אָפצאָלן און שטייערן ביי דער באפעלקערונג. כדי צו פארזיכערן פארן יודענראט א סטאבילע הכנסה זיינען געשאפן געוואָרן 2 קאפע-הייזער, ווו עס זיינען געווען באשעפטיקט נאָר איינגע מענטשן. דאָרט פלעגט פארקויפט ווערן טיי און געבעקס, אויך צי-גארעטן און דעליקאטעסן, וואָס זיינען פאר הויכע פרייזן געקויפט געוואָרן ביי אַרישע פארמיטלערס. די 2 צוזאמענקום-ערטער פלעגט מען אין שטעטל אָנרופן „באטיארניעס", ווייל אהין פלעגן קומען אלע לעבע-יונגען, ביי וועלכע עס האָט געלט ניט געשפילט קיין ראָלע. עס פלעגן זיך דאָרט אויך צונויפקומען כמעט אלע כלל-טוער פונעם יודענראט, ווו עס פלעגט פּאָליטיקירט און דערלייריקט ווערן פארשיידענע לויפנדיקע ענינים.

אין יאנואר 1942 איז געקומען די גזירה, אז יידן מוזן אָפּגעבן זייערע פוטערס אין צייט דריי טעג. אין קעגנפאל — איז טויטשטראָף. אויפן באפעל פון מארנאָפּאָלער ס"ד האָט דער יודענראט קאָנפיסקירט אלע פוטערס ביי די יידישע איינוווינערס, און ביז צום באשטימטן טערמין זיינען גאנצע מאגאזינען פול געווען מיט פוטערס און פעלצזאכן. די שענסטע פוטערס האָבן צוגענומען די דייַ-טשע העכערע פונקציאָנערן, און שפּעטער מיט א פּאָר טעג האָט מען פארלאָדן 2 וואגאָנעם פוטערס, וואָס זיינען געווען באשטימט פארן גרויסן „ווינטערהילפס-ווערק", פאר די קעמפנדיקע דייטשן אין טיפן רוסלאנד. מאנכע יידן האָבן די פוטערס פארברענט, אבי זיי ניט אָפּצוגעבן דעם דייטש.

אוועקגעבנדיק אלע פוטערזאכן און קאלנערס פון די ווינטער-מלבושים, פלעגן די יידן אומגיין אין די נאקטע קראגנס פון שטייפלייוונט, וואָס האָט זייער קאָמיש און אומהיימלעך אויסגעזען. דאָ איז אָבער געקומען א באפעל, אז מען מוז איבערציען די קראגנס מיט טונקעלן שטאָף. די פאראָרדענונג זאָל האָבן גע-קומען פונעם יודענראט, וועלכער האָט אויך געזאָרגט פארן עסטעטישן אויסזען פון די איינוווינערס.

אין די חדשים פעברואר—מערץ 1942 איז אין סקאלאט ניט פּאַרגעקו-מען קיין אויסערגעוויינלעכס. אין אפּריל האָבן די יידן געמוזט עוואקואירן די הויפטגאסן, ווייל זייערע וווינונגען זיינען באשטימט געוואָרן פאר אוקראינישע

מיוחסים. אין צייט 8 טעג זיינען צענדליקער הייזער פון די הויפּטגאסן אָפּגע־רויסט געוואָרן, און די ארויסגעטריבענע יידן האָבן זיך אריינגעקליבן אין די הינטערגאסן. אין חודש מאי איז אין טארנאָפּאָל שוין פאָרגעקומען די ערשטע אקציע, דער אזוי גערופענער קאָנטינגענט פון אלטע און שוואכע. די קרבנות זיי־נען באשטאנען מיינסטנס פון מענטשן פון שפּיטאָל, מושב־זקנים און פון די עלנטע קינדער אינעם בית־היתומים. די איוב־פּאָסט פון טארנאָפּאָל האָט אין שטעטל ארויסגערופן א פּאנישע שטימונג. מען האָט געפילט, אז עס דערנענ־טערט זיך אן אומגליק.

עס האָט זיך דערנענטערט די שניטצייט. די דערפער און פאָלווארקן פון דער סביבה האָבן געפאָדערט ארבעטהענט. דער ארבעטס־אמט ביים יודענראט האָט איצט געמוזט צושטעלן יעדן טאָג פון פינף ביז זעקס הונדערט יידישע אר־בעטער, וואָס פלעגן ארויסגיין אויף די ארבעטפּלעצער אונטער דער שמירה פון יידישן „אָרדענונגסדינסט". אין דער צייט האָט מען גענומען טיילן פאר די אלע ארבעטנדיקע יידן ארבעט־לעגיטימאציעס, פארזען מיט דייטשע און אוקראינישע חתימות, וואָס האָבן געזאָלט שיצן די דערשראָקענע קעגן עווענטועלע געפארן. אזוינע „אויסווייזן" פלעגן דערליידיקט ווערן דורך דער פארמיטלונג פון יודענ־ראט. פון די ניט ארבעטנדיקע האָט מען פאר אזא שטיקל פּאפּיר גענומען א הויכן אָפּצאָל. דער לעגיטימאציע־פּסיכאָז האָט ארומגעכאפּט די גאנצע יידישע באפעלקערונג. יעדער באזיצער פון א לעגיטימאציע האָט געגלייבט, אז דערמיט איז זיין לעבנס־עקסיסטענץ שוין געזיכערט. די ערשטע צוויי וואָכן פלעגט מען זיך רעכענען מיט די אויסווייזן. דערנאָך האָבן זיי שוין מער ניט געשיצט ביים כאפּן צום לאגער באָרקי־ווילעקע.

אין יולי 1942 האָט דער יודענראט געמוזט צושטעלן א קאנטינגענט 30 מיידלעך פאר די טאבאק־פּלאנטאציעס אין יאגעלניצע. די פרויען האָבן דאָרט געארבעט אונטער די שווערסטע באדינגונגען. נאָך א געוויסער צייט האָבן זייערע עלטערן זיי אויסגעקויפט, מעשה נס, גראָד א פּאָר טעג איידער עס זיינען דאָרט אויף א בעסטיאלישן אופן אויסגעשאָסן געוואָרן 400 אנדערע מיידלעך.

אזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין סקאלאט, אין דער אזוי גערופענער „רואיקער" צייט פון יולי 1941 ביז אויגוסט 1942.

אין פארגלייך צו די ווייטערדיקע פּאסירונגען איז דאן באמת געווען אונדזער גאלדענע צייט אונטער דער דייטשער אָקופּאציע.


קארטע - סקיצע
פון
סקאלאטער געטא
מאסן - קברים
סימנים אויפקלערונג
די I גרענעצן פון געטא
די II גרענעצן פון געטא
שטח פון לעצטן געטא
ניט יידישער שטאט טייל
טייכל
באן - ליניע
שול
מארק פלאץ
יידישער בית עולמין
צערקווע

דער „לעבעדיקער קאָנטינגענט"

זינט עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם איז פאַרביי אַ יאָר. עס האָבן זיך נאָך אָבער ווייט ניט פאַרהיילט די וווּנדן פון דער בלוטבאָד דעם זעקסטן יולי 1941. עס האָט זיך דורכגעלעבט אַ יאָר אַ גאַנצס ווי דער יודענראַט האָט אונטער שווערע באַדינגונגען רעגולירט דאָס לעבן. נאָך תשעה באָב (תש"ב) האָבן אָבער די סקאַלאַטער יידן גענומען מערקן אַ גאָר געדריקטע שטימונג און אומרואיקייט ביי די אַלע עסקנים פונעם יודענראַט. „יידן, עס איז שלעכט, עס הענגט אַ גרויסע גזירה אויפן שטעטל, מען באַדאַרף האָבן רחמים" — האָבן זיי געזאָגט. און די בייזע בשורה האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט צווישן די יידישע איינוווינערס, די שפּאַנונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די נעכט זיינען געווען שלאָפלאָזע און די טעג פאַראומערטע. וואָס וועט זיין? —

דער יודענראַט האָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און זיך געבויערט די מוחות, ווי אַזוי צו געפינען אַן אויסוועג צום קריטישן מצב. ניט זעענדיק קיין אַנדער ברירה איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ גרויסן סכום געלט, כדי אונטערצוקויפן די דייטש; און מבטל מאַכן די גזירה.

יידן האָבן פון זיך אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע. נאָך אַ פּאָר טעגיקער זאַמלונג האָבן די עסקנים צונויפגעזאַמלט 2 וואַליזעס מיט גאָלד, זילבער, געלט און ווערטפולע חפצים. דער יודענאַט האָט באַשטימט אַ דעלעגאַציע מיטן פּרעזעס נירלער בראש, וואָס איז באַלד אָפּגעפאָרן קיין טאַרנאָפּאָל, צו געשטאַפּאָ.

וואָס פאַר אַ טייל פונעם גאָלד זיי האָבן דאָרט פאַקטיש דער געשטאַפּאָ אָוועקגעגעבן, איז קיינעם ניט געווען באַקאַנט. די דעלעגאַציע איז אָבער פון טאַרנאָפּאָל צוריקגעקומען אויפגעמונטערט און צופרידן. וואָס אמת, פּרעזעס נירלער איז אַרונטערגעקומען מיט אַ פּאָר אויסגעהאַקטע ציין, אויך די אַנדערע דעלעגאַציע־מיטגלידער זיינען געווען שטאַרק צעשלאָגן, משמעות פון דעם הייסן קבלת־פנים ביי די ס"ס. — דערפאַר אָבער איז זיי געלונגען אויפצוטאָן לטובת הכלל.

„עס איז ווערט געווען, מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט די שטאָט“ — האָבן זיי געזאָגט. זיי האָבן, הייסט עס, אין טאַרנאָפּאָל זיך צונויפגערעדט מיט די דייטשן און פיל געפּועלט. אויך אויף להבא וועט מען סקאַלאַט קיין שלעכטס ניט טאָן. — אזוי שטאַרק האָט געווירקט די מתנה אויף די ס“ם און אזוי הצלחהדיק איז עס אדורך דער דעלעגאַציע אונדזערער.

נאָך אזעלכענע ניסים ונפלאות האָט זיך די דענערווירטע באַפעלקערונג א ביסל בארואיקט און געוואָלט גלייבן אין דער ריכטיקייט פון די הבטחות.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך די קהל־פאַרזאָרגערס ארומגעדרייט ווי צעחושט. מיט געהיימע זיצונגען זיינען טאָג־איין טאָג־אויס געווען פאַרטאָן די מיטגלידער פונעם יודענראַט. די אמתע כוונה פון דער אומרואיקייט האָבן אָבער לכתחילה קיין זייטיקע ניט געוווּסט. ערשט שפּעטער איז מען געוווּיר געוואָרן פון דער גאַנצער געשיכטע. און אָט וואָס דאָ האָט זיך ארויסגעשטעלט. —

די דייטשן האָבן געהאַט בדעה צו דורכפירן אן אקציע איבער אַלטע לייט און קראַנקע. האָט אין טאַרנאָפּאָל די יידישע דעלעגאַציע אויסגעפּועלט, מען זאָל זיי איבערגעבן די זאַך אין די אייגענע הענט. „איר באַדאַרפט צו אונדז קיין סקאַלאַט ניט קומען, — האָבן זיך געבעטן די דעלעגאַטן — מיר וועלן די אקציע אַליין דורכפירן; שטעלט אונדז נאָר דעם קאָנטינגענט“. און מיט דעם שעף פון טאַרנאָפּאָלער געשטאַפּאָ, אָבערשטורמפירער מילער, איז מען מושווה געוואָרן אויף פינף הונדערט נפשות אויף דעם טאָג פון 31טן אויגוסט 1942.

דאָס איז געווען י“ז אלול תש“ב (30. 8. 1942). די סקאַלאַטער תושבים, ניט דערוואַרטנדיק קיין שום שלעכטס, האָבן ארומגעשפּאַצירט אויף די גאַסן ארום 5 א זייגער נאָך מיטאָג האָבן זיך מיט פאַרטיקע רשימות אין די הענט און באַגלייט פון יידישע מיליציאַנטן ארויסגעלאָזט פאַרוויס איבער די צעוואָרפענע הייזער די „פּני“ פון שטאָט און גענומען שלעפּן די זקנים, זיידעס און באָבעס, אויך עלטערע טאַטע־מאַמעס, ווי אויך יתומים און קינדער, וואָס זיינען אָנערקענט געוואָרן פאַר קראַנקע, און סתם יידן „שעדלינגען“, די אזוי גערופענע קיצבה־נעמער. די אַלע האָט מען אָפּגעפירט אין שול אריין, ווייל דאָרט איז געווען באַ־שטימט דער זאַמלפּלאַץ פאַר די אומגליקלעכע. די כאַפּערס האָבן נאָך איינגע־רעדט זייערע קרבנות: „קומט, יידן, האָט ניט קיין מורא, עס דאַרף פאָרקומען אן אסיפה אין שול. אזא באַפעל פון מלכות. — און אז דער דייטש וועט אייך

שלעפּן, וועט אייך שוין זיין בעסער?.." עס האָט ניט געהאָלפן קיין וויינען, פּראָ־טעסטירן — מען האָט שוין געמוזט גיין. האָט ווער ניט געוואָלט גיין מיט גוטן, האָבן אים חברה מיליציאַנטן גענומען מיט כוח. די וואָס האָבן ניט געקענט אליין גיין, האָט מען געטראָגן אויף די הענט. ביים ארויסנעמען די קראַנקע פון שפּיטאָל האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסיקע סצענעס.

עס איז בכלל שווער איבערצוגעבן די אלע מוראדיקע סצענעס, וואָס האָבן זיך דערביי אָפּגעשפּילט. די ארבעט איז אָבער אדורך מיט דערפאָלג. אויך א גאַנצע נאַכט זיינען אומגעגאַנגען די יודענראַט־מיטגלידער, געזוכט, געניששטערט אין די לעכער, קעלערס און בוידעמער און געפירט אין שול אריין די אלטע און קראַנקע. וויינציק פון די אלטע איז געלונגען זיך צו באַהאלטן. ראשית צוליב דעם, וואָס דאָס אומגליק איז געקומען אומגעריכט. והשנית, עס וואָלט אויך ניט גע־ווען געהאָלפן קיין באַהאלטן, ווייל די כאַפּערס האָבן געמוזט לויט דער רשימה צושטעלן די קרבנות. האָט געפעלט דער געזוכטער מענטש, האָט מען גענומען אַן אנדערן פון דער משפּחה. יעדער כאַפּער איז געווען פאַר זיין רשימה פאַר־אַנטוואָרטלעך. דיסציפּלין און אָרדענונג ביי אַזעלכע ענינים האָט מען זיך שוין אויסגעלערנט פון די דייטשן.

די אנדערע מענטשן, וועמען דאָס אומגליק האָט דירעקט ניט געטראָפן, זיינען ארומגעגאַנגען טרויעריקע און צעמישטע. וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר? א קליינער טייל יידן האָט געקלערט, אַז אויב עס דאַרפן שוין יע גיין צום טויט מענטשן, איז שוין גלייכער אלטע! זיי האָבן דאָך שוין פאַרט אויסגעלעבט זייערע יאָרן... פון אַזאַ פאַלשער און קראַנקער באַנעמונג זיינען טאַקע געווען באַאיינ־פלוסט אויך די מקורבים פון יודענראַט, וואָס האָבן באמת געמיינט, אַז מען טוט דאָ א גרויסע זאַך פאַרן כלל.

אַזאַ אומגעלומפּערטע טעאָריע האָט אָבער געקענט אויסוואַקסן נאָר אין די דעגענערירטע מוחות פון די יודענראַט־מיטגלידער און זייערע נאָכלויפערס. דער איבערוועגנדיקסטער טייל אָבער פון דער באַפעלקערונג האָט זיך מיט עקל צוגעקוקט צום בלוטיקן שפּיל. פאַר וואָס זיי זיינען געווען אַזוי שוואַך און מאַכט־לאָז זיך אַנטקעגנצושטעלן דער קליקע, איז שווער צו ענטפערן.

9 א זייגער אין אָוונט, ווען דער גרעסטער טייל פון די קרבנות האָט זיך שוין געפונען אין שול, האָט מען ארומגעשטעלט דעם בנין מיט א פאַרשטאַרק־

טער שמירה פון יידישע מיליציאנטן, עס זאָל חלילה קיינער ניט קענען אנטלויפן, און דער עיקר בשעת מען האָט יעדעס מאָל אין דער נאכט צוגעבראכט פרישע קרבנות.

נאָך דער אָפּגעטאָנענער ארבעט זיינען זיך די מיטגלידער פון יודענראַט צונויפגעקומען אין זייער לאָקאל, כדי זיך אָפּצוגעבן א באריכט פון דער היינ־טיקער טעטיקייט. מען האָט אָנגעגרייט לעקעך און בראנפן, און יידן האָבן זיך משמח געווען און איינער דעם אנדערן גראטולירט: א קלייניקייט, דאָך אָפּגע־ראַטעוועט א שטאָט! דער עיקר בארימעריי זייער איז געווען: „ווען ניט מיר, וואָלטן דאָך דאָס געמאכט די דייטשן — היינט וויפל בלוט פון גאנץ זייטיקע מענטשן וואָלט זיך דאן געגאָסן?“ . . . מען גיט איבער, אז דער ראטמאן מג״ר מ. לעמפּערט האָט באקומען פון יודענראַט א געלט־פּרעמיע דערפאר, וואָס ער האָט די מענטשן פון זיין רשימה צונויפגעבראכט דער ערשטער, אויף די אלע הונדערט־פּראָצענט! . .

נאָך דער שימחה איז מען נעגאנגען טעלעפאָנירן צו געשטאַפּאָ קיין טאַר־נאָפּאָל, אז די ארבעט איז מיט דערפאָלג דורכגעפירט געוואָרן און זיי קענען שוין מאָרגן קומען איבערנעמען דעם טראנספּאָרט.

דאָס אלץ איז שווער צו גלייבן. אָבער די לעבנגעבליבענע עדות ווייסן דאָס און גיבן דאָס איבער, מעג ווי טיף שניידן דער שארפער מעסער פון אמת. —

מיין מוטער, וואָס האָט זיך אין יענעם טראגישן טאָג געפונען אין שול צווישן די קרבנות, ווייל זי האָט געוואָלט ראטעווען איר מוטער, מיין באָבען, פון אומקום,—ניט איבער אָט די גבית־עדות:

„אין טראגישן טאָג פון י״ח אלול (31 אויגוסט 1942) איז מיר געלונגען צו באהאלטן מיין מאמען, די 87 יאָריקע איידל יאַלקעס. מיין מאמע איז געווען א יידענע אן אוצר, א באלעזענע אין צאינה־וראינה און אין אנדערע מוסר־ספרים. זי האָט געהאט 3 זין און 2 טעכטער. 2 זין זיינען נאָך מיט 40 יאָר צו־ריק אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע, פון וואנען זי האָט באקומען אויסהאלטונג ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט־מילחמה. אין סקאלאט און אין טארנאָפּאָל האָט זי געהאט 2 טעכטער און א זון, מישפחות באפעלקערטע מיט אן ערך 20 אייניקלעך

און אוראייניקלעך. ווען עס פלעגט קומען שבת, פלעגט די אלטיטשקע אליין ניט וויסן צו וועלכן קינד אָדער אייניקל זי זאָל פריער גיין. יעדעס יאָר כמעט פלעגט קומען א זון פון אמעריקע, איר מזכה זיין מיט כיבוד־אם. עס איז געווען א נחת צו הערן איר דערציילן מעשיות פון הייליקע צדיקים. זי האָט פארמאָגט א פענאָ־מענאלן זיכרון. ניט געקוקט אויף איר זיבן עלטער, איז זי להלוטן ניט געווען צו־ריקגעשטאנען מיט איר שכל און קלוגשאפט. בכלל האָט זי זיך געהאלטן ריין און געזונט, גלייך ווי זי וואָלט געווען מיט א 30 יאָר ייִנגער. יעדן אין דער פרי פלעגט זי אָנטאָן די ברילן און זיך שטעלן דאווענען פונעם דיקן געשוואָלענעם קרבן־מנחה־סידור, דערנאָך זיך אָפּקאָכן א ביסל געקעכטס. שפּעטער פלעגט זי ארויסגיין אין שטאָט אריין, געוויר ווערן, וווּ עס איז פאראנען א קראנקער, א נויט־באדערפטי־קער, דעם א פּאָר זלאָטעס, יענעם א ביסל איינגעמאכטס. ווייל דער מענטש לעבט דאָך ניט אייביק, און מיט מצוות און מעשים־טובים מוז מען זיך באצייטנס פאר־זאָרגן. תכריכים און א שטיקל פּלאץ אויפן בית־עולם לעבן מאן, וואָס איז מיט 20 יאָר צוריק געשטאָרבן, האָט זי זיך שוין פון לאנג אָנגעגרייט. „מילא, אז מען וועט מיך רופן — וועל איך גיין, פלעגט זי זאָגן, עס איז שוין נענטער ווי ווייַ־טער; דערווייל ווי טייער איז מיר דאָס ביסל נחת פון קינדער!..“

אין דעם פּאטאלן טאָג האָבן מיר צו דער אלטיטשקער געזאָגט: „קום, מאמע, מיר ווען דיך באהאלטן, מיר וועלן דיך ניט איבערגעבן אין די הענט פון די תליונים!“

די אלטיטשקע האָט געציטערט ווי א בלאט; זי האָט נאָך געוואָלט לעבן, און אויב שוין יע שטארבן, איז כאָטש אויף דעם אייגענעם בעט. „קינדערלעך טייערינקע, פארלאָזט מיך ניט“ האָט זי געזאָגט, און מיט וואקלענדיקע שריט גע־נאנגען צום באהעלטעניש. די דאָזאָרעס פון יודענראט זיינען ארומגעלאָפן א גאנצן טאָג ווי משוגע; מ'האָט זי געזוכט, געגישטערט, און ניטאָ. זיי האָבן זיך געקאָכט: „סטייטש, היתכן, די אלטע יאַלעס איז נאָך ניט אָפּגעשטראָכן פון דער רשימה!.. געהערט א חוצפה פון ניט־באוווסטזיניקער מישפּחה, מען גייט און מען באהאלט אזא אלטע און צעבראָכענע זקנה!.. ניין, ביי אונדז וועט זי ניט אויספּירן!..“

זיינען באלד געקומען מיליציאנטן צו מיר מיט אן אולטימאטום: „איר גיט ארויס אייער אלטע מוטער, צי ניין?“. — „איך ווייס ניט ווו זי איז“, האָב איך

נעענטפערט. ערשט דאן האָט זיך דער מיליציאַנט צעשריען: „אויב איר ווילט זי ניט ארויסגעבן, טאָ קומט איר מיט אונדז, איר ווילט אונדז אַלעמען אומגליקלעך מאכן, מיר מוזן דאָך האָבן דעם סכום מענטשן, — איר פארשטייט צי ניין?..“

איך האָב ניט פארשטאַנען; איך האָב געהאַלטן, אז עס איז גלייכער אליין צו גיין, איידער ארויסגעבן אן אַלטע מאמע צום טויט. איך האָב געוויינט, געשריען, געהלשט, געריסן זיך מיט די חברה־לייט און ניט געוואָלט גיין. עס האָט מיר אָבער גאָרניט געהאָלפן. זיי האָבן מיך אוועקגעשלעפט אין שול פאר א משכון.

אין שול איז געווען אן ענגשאַפט, דערשטיקט צו ווערן. א געשריי, א געוויין. די אַלטע לייט קרעכצן, הוסטן, ליארמען און חלשן. די גאנצע צייט אין דער היץ, אָן א טראָפּן וואסער אין מויל. א פּאָר זקנים און קראנקע, וואָס האָבן ניט געקענט דורכהאַלטן, זיינען שוין געלעגן טויטע. ביים עמוד איז געשטאַנען הערש סיגאַל און געזאָגט מיט א יאָמערדיק קול קאפּיטלעך תהילים. הערש סיגאַל, אונדזער לאַנגיעריקער שכן און גוטער פריינד, איז געווען א לערער, א מלמד, א מעקלער, בכלל אן איידעלער יונגערמאַן, אָבער אן עני ואביון כל ימיו. ער איז לעצטנס געווען א ניצרך און באַקומען שטיצע פון קהל. דערפאר איז ער עס אויך געווען אויף דער ליסטע פון די „אומניצלעכע“, און אלס א זעלכן האָט מען אים מיטן ווייב און צוויי קליינע קינדערלעך אהער פארשלעפּט.

„פרוי ווייסבראָד, וואָס מאכט איר דאָ?“ — האָט הערש סיגאַל מיך געפרעגט. איך האָב אים דערציילט מיין גאנץ אומגליק וועגן דער מאמען און זיך אויך געלאָזט אינפאָרמירן פון זיינע צרות. „וואָס ווילן זיי פון מיר, און וואָס איז מיין ווייב און קינדער שולדיק?“ — די פראַגע האָב איך ניט געקענט פאַרענטפערן. איך בין געשטאַנען פארצווייפלט. דאָך האָב איך נאָך געהאַט א האָפענונג, אז שפּעטער א פּאָר שעה וועט מען מיך פון דעם לייבנגרוב ארויסלאָזן, און אויך מיין מוטער וועט זיין געראַטעוועט. די טויערן פון יודענראַט זיינען דאָך גוטע באַקאַנטע, זיי וועלן זיכער ניט דערלאָזן צו אזא שענדלעכן טאַט, א טאָכטער זאָל גיין פאר דער מאַמען. דערווייל האָט הערש סיגאַל און איך צוגעשריבן בריוו צו דער מישפּחה און פריינט: „ר א ט ע ו ו ע ט“!..

עס פארגייט די צייט. די שעהן לויפן. מען הערט ניט און מען זעט ניט. באַלד איז שוין אָוונט. עס איז שוין נאַכט. קיינער קומט ניט ארויסראַטעווען. מען האַלט אָבער אין איין צוברעננען פרישע קרבנות, וועלכע טיר רינגלען ארום, אויספרעגנדיק, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט.

דער גלויבן אין רעטונג ווערט וואָס א מאָל שוואכער, און דער פּחד פאַרן טויט הייבט אָן צו באַפאַלן דיעם געדאנק. וואָס פארא נאכט איך און די אנדערע יידן האָבן דאָרט דורכגעמאכט! די נעכט אין גיהנום קענען זיכער ערגער ניט אויסזען...

עס איז געוואָרן טאָג. דורך די רויט־בלוי־גרינע שויבן פון די הויכע שול־פענצטער האָט זיך אריינגעריסן טאָג־ליכט, וואָס האָט פארקאָלירט דאָס שרעק־לעכע לעבנס־בילד, דעם בייזן חלום וועגן אַן אנדער וועלט.

קיין ענטפער אויף די בריוו פון יענער זייט האָט מען ניט באַקומען. מיר האָבן אין שרעק געווארט וואָס די ווייטערדיקע שעהן וועלן ברענגען. איך האָב זיך שוין מיאש געווען און ניט געגלייבט אין א רעטונג.

דערווייל האָט מיין אַלטיטשקע מאַמע זיך דערוווסט, וואָס דאָ איז פּאַר־געקומען. האָט זי אויף איר שטייגער דורכגעלעבט איר טיפסטע טראגעדיע: ווי אזוי לאָזט מען עפּעס א טאָכטער פארלוירן גיין? זי האָט זיך געבונגדן פעדעם פון גורלדיקייט און השגחה, — מסתמא וויים דער ריבונו של עולם וואָס ער טוט! זי איז א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן און קוים דערצויגן דעם אינדערפרי, כדי צו קענען גיין אויסלייזן איר טאָכטער פון מערדער־הענט... „טאָכטער מיינע, איך בין געקומען!" — האָב איך אין שול פּלוצלונג דערהערט דאָס קול פון מיין מו־טער, — „איך אליין וויל זיין דער קרבן פאר דער גאנצער מישפחה... גיי א היים, דו בינסט יינגער פאר מיר". זי האָט מיר אריינגעשטופּט אין דער האנט א גאָלדערנעם 20־קער דאָלאר־שטיק און אריינגעשושקעט: „אפשר וועסטו מיך נאָך קענען ראטעווען..." איך האָב ניט געוואָלט גיין.

מערן האָבן געשטיקט אין האלדז, און מירביידע, מוטער און טאָכטער, זיינען געשטאנען ווי פארגליווערט און פארשטומט. גערירט פון דעם אזוי הייליקן מאָמענט, זיינען מיר ביידע געשטאנען באוועגונגסלאָז, ווי איינגעוואָרצלטע ביי־מער, ניט צום רירן פונעם אָרט. די טראגעדיע האָט אונדזערע ביידנס הערצער געבראָכן און צוגלייך פאראייניקט. „גיי מיין טאָכטער, גיי, עס זאָל ניט זיין צו שפּעט", — האָט זיך די העלדישע 87 יאריקע זקנה אָנגערופן, — „נאָר פרוו, אפשר וועסטו מיך פאָרט קענען אויסקויפן". — מיר זיינען זיך געלעגן אין די אָרעמס, איך געדענק ניט ווי לאנג.

דער מיליציאַנט האָט מיך אַרויסגעפירט, איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. מיין אַלטע מוטער איז איבערגעבליבן אין שול . . . "

מאָנטיק 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג איז פון מאַרגאָפּאָל אָנגעפאָרן אַ גרופּע ס"ס מיטן אָבערשטורמפירער מילער בראש און מיט 8 ליידיקע לאַסטאויטאָס, כדי אָפּצונעמען דעם לעבעדיקן קאָנטינגענט. דער ערשטער ליידיקער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער פון דער שול. באַלד האָבן זיך באַוויזן די הערן פון יודענראַט, וואָס האָבן הכנעהדיק זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס פון די דייטשע הויפּט־תליונים. „לאָאָס! וויפל האָט איר דאָ צונויפגעזאַמלט, איר דרע־קיש יודען־געזינדעל?“ דער יודענראַט־פּרעזעס נירלער האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט און דערשראָקן אַ פּאָר ווערטער פון זיך אַרויסגעשטאַמלט. באַלד האָט מען געהערט אַ ווילד געשריי פון דעם רוגזהדיקן דייטש: „וואָס? זאָ ווייניג?“ דאָנערוועטער נאָך איינמאַל! אין איינער האַלבער שטונדע נאָך הונדערט יודען! וואָן ניכט, זאָ קנאַלען וויר אייך נידער ווי די מאַללען הונדע!“

עס האָט געזאָלט זיין 500 מענטשן, האָט זיך אָבער אין דער לעצטער מינוט אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען דאָ נאָר 480. צוואַנציק מענטשן זיינען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן. מען האָט גערעדט, אַז שיקעלע גנב, דער מיליציאַנט, זאָל האָבן ביינאַכט דורך דער הינטערטיר פאַר געלט אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר צענדליק מענטשן. אַז דער יודענראַט האָט געמעגט פאַר געלט באַפרייען אָדער אויסבייטן זייערע מקורבים אויף אַנדערע געזונטע און יונגע מענטשן — פאַרוואָס זאָל שי־קעלע גנב ניט טאָרן? —

די פּאָר דייטשן צוזאַמען מיט דער מיליץ האָבן זיך געלאָזט איבער דער שטאָט און געכאַפּט אָן אונטערשייד יעדן, וואָס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. נאָכן אָפּלויפן פון דער האַלבער שעה האָבן די כאַפּערס באַוויזן אויפצו־ברענגען נאָך 80 מענטשן, אַלס צוגאָב צום לעבעדיקן קאָנטינגענט.

דער שעף מילער האָט געקוקט אויפן זייגער און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: אַ סימן, עס זאָל שוין זיין גענוג, עס איז שפּעט. מען האָט ברייט צעעפנט דעם טויער פון דער שול, פון וועלכער עס האָט באַלד אַרויסגעשטראָמט אַ מחנה מענטשן, פאַרענדערטע, אויך ניט צום דערקענען; אויסגעמוטשעטע פּנים, פּאַסטן, דורשט און היץ, בלייכע, צעבראָכענע, אין דרייען איינגעבויגענע, ווי לע־

בעדיקע סטראשידלעס. א טייל האָט זיך געשטופט, א טייל איז געפאלן פאר־הלשט צו דער ערד, און מאנכע האָבן זיך געהאלטן ביי די הענט איינער אָן דעם אנדערן.

די מיליציאנטן האָבן געפאקט די מענטשן אין די אויטאָס, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען סחורה; ענג זיי ארייננעפרעסט, עס זאָל וואָס מער ארייננייין, ווייל די דייטשן זיינען געשטאנען מיט די בייטשן און געהאקט איבער די קעפּ. מען האָט געטראָגן די אלטע לייט פון אלע זייטן און מיט שווערער מי זיי ארויפגע־געבן אויפן וואָגן. מיין עלטער־מומע פיילע יאַווער,96 יאָר אלט, האָט זיך אויך געפונען דאָרט. זי האָט זיך די גאנצע צייט געהאלטן אין איינעם מיט מיין באָבען און איר שווענערין. זי האָט אָבער געהאט מזל. בשעת מען האָט זי ארויפגע־טראָגן אויף דער מאשין, האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה. איר טויטער קערפּער איז געלעגן אין דער ענגשאפט צווישן די לעבעדיקע. זי האָט אָבער שוין מער גאָר ניט געפילט.

ווען אלע קרבנות זיינען שוין געווען פארלאָדן אויף די אויטאָס, האָט איינער פון די מיליציאנטן געפרעגט די דייטשן, וואָס מען זאָל טאָן מיט די טויטע, וואָס זיינען געבליבן אין שול. „לייגט זיי אויף די מאשינען צווישן די לע־בעדיקע“—איז געווען דער ענטפער.

אָפּפאָרן!! — האָט דער אָבערשטורעמפירער אויסגעשריען. און די מא־שינען האָבן זיך אונטערן אקאָמפּאניאמענט פון געוויינען און יללות געריררט פונעם אָרט.

די 560 קרבנות האָט מען אָפּגעפירט קיין טארנאָפּאָל, און פון דאָרט אין א פארניכטונגס־לאגער.

הוספות צום קאפיטל „לעבעדיקער קאָנטינגענט“

דער געוועזענער איינוווינער פון סקאלאט אברהם זאָמערשטיין גיט איבער די ווייטערדיקע פּרטים בעת דער אקציע פון 31.8.1942:

1. דער ערשטער קרבן איז געווען אפרים אָלעסקער, וועלכן מען האָט גע־כאפּט אויף דער גאס, און דער „העלדישער“ מיליציאנט האָט פון שימחה אויס־געשריען בקול רם: „אָט האָבן מיר שוין א פּאָמשאָנטעק!“

2. ווי באקאנט האָט מען געוויסע מענטשן פאר סך געלט ארויסגעלאָזט. דאָס געלט האָט געגומען פּרעזעס נירלער און לייזער שיינבערג. אזוי ווי שיקעלע

גנב, דער מיליציאנט, האָט געזען אז מען באפרייט די רייכע פאר געלט, האָט דאס אים פארדראָסן; און אויס ערלעכן געפיל האָט ער ביינאכט ארויסגעלאָזט דורך דער הינטערטיר פון שול א פּאָר צענדליק מענטשן פון דער אזוי גערופע־נער אַכטער קאָמפּאַניע, די אָרעמע. פארשטייט זיך, אז אָן געלט.

3. די גאָר גאָענטע מישפּחה־מיטגלידער פון די יודענראט־מיטגלידער האָט מען געשווינט.

4. שיקעלע גנב האָט געכאַפּט יאָסל ראָטשטיין אויף דער גאס און אים מערדערלעך געשלאגן, שרייענדיק דערביי: „דו גיסט ארויס דיין טאטע־מאמע, צי ניין!?“ דער לעצטער האָט זיך דערשראָקן און אים ארויסגעזאָגט ווו זיין טאטע מאַמע געפינען זיך. מען האָט זיי טאַקע אויפגעזוכט און פארשלעפּט אין שול אריין.

5. מאָטיע ראָזענבלאַט האָט מען אויך געכאפּט פאר א משכון. און אזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט ארויסזאָגן — מענלעך אז ער האָט אפילו ניט גע־ווּסט, ווו דער טאַטע געפינט זיך — האָט מען אים אויך ארויפגעזעצט אויפן אויטאָ. אים איז אָבער געלונגען אַראָפּצושפּרינגען און אַנטלויפן. אויך א צווייטער ייד האָט עס געפּרוווט מאכן, אָבער די דייטשן האָבן אים בשעת דעם אַנטלויפן דערשאָסן.

פרוי מוניא בערנהויט פון סקאלאט גיט איבער:

1. אויך אין טארנאָפּאָל איז אין דעם טאָג דורכגעפירט געוואָרן אן אקציע. די סקאלאטער קרבנות האָט מען דאָרט פארלאָדן צוזאמען מיט די טאר־נאָפּאָלער און זיי אַלעמען אָפּגעפירט קיין בעלזשעץ.

2. דער יודענראט האָט געהאלטן אין לאקאַל פון דער מיליץ א גאנצן טאָג א צאָל פּריווילעגירטע עלטערע מענטשן מיט דער אויסרעכענונג: טאָמער וועט דאָך געלינגען צו פארדרייען די דייטשן דעם קאָפּ און אזוי ארום אָפּראטעווען די מענטשן. די דייטשן האָבן אָבער געמאכט א גוואלד, אז עס איז זיי צו ווייניק, האָט מען אריינגעפירט די מענטשן אין שול אריין, דערצו נאָך געמוזט כאַפּן פון דער גאס א געוויסע צאָל קרבנות.

3. דער שעף פון טארנאָפּאָלער געשטאפּאָ מילער זאָל האָבן ביים אָפּ־פאָרן א זאָג געטאָן צום יודענראט: „אין 6 וואָכן קאָממען וויר ווידער!“ אויב אזוי, איז עס געווען דער אָנזאָג צו דער גרויסער שחיטה אונטערן נאָמען: „די ווילדע אקציע“.

דער יישוב וואָס וואקסט אונטער דער ערד...

אין שטעטל האָט געהערשט א געדריקטע שטימונג. מען האָט זיך געשראָקן פאר א נייעם אומגליק, וואָס קען אָנקומען מיט יעדן טאָג.

די סקאלאטער באפעלקערונג האָט שוין געהאט ידיעות וועגן דער לעמבערגער אויסזידלונגס-אקציע מיט 50.000 קרבנות; אויך וועגן אנדערע שטעט ווי טארנאָפּאָל, מיקולינצע, טרעמבאָוולע און טשאָרטקאָוו, ווו עס זיינען שוין דאן אויך פאָרגעקומען „אקציעס“ און שחיטות. יעדער האָט אלץ געקלערט, ווי אזוי ראטעוועט מען זיך און די נאָענטסטע אין פאל פון אן אקציע, וואָס קומט אומפארמיידלעך. אויף וויפל נאָר עס איז מיגלעך, מוז מען דאָך זיין דערצו גרייט. ווי אנדערשוו איז אויך אין סקאלאט געוואָרן א מאסן-פּסיכאָז צו מאכן זיך באַהעלטענישן, די אזוי גערופענע בונקערס. אלע יידן זיינען געוואָרן בוימייסטערס, אינזשעניערן. טאָג און נאכט האָבן יידן געמאכט פּלענער, פאנטאסטישע און קאָפּ-ברעכערישע, כדי די באהעלטענישן זאָלן זיין ניט אויפפאליק און גוט מאסקירט. אונטער די פּאָדלאָגעס, אין די קעלערס, אין די גערטנער, אונטער דער ערד האָט זיך געבויט אן אונטערערדישע וועלט: טונעלן און געשלענגלטע אונטערערדישע גענג האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין צעוואָרפענע נעצן אויף ווייטע שטחים אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער טיף. מאנכע אזעלכע באהעלטענישן זיינען געוועזן באמת מייסטערווערק פון דער בויקונסט. עס זיינען געווען, למשל, בונקערס געבויטע פון 10 ביז 15 מט"ר טיף אונטער דער ערד. מיט די נייטיקסטע איינריכטונגען, ווי לופט-ווענטילאטאָרן, וואסער-פארזאָרגונג, א קלאָזעט, געמויערטע שפּייז-רעזערוווארן א"אנד. די נויט האָט אויפגעוועקט נייע טאלאַנטן אויפן געביט פון דער בויקונסט. צענדליקער אזוינע ספּעציאליסטן האָבן גאנץ פּשוט געצויגן דערפון חיונה. אזא מין אינזשעניער איז אליין גלייכצייטיק אָבער געווען אויך דער בעל-מלאכה, דער מויערער און אויך דער שווארצארבעטער. זיי האָבן געבויט די בונקערס, מייסטנס, ביי די פארמעגלעכערע באלעבאטים און באקומען הויכע באלוינונגען. זאמד, קאלך, ציגל, ברעטער

און אנדערע בוי-מאטעריאלן איז געוואָרן א יקר המציאות. עס האָט געבליט דער האנדל מיט די ארטיקלען, און די פרייזן זיינען געגאנגען אין דער הייך. גרויסע שוועריקייטן האָבן די יידן געהאט מיט דער ערד, וואָס מען האָט ארויסגעגראָבן פון די טיפענישן און וואָס האָט ניט איינמאָל פארראטן, אז ערגעץ נאָענט געפינט זיך א באהעלטעניש. ווו האָבן די יידן געזאָלט אהינטאָן די וואגאָנעם אויסגעגראָבענע ערד? די ארבעטן פלעגן אָפּגעטאָן ווערן אין די נעכט, און ווען מען איז אויפגעשטאנען אין דער פרי, האָבן די בערגלעך פרישע ערד שוין באלד יעדן דערציילט, אז עס איז אין דער נאכט געבוירן געוואָרן דערבּיי פרישע בונקערס. כדי אָבער צו פארווישן די שפּורן פון פארדאכט, פלעגט מען אין די ווייטערדיקע נעכט אומדערמידלעך טראָגן די ערד, אין קוישן אָדער אין זעק, וואָס ווייטער, הינטער דער שטאָט.

אויך די מיטגלידער פון יודענראט מיט זייערע מישפּחות האָבן איינגעזען, אז אויך פאר זיי איז די סכנה גרויס. אין אנדערע שטעט האָט מען שוין געהאט אויפגעהאָנגען פיל מיטגלידער פון יודענראט פארן ניט ריכטיקן אויספירן די דייטשע באפעלן. איז דאָך די לאגע אויסזיכטסלאָז און מען מוז זיין צוגעגרייט „אויף ווי א זאך מאכט זיך". צוליב דעם וואָס זיי האָבן אלע געהאט פיל געלט, האָבן זיי זיך געבויט ממש פעסטונגען, פּתוח און רעמסס, מיט פארשיידענע באַקוועמלעכקייטן און מיט מאגאזינען פול מיט פּראָוויאנט און געטראנקען.

יעדעס הייזל און יעדע ווינונג איז געווען איבערבאפעלקערט. צוליב דער ענגשאפט איז געוואקסן דאָס אומריינלעכקייט און דער שמוץ. אויך האָבן די כינים שטארק דערקוטשעט. דער שטראָם צוגערייזטע פון די ארומיקע שטעט און דערפער האָט נאָך מער פארגרעסערט די ווינונגס-נויט און געמאכט די לעבנס-באַדינגונגען נאָך שווערער. אין אָנהייב האָט מען אהער געשטראָמט פון אומעטום, ווייל עס האָט געהייסן, אז אין סקאלאט איז צום בעסטן, בערך פיל רואיקער.

אין די נעכט האָבן די יידן ביי זייערע ווינונגען ארויסגעשטעלט וואכן, וואָס האָבן אָן אויפהער געהיט, צי קומט עפעס אין שטאָט ניט פאָר. יעדער שאָס, יעדער צופעליקער גערודער, דאָס בילן פון א הונט, אָדער אפילו א געשטאמל פון א שיכור ערגעץ ווו, איז געווען גענוג אויף אויפצוטרייסלען און שטעלן אויף די פיס דאָס גאנצע הויז. יעדער מינדסטער שאָרך האָט צערודערט די געמיטער. מען איז געשלאָפן אין אָנגעטועכץ, כדי תמיד צו זיין אין גרייטשאפט, טאָמער דאַרף מען לויפן. א סך מענטשן זיינען געשלאָפן אין די בונקערס, אָדער גע-

גאנגען שלאָפֿן צו קריסטן, אָדער גאָר ערגעץ אין די פֿעלדער. אזוי זיינען נעגאנגען די טעג אין הויכער שרעק, האלטנדיק תמיד די נשמה אין די הענט.

די מורא האָט זיך נאָך מער פֿארשטארקט ווען מען איז געוואויר געוואָרן, אז די טארנאָפּאָלער געשטאַפּאָ האָט ארויסגעלאָזט א באפֿעל צו די ארומיקע שטעט און שטעטלעך, אז זיי מוזן ווערן „יודענריין"; די יידן מוזן פֿארלאָזן זייערע וווינערטער און קומען קיין סקאלאט. דער ענדגילטיקער טערמין האָט געזאָלט זיין דעם 15טן אָקטאָבער 1942. די יידן האָבן זיך דאָס אויסגעלייגט פֿאר א שלעכטן סימן, ווי אן אָנזאָג אז אין די נאָענטסטע טעג דארף עפּעס פּאַרקומען. די דייטשן, הייסט עס, רופֿן צונויף קיין סקאלאט דעם „יידישן אָדפּוסט", דעם גרויסן יאָר־מארק, ווי מאנכע האָבן עס שפּאסיק אָנגערופֿן, כדי צו האָבן דאָ דעם גאנצן עולם אויפֿן „שחיטה־מארק".

גאנצע צוויי וואָכן האָבן זיך קיין סקאלאט געצויגן קאראוואנעס נע־ונדני־קעס. אויף אלע וועגן האָבן זיך געשלעפּט פֿערד און וועגעלעך, מיט הויך אויפֿגע־טורעמטע פּעק, שטובזאכן און אנדערע בעבעכעס. נאָך די שווער באלאָדענע וועגע־נער זיינען נאָכגעגאנגען פֿוסגייערס פֿארשוויצטע, פֿארשטויבטע און אויסגעמאַ־טערטע. אין די לעצטע טעג, פֿארן דערנענטערן זיך פֿון טערמין, האָט די וואנדע־רונג דערגרייכט איר הויכפּונקט און דער אָנבליק פֿון די קאראוואנעס איז געווען שרעקלעך.

עס זיינען דעמאָלט אָנגעקומען קיין סקאלאט אן ערך פֿיר טויזנט יידן פֿון גזשימאלאָוו, פּאָדוואָלאָטשיסק און פֿון די ארומיקע דערפֿער, אלץ אלט איינגע־זעסענע תושבים, ארויסגעשטויסענע פֿון זייערע היימען. די ענגשאפֿט און ווי־נונגס־נויט איז געווען ניט צו דערטראָגן. מענטשן האָבן זיך ממש געוואלגערט אויף די גאסן. די מער פֿארמעגלעכע פֿון די צוגערייזטע יידן האָבן זיך געדונגען דירות ביי די קריסטן און אָפּגעצאָלט דערפֿאר גוואלדיקע סומעס. א גרויסער טייל האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי קרובים, אָדער ביי סתם־יידן, וואָס האָבן געוואָלט העלפֿן מענטשן אין אזא עת צרה. אין די קליינע שטיבלעך האָבן געוווינט צו 12 ביז 18 מענטשן, איינגעפּרעסט ווי די הערינג. הונדערטער יידן האָבן זיך געמאכט דירות אין די געוועלבער פֿונעם באזאר, וואָס זיינען איצט געשטאנען ליידיק, צע־ראבירטע און חרובֿע נאָך פֿון ערשטן פּאָגראָם. פֿיל האָבן אויך געוווינט אין שולן אין בית־המדרש און אין די קלויזן.

פון אזא פלוצעמדיקן צופלוס פון טויזנטער מענטשן האָט זיך דאָס אויסוען פונעם שטעטל פארענדערט; געווען ניט צו דערקענען. דער הונגער און די נויט האָט געבושעוועט, שווער געווען צו פארזאָרגן מיט שפייז אזא גרויסן עולם. דער יקרות איז געוואקסן צוזאמען מיטן שווארצהאנדל. עס האָבן זיך פארשפרייט קראנקהייטן, און אויך איז די שטערבלעכקייט געשטיגן. ניט געווען קיין איין טאָג אָן מערערע טויטפאלן.

יידן בעלי רחמים, מער פארמעגלעכע, האָבן פיל געהאָלפן צו פארקלענערן די נויט. צווישן א סך אנדערע דארף דערמאָנט ווערן טענענבוים ז"ל, וואָס האָט געהאָלפן די אָרעמע מיט ברייטער האנט און ממש טיט מסירת נפש. עס ווערט פיל נאָכדערציילט וועגן זיין איידלקייט און מעשים טובים. קיפּוטשיניצער חסידים פלעגן אויך ניט פארגעסן אָן זייער רבין, און שיקן קיין טארנאָפּאָל פעקלעך שפייז און געלט פאר זיין איידעם.

די פאניק, קאָשמאר און שרעק האָבן געטאָן זייערס. אין מיטן אָקטאָבער 1942, איז נאָך אונטערגעקומען א פאראָרדענונג צו מאכן א געטאָ. אין עטלעכע געסלעך צווישן טארק און שול האָבן זיך די אלע יידן געמוזט ארייַנפּרעסן!..

דער יודענראט האָט געהאט פולע הענט מיט ארבעט, אָבער ניט געקענט זיך קיין עצה געבן צום ניי געשאפענעם מצב. די מיטגלידער פונעם יודענראט האָבן געהאלטן אין איין בּאראטן זיך, דער עיקר טאקע וועגן א נייער קאטאסטראָפע, וואָס איר נאָענטער אָנקום האָט זיך שוין ממש געשפּירט.

„וואָס טוט מען?" — אָט די פראגע האָט געעקבערט יעדן איינעם און ניט געגעבן קיין רו. „וואָס טוט מען, — און וואָס קען מען טאָן?" —

„יידן, ניט געזאָרגט“...

אין איינעם א טאָג איז פאָרגעקומען א דרינגלעכע זיצונג פון יודענראט נאָך לאנגע דיסקוסיעס און חילוקי דעות האָבן זיך ארויסגעשטעלט צוויי מיינונגען, צוויי ריכטונגען. אייניקע ראטמענער, די מער ערלעכע און געוויסנהאפטע האָבן געטענהט, אז מען זאָל איבערלאָזן דעם גאנג פון די געשעענישן דעם גורל אליין. ווי גאָט וועט פירן, אזוי זאָל זיין; יידן אליין דארפן אָבער ניט אָנטייל נעמען אין דער אקציע. זאָל זיך יעדער באהאלטן, אויב ער קען נאָר; קיין אנדער ברירה האָבן מיר ניט. למען האמת מוז דערמאָנט ווערן. אז עס האָבן זיך געפונען צווישן די ראטמענער מענטשן, — ווי ד"ר קראָן, ד"ר בערקאָוויטש, יעקב שארף — וואָס האָבן ניט געקענט צוקוקן צו די שענדלעכע מעשים פון דער מערהייט פון יודענראט און יעדעם מאָל ווען עס האָט זיך געהאנדלט אין לעבנסוויכטיקע ענינים, האָבן זיי זיך אנטקעגן געשטעלט דער מערהייט. ביים אָנהייב האָט קיינער פון זיי זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז מען וועט מאכן דעם יודענראט פאר א געצייג אין די הענט פון די דייטשן. נאָר אזוי ווי מען האָט שוין געשטעקט אין דער טומאה, האָבן זיי זיך געראנגלט מיט די לעצטע כוחות; ארויסרייסן זיך אָבער אין גאנצן פון דער שלאנגען=נעסט האָבן זיי שוין אפנים ניט געקענט. עס האָט זיך יעדן געדאכט, אז דעם יודענראט דראָט ניט אזא געפאר, און דער יצר=הרע האָט געלאָקט נאָך א ביסל לעבן. אין אָנבליק פון טויט=סכנה ממש איז אזוי ניט לייכט צו אויסמיידן א שטרויכל, הגם דאָס גיט נאָך ניט קיין בארעכטיקונג פאר אזוינע באגאנגענע חטאים.

די אזוי גערופענע אָפּאָזיציע האָט פאר קיין פאל ניט געוואָלט דערלאָזן צום איבערהזרן די מעטאָדן, וואָס דער יודענראט האָט אָנגעווענדט ביים דורכפירן די אקציע פונעם „לעבעדיקן קאָנטינגענט“. ניט נאָר אליין דורכפירן אן אקציע, מיר טאָרן ניט אפילו מיטהעלפן מיטן מינדסטן די דייטשן — האָבן זיי גע=

מענהט. „באהאלטן זיך און לויפן ווי די אויגן טראָגן, איז דער געבאָט פון דער טרויעריקער שעה“—איז געווען זייער מיינונג.

דער אנדערער צד איז געשטאנען אויף א גאָר אנדערן שטאנדפונקט. לייזער שיינבערג מיט זיינע אָנהענגער האָבן קאטעגאָריש געפאָדערט, אז מען זאָל לויטן מוסטער פון דער לעצטער אקציע אויספועלן ביי דער דייטשער מאכט, אז אויך אויף להבא זאָל דער יודענראט ביי אן אקציע קענען אליין צושטעלן דעם געפאָ=דערטן קאָנטינגענט, און אזוי ארום אָפּראטעווען לכל הפחות זיך אליין, די אייגענע מישפּחות, די קרובים און נאָך אסך יינגערע און נוצלעכערע מענטשן. דערפאר מוז דער יודענראט ווידער אמאָל זיך געבן די מי צו שאפן א גרויסן סכום געלט. ראט=מאן שיינבערג האָט דערביי פארזיכערט, אז אין פאל ווען די דייטשן וועלן געבן זייער הסכמה אויף א קאָנטינגענט פון, למשל, 2000 מענטשן, נעמט ער זיך אונ=טער אליין צוצושטעלן 1000. „מענטשן האָבן מיר דאָך גענוג“ — האָט ער גע=ענהט. — „מיר דארפן גאָר ניט נעמען אונדזערע אייגענע, די היגע, ווען אין שטעטל וואלגערן זיך אזויפיל אָנגעפּאָרענע שלעפּערס; זיי ליגן דאָך אויפן באזאר און שטארבן פון הונגער!“

נאָך א שטורמישער דעבאטע איז אָט דער פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן. מער ווי א העלפט ראטמענער האָבן געשטימט פאר אים.

דער יודענראט איז טאקע באלד צוגעטראָטן צו א פארשטארקטער אר=בעט. מען האָט גענומען באשטייערן די פארמעגלעכערע באלעבאטים מיט גרויסע סכומים געלט; ראטמענער זיינען ארומגעגאנגען פון שטוב צו שטוב צו זאמלען גאָלד און ווערטפולע חפצים. זיי האָבן אויך גערופן פארשטייערס פון די צוגע=רייזטע יידן, וואָס האָבן באדארפט צווישן זיך צונויפזאמלען גרויסע סכומים פאר ראטעווען דעם כלל. אין אָנבליק פון דער סכנה האָבן יידן שוין גאָר ניט געקאַרגט. עס האָט געגעבן מיט געלט פון אלע זייטן. אפשר וועט פאָרט געלינגען מבטל צו מאכן די גזירה!

די דעלעגאטן — נירלער, שיינבערג, צימער און לעמפּערט — זיינען אָפּ=געפאָרן קיין טארנאָפּאָל. דאָרט האָבן זיי זיך ראשית כל געטראָפן מיטן יידישן „מאכער“, וואָס פארבינדט זיי מיט געשטאפּאָ. ער האָט זיי געגעבן אינפאָרמירט ווי דער מצב זעט אויס. „עס איז שלעכט — האָט ער געזאָגט — אין די נאָענטסטע טעג דארף ביי אייך פּאָרקומען אן אקציע. נאָך אויב איר האָט דעם געהעריקן

פאַרשלאג, טאָ פרווט גיין צום אָבערשטורמפירער מילער, אפשר וועט איר עפּעס קענען אויפטאָן.״ און די דעלעגאציע איז געגאנגען.

אויסהערנדיק די רייד פון דער דעלעגאציע וועגן ווידער פעסטשטעלן פאר סקאלאט א קאָנטינגענט, און זיי, די יידן אליין, וועלן שוין דורכפירן די אקציע ביי א פולער גאראנטיע פון זייער זייט, — האָט אָבערשטורמפירער מילער אויס־געגלאָצט א פּאָר אויגן און א זאָג געטאָן: „וואאס?״ און דאן האָט ער גע־נומען ריידן געלאסענער: „וואָס פאלט אייך עפּעס מיט אמאָל איין, אז ביי אייך דארף וואָס פאַרקומען? וועגן סקאלאט איז דערוויילּ נאָך ניט אקטועל. קומט צו מיר אין א פּאָר וואָכן ארום, וועלן מיר נאָך וועגן דעם ריידן. איצט קענט איר גאנץ רואיק א היים פאָרן, בארואיקט דאָרט דעם עולם. צו וואָס זיך סתם דענערווירן, ווען אלץ איז אין בעסטן אָרדענונג? נאָר ניט זאָרגן!״.

ביי אזוינע באגעגענישן זיינען די עסקנים געווען געוווינט ארייַנצוכאפּן די אמתע בייטשן איבערן קאָפּ מיט א צוגאָב פון די ערגסטע זידלווערטער. און היינט גאָר איז ער געווען אזוי גוט, מילער, ווי א לעמעלע. „אונדזער מתנה האָט אים ווייך געמאכט דאָס הארץ״, האָט איינער געזאָגט, און די אנדערע האָבן זיך גע־ראנגלט מיט טרויעריקע געדאנקען, פול מיט צווייפל און פארלוירנקייט. זיי אלע האָבן אָבער דאָך געוואָלט גלייבן אין א גוטן סימן. — עס לאָזט זיך ניט זיין קיין חכם.

די דעלעגאטן האָבן זיך געקליבן אין וועג אריין. „וואָס זאָגט מען דעם עולם אין שטעטל?״ — האָט זיי געעקבערט אין מוח. „אייגנטלעך וואָס האָבן מיר איפּגעטאָן?״ — האָבן זיי זיך געפרעגט. אין זייערע אויערן האָבן נאָך אלץ גע־קלונגען פון מילערס ווערטער: „עס איסט אללעס אין בעסטער אָרדנונג, נור ניכט זאָרגען״. איז עס א שלעכטע בשורה פאר א שטעטל? אזעלכענע ווערטער דארפן טאקע בארואיקן די צעשרויפטע נערוון און געמיטער! —

אין די פארנאכטיקע שעהן, ווען די דעלעגאציע האָט בּאדארפט אָנקומען פון טארנאָפּאָל, זיינען הונדערטער יידן אנטקעגן געגאנגען וויט אונטער דער שטאָט. ארויסגעקוקט מיט אומגעדולד אויף די שלוחים, וואָס טראָגן אין זייערע הענט דעם אורטייל איבער שטעטל. צוליב באזונדערע גוטע ידיעות פון פראָנט איז דער עולם דעם טאָג געווען אָפּטימיסטיש געשטימט, און פארוואָס זאָל מען טאקע

4

קלערן נאָכאַנאַנד אויף שלעכט — האָבן זיך מענטשן געזאָגט — ווען אויך דאָס גוטע קען אומגעריכט קומען? אגב האָט זיך עפּעס א מיידל געחלומט, ווי אַן עדה יידן, אָנגעטאָן אין טליתים, האָבן געדאַוונט אין שול, און א זקן וואָס איז געשטאַנען אויפן בעלעמער האָט געבלאָזן שופר און דערנאָך מבשר געווען דעם עולם, אז י"א חשון קומט די ישועה. — דאָס פּאַלט דאָך אויס מאָרגן!.. קען טאקע זיין אויך דער אָנהייב פון דער ישועה היינט, מיט דער גוטער בשורה וואָס די דעלעגאַטן וועלן באַלד ברענגען. — יידן, די דעלעגאַציע פּאָרט!..

קוים דערלעבט די מינוט. מען האָט איינגעהאַלטן דעם פערד און וואָגן, און הונדערטער יידן האָבן אַרומגערינגלט די אָנגעקומענע דעלעגאַציע. מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און גרויס פרייד האָט מען אויסגעהערט דעם באַריכט. די דעלעגאַציע האָט פייערלעך איבערגעגעבן וואָרט אין וואָרט די דערקלערונג פונעם טאַרנאָפּאָלער געשטאַפּאָ-שעף: „ניט געזאָרגט, דערוויילע וועט אין שטעטל גאָרניט פּאַסירן". דערנאָך האָבן די שלוחים אליין צוגעגעבן פון זיך: „באַרואיקט אייך איצט, יידן; טרייבט אוועק די מורא פון זיך; פאַרשפּרייט ניט קיין פּאַניק; איר זעט דאָך אליין, אז מיר טוען אַלץ פאַר אייערטוועגן. מיר דערוואַרטן דערפאַר פון אייך פאַרשטענדעניש און מיטהילף ביי היינטיקן טאָג!"

די גוטע בשורה האָט אין דער ערשטער מינוט געווירקט ווי א היילונג אויף די צעשרויפטע געמיטער. מיטן דערנענטערן זיך אָבער פונעם אָוונט האָט מען זיך ווידער אויסגעניכטערט. די מורא פאַר דער נאַכט האָט ווידער א מאָל אויפגעוועקט דעם נאָגנדיקן אומרו: די וואַכן האָבן ווידער דעזשורירט ווי ביז אהער, און נעשלאָפן איז מען האלב אָנגעטאָן, אבי ערגעץ אָנגעשפּאַרט די מידע גלידער. צו אזא געפּלאָגט לעבן האָבן מענטשן זיך שוין צוגעוווינט. א טייל צעשראָקענע מענטשן פלעגן אין די אָוונטן זיך פאַרגנבענען אונטער די פענצטער פון די ראַטמענער און שפּיאָנירן, צי געפינען זיי זיך אין זייערע היימען. ווען יע, איז דאָס געווען דער בעסטער סימן, אז די נאַכט וועט מסתמא זיין רואיק. וואָלט באמת אויסגעקוקט שלעכט, וואָלטן זיי דאָך ניט געשלאָפן אין זייערע וווינונגען. ווער דען קען עס אַלץ וויסן אויב ניט א יודנראַט? —

דער איבערוועגנדיקסטער טייל פון סקאַלאַט איז די נאַכט געגאַנגען שלאָפן דאָך מיט א מער זיכערן געפיל, און טאקע צו זיך אין די הייזער. נאָך אַלעמען איז טאקע ניט פון די אנגענעמע זאַכן צו זוכן יעדעס מאָל א געלעגער ביי קריסטן,

אָדער סתם ארומוואנדלען נעכט גאנצע. בשעת א סכנה מוז מען טאקע, אָבער ניט היינט, ווען די דעלעגאציע האָט געבראכט אזא גוטע בשורה. אנדערע ווידער האָבן זיך אויך די נאכט באהאלטן. וואָס זיכער — איז דאָך זיכער. און לעבן האָט זיך געוואָלט!

אָבערשטורמפירער מילער מיט זיינע געהילפן האָבן ווייזט אויס, פאַר־שטאנען, אז דווקא די היינטיקע נאכט וועט זיין די גאָר פּאסיקע אויף דורכצופירן אין סקאלאט די אקציע. דער דעלעגאציע האָט מען דאָך געגעבן אזוינע גוטע פאַר־זיכערונגען, די יידן זיינען געווים בארואיקט. וועט אן אומפארהאָפטער אריינפאל זיכער ברענגען די גוטע רעזולטאטן.

„צוויי א זיינער אין דער נאכט דארפן אלע זיין גרייט צום אָפּפאָר קיין סקאלאט" — איז געפאלן דער באפעל.

4.

די „ווילדע אקציע“

י׳ און י״א השון תש״ג, דעם 21סטן און 22סטן אָקטאָבער 1942, האָט זיך אין סקאַלאַט אָפּגעשפּילט די בלוטיקע דראמע, וואָס די יידן האָבן איר א נאָמען געגעבן „ווילדע אקציע“, צוליב דער ווילדקייט און גרויזאמקייט וואָס די אכזרים האָבן באוויזן ביים דורכפירן די „אויסזידלונג“ אין די דערמאָנטע טעג.

פונקט 4 א זייגער אין דער נאכט זיינען אָנגעקומען קיין סקאַלאַט 5 פול גע־פּאַקטע אויטאָבוסן מיט ס״ס, באוואָפנט ביז די ציין און מיט העלמען אויף די קעפּ. זיי האָבן קודם כל באלאגערט די שטאָט, אָבער זיך רואיק פארהאלטן ביזן גרויען פארטאָג. דריי שאָסן האָבן געגעבן א סיגנאל—אָנהייבן די אקציע! באלד האָבן זיך דערהערט די ווילדע געשרייען און אן אומפארשטענדלעך שווארגאָטשען פון די גרופּן־פירערס און באפעל־געבערס. זיי זיינען געשטאנען אין פולער קריגס־גרייט־שאפט, אויסגעשטעלט דאָ און דאָרט אין גרופּעס, סטראטעגיש, פּלאנמעסיק, מעשה מאנעווער פאר אן אָנגריף אויפן שונא. א קלייניקייט, די יידן אין סקאַלאַט, זייערע פרויען און קינדער, וואָס זיי אלע באדראָען דעם דייטשן רייך און זיינען די הויפּטשולדיקע אין דער וועלט־מלחמה!..

„ל אָ ס“! ניעמאנד דארף ענטרינגען, וואו זיע לאופען, איזט נור שיעס־סען, שיעססען, שיעססען!..

אלע קעמפּערס האָבן נאָך פריער באקומען אויסגעטיילט ראציאָנען אלקאָ־האָל. דאָס פלעגן זיי באקומען פאר יעדער שחיטה, ווייל דאן דערגרייכט מען בע־סערע רעזולטאטן, און די „ ארבעט“ אליין גייט דעמאָלט פלינקער, דרייסטער, וויל־דער...

די אוקראאינישע מיליץ, מיטן קאָמענדאנט בראש, זיינען געשטאנען אין דער זייט, אויסגעשטעלט אין צוויי לאנגע שורות, און שוין געווארט אויף די באפעלן פון אָבערשטורמפירער, ער האט זיי צוגעטיילט צו די דייטשע ס״ס, צו 2—3 מאן צו יעדער גרופּע.

— כלאָפּצי, ארבעט געטריי, פארן חויל פון אונדזער אוקראינע און פאר דער גרויסקייט פון דריטן רייך, האָט דער קאָמענדאנט אויסגערופן, און זיך גענומען מיט זיינע כלאָפּצעס צו דער ארבעט.

דאָס שיסעריי און דער געטומל האָט דערווייל אויפגעוועקט דאָס שטעטל פון שלאָף. די מענטשן האָבן באלד דערזען דאָס אומגליק פאר די אויגן. די מהומה און פארצווייפלונג איז געווען גרויס. מען איז אומגעלאָפן דערשראָקן און פארלוירן, — ווו באהאלט מען זיך? ווו לויפט מען? ניט אלע יידן האָבן געהאט בונקערם ביי זיך אין די קעלערס; האָט מען געמוזט לויפן צו די שכנים אין די בשותפותדיקע באהעלטענישן. און דאָ איז שוין שפעט. די דייטשן הוליען אויף די גאסן. די ניט היגע יידן, מיינסטנס פון די צוגערייזטע, האָבן לחלוטן ניט געהאט קיין בונקערם. יידן האָבן געפרווט לויפן; אפשר וועט זיך פאָרט איינגעבן ארויסצורייסן זיך פון רינג, זיך אריינבאקומען אויף דער ארישער זייט, אָדער ערגעץ אין די פעלדער. עס איז שוין ניט געווען וואָס צום פארלירן; יעדער האָט קלאָר געזען אין וועלכער קלעם מען געפינט זיך. — אין די געסלעך, צווישן די הייזלעך, זיינען מיט א מאָל אויסגעוואקסן גאנצע מחנות דייטשן און אוקראינער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן. פון אלע זייטן, ביי אלע ווענט, האָבן זיי אָנגענומען שטעלונג, ווי סטראטעגישע פּאָזיציעס. באלד האָבן געהילכט כסדרדיקע שאָסן. ווילדע געשרייען פון דייטשן, א געוויין פון קינדער, דאָס קרעכצן און האָיען פון פארוווּנדעטע — דאָס אלץ האָבן געשאפן א מוראדיקן געטומל. אנדערע יידן האָבן נאָך געפרווט לויפן, און די סאָלדאטן האָבן געשאָסן אָן אויפהער. די צאָל פון די טויטע איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט. שוין ביים אָנהייב פון דער שחיטה זיינען געפאלן איבער הונדערט טויטע, וואָס זיינען געבליבן ליגן צעשפּרייט איבער די אלע געסלעך אין צענטער און ארום שטאָט. א נאָר קליינע צאָל איז געלונגען ארויסצורייסן זיך פונעם באלאגערונגסקאָרדאָן.

ווען דאָס פארצווייפלטע לויפן פון יחידים האָט אויפגעהערט, האָט זיך איינגעשטילט די שיסעריי. די הענקערס האָבן זיך איצט צעווילדעוועטע געלאָזן איבער די יידישע הייזלעך כאפּן די קרבנות. יידן האָבן זיך באהאלטן ווו עס איז נאָר געווען מעגלעך: דער גרעסטער טייל אָבער, ניט האָבנדיק ווו צום גיין און שפּירנדיק די אויסזיכטסלאָזיקייט, איז געבליבן הילפסלאָז אויף די ערטער. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן פאר דער גרויזאמקייט פון גורל.

נאָך דעם ערשטן בלוטיקן פּראָלאָג מיט די קרוב 150 קרבנות זיינען די רוצ־חים באַלד צוגעטראָטן צו דער עיקר אַרבעט. פון די געוועלבער, פונעם באַזאַר, פון די בתי־מדרשים און קלויזן האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט הונדערטער יידן און גרופּעס־ווייז זיי געפירט אין שול אַריין, אין וועלכער עס האָבן זיך שוין פון פריער געפונען אין זייערע הענט אייניקע הונדערט יידן. פון די שטיבער, פון די בוידעמער, פון די קעלערס, פון אונטער די בעטן, פון די שראַנקען, פון די פּראָוויזאָרישע באַהעלטע־נישן און פון די אַלע אַנדערע מויזן־לעכער האָבן זיי געשלעפּט די קרבנות. אונטער קללות און געשרייען, אונטער אַ האָגל פון בייטשן און ביקסן־קאָלבעס האָט מען גע־פירט די אומגליקלעכע צו דער זאַמלשטעלע.

איין פרוי, טאָנקאַ בערנהוים, ווערנדיק געטריבן צום זאַמלפּלאַץ, האָט מיט שטאַרקע ווערטער באַליידיקט היטלערן מיט זיין „הערנפאָלק". דער דייטש, וואָס האָט זי געפירט, האָט נים געקענט פאַרטראָגן די זילזולים. ער האָט זיך געכאַפּט צום ברוינינג, נאָך דעם האָט ער אויך אין איר אַריינגעשאָסן, ווען זי איז אים באַ־פאַלן מיט די פויסטן אין פּנים אַריין.

דערווייל האָט זיך דער אָבערשטורמפירער מילער צונויפגערעדט מיט די עסקנים פון יודענראַט און מיט דעם קאָמענדאַנט פון יידישן אָרדענונגס־דינסט, ד"ר יוסף בריק, אַז זיי זאָלן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַקציע. ער האָט זיי פייערלעך פאַרשפּראָכן, אַז זיי מיט זייערע מישפּחות וועלן געשוינט ווערן. — די יידישע מיליץ און יחידים פונעם יודענראַט האָבן זיך באַלד געוואָרפן צו דער אַר־בעט. זייער הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו העלפן אַנטדעקן די בונקערס און אַנ־דערע באַהעלטענישן. דערווייל האָבן זיי שוין אויסגעפועלט ביי מילערן, מען זאָל באַפרייען די מיטגלידער פונעם יודענראַט מיט זייערע מישפּחות, וואָס זיינען ביים אָנהייב אַקציע געכאַפּט געוואָרן. און מען האָט זיי טאַקע באַלד אָפּגעלאָזן.

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיט פולער פּאַרע, און שוין ביז 12 אַ זייגער איז די שול געווען געפּאַקט מיט איבער 1000 קרבנות. אָבערשטורמפירער מילער מיט זיין פאַרטרעטער לעקס זיינען געווען פון דער יידישער מיטהילף זייער צופרידן און טאַקע געשוינט די אַלע מישפּחה־אָנגעהעריקע פון די ראַטמענער. די יידישע העל־פערס האָבן געהאַלטן, אַז ווי באַלד אַלץ איז פאַרלאָרן, דאַן דאַרף מען לכל־הפּחות ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן און די לעבנס פון די נאָענטסטע. דער פּרעזעס גירלער אַליין און אויך דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער מיליץ, אָנגעטאָנענע אין פיינע

רייטהויזן און עלעגאַנטע, אויסגעגלאַנצטע שטיוועלעך — זיי ביידע האָבן ניט נע=
רוט. אין די בלויזע העמדער, מיט פאַרקאַמשעטע אַרבעלעך, פאַרשוויצטע, רויט=
צעפלאַמטע און צעיושעטע, מיט רייט=בייטשן אין די הענט, גלייך ווי די דייטשן,
זיינען זיי אומגעלאָפן הענדרום=פענדרום, אין איינעם מיט די צעווילדעוועטע דייטשן
און אוקראַאינישע קיילערס, פון שטוב צו שטוב, פון בוידעם צו בוידעם, פון קעלער
צו קעלער, געשלעפט, געריסן, געשלאָגן, געשריען, ווי די ווילדע חיות, — ניט ערגער
ווי זייערע גוטע לערערס . . .

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די דייטשן, זייענדיק ממש ווירטואָזן אין
אכזריותן און ברוטאַלקייט, זיינען זיי אָבער אויך אין דער זעלבער צייט גאָר גרויסע
פחדנים. זיי האָבן מורא געהאַט אַפילו פאַר אַ קינד, טאָמער קען עס אויס נקמה
אויסדראַפּען די אויגן. ווי נאָר עס פלעגט אויסקומען אַ דייטש צו קריכן ערגעץ איז אַ
לאָך, אין אַ קעלער, אָדער אויף אַ בוידעם, האָט ער געשיקט פאָרויס אַ יידן, און
אַליין בשעת מעשה געציטערט ווי אַ פיש. און די יידן האָבן טאַקע אויסגעפונען,
געשלעפט זייערע אייגענע . . .

הימלער האָט אין אַזאַ קורצער צייט באַוויזן צו אָפּסמען פעלקער און גענע=
ראַציעס. פון אָט די השפּעות און אויפגעצוואונגענע באַדינגונגען זיינען ניט טרוקן
אַרויס אויך אַנדערע יחידים פון צווישן די יידן. — אין די אָרעמס פון פאַרברעכן
און געמיינקייט, איבער די הויפנס מתים, שטופּט דער אינסטינקט צו לעבן, ווען
אַפילו צו אַ היגטיש לעבן. „מאיר, מאיר, טו אַלץ כדי מיר זאָלן לעבן!" — האָט
געזאָגט די שווינגער צו איר איידעם, דעם טרויעריק באַרימטן פּרעזעס גירלער, אין
די אַזוי טראַגישע מינוטן פונעם שטעטל. הייסט עס, כדי צו ראַטעווען די אייגענע,
איז רעכט צו טאָן אַלץ, אַפילו שיקן צום טויט טויזנטער אַנדערע. (און די ביידע
צוויי, די שווינגער און איר איידעם, לעבן טאַקע).

די שול איז שוין געווען פול געפּאַקט. אויך אין פּאָליש און אין דער ווייבער=
שער שול איז געווען די ענגשאַפט גרויס. די אָנפירערס פון דער אַקציע זיינען גע=
ווען געצוואונגען צו אַרויספירן פון דאָרט פיל מענטשן, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר די
פריש צוגעקומענע, די ניי געכאַפּטע. אונטער אַ שטאַרקער שמירה האָט מען אין
גרופּעס אָנגעהויבן פירן גרויסע טיילן פון די אומגליקלעכע צו דעם פּלאַץ אויף דער
לאָנקע לעבן דער באַן=סטאַנציע. דאָרט איז פון תמיד אָן די ערד געווען אַ פייכטע,
צוליב די זומפּן, וואָס האָבן אַ מאָל באַוואַסערט גרויסע שטחים.

שוין אין ערשטן טאָג איז געווען 2000 צונויפגעכאַפּטע יידן. אין שול איז געווען שרעקלעך. אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע פון פּאָליש זיינען געלעגן צעוואָרפענע צענדליקער קינדער אין די וויקעלעך, א טייל מיט זעקלעך און א טייל מיט לײַלעכער צוגעדעקטע. דאָס וויינען און פּישטשען פון די קליינינקע קינ=דערלעך האָט ניט אויפגעהערט. עס האָבן עופעלעך געשריען נאָך די ברוסטן פון זייערע מאמעס. זיי האָבן געציטערט פון קעלט און זיך נערוועז געשליידערט מיט די פיסלעך און הענטלעך. ווער קוקט זיך אויף זיי אום? די אייגענע מאמעס האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף גאָטס באראָט אין די ווינקלען און אליין געלאָפן זיך באהאלטן. ווער וואָלט דען אריינגעלאָזט א מאמען מיט א קינד אין בונקער אריין, און ווי איז דען מעגלעך צו לויפן מיט א קינד אויף די הענט? אין דער גרויסער אײַלעניש און בהלה האָט מען פארגעסן אָן די קליינינקע עופעלעך . . . אָבער די תליונים האָבן אָן זיי ניט פארגעסן . . . נאָר אויפן אָרט צו זיי געשאָסן אָדער געבראכט זיי אין זעקלעך אין שול צו טראָגן. אין שול גופא איז גרויס געווען די ענגשאפט. קיינער האָט ניט געטאָרט ארויסגיין, אפילו צום דערליידיקן די מענטשלעכע באדערפענישן. דאָס שמוץ און נעץ איז געווען גרויס, און דער שלעכטער ריח האָט געשטיקט אין גומען. דאָס האָט אָבער גלייכצייטיק ניט צוריקגעהאלטן דעם עולם פון מתפלל צו זיין אויפן קול. מענטשן האָבן געשעפּטשעט תפילות, געזאָגט תהילים, און אויך ווידוי. מאָטיע פערעלמוטער האָט געזאָגט מיט א יאָמערדיקן קול „מין המצר“, און קהל האָט אין כאָר נאָכגעזאָגט די פסוקים. געשרייען און געוויינען פון היסטערישע ווייבער האָבן זיך געטראָגן פון אלע זייטן. דער גרעסטער טייל פון די פארשפארטע אין שול האָט שוין איבערהויפּט ניט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון א רעטונג. א סך האָבן טרויעריק געשוויגן און געביסן זיך טיף אין די ליפּן. די מער עלטערע קינדער, וואָס זייער צאָל איז דאָ געווען ניט קיין קליינע, האָבן פארשטאנען וואָס דאָ קומט פאָר; זיי האָבן זיך אָבער געהאלטן מוטיק. שטיל, ערנסט און אנטשלאָסן האָבן זיי געטראָגן אין זיך דעם צער און ווייטיק, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען מיט א סך יאָרן עלטער. „מיט וואָס האָבן אָט די יונגע צווייגן געזינדיקט?“ — האָט איינער פון עולם ארויס=געשריען מיט א פראגע. און קיינער האָט דערויף ניט געענטפערט. —

די שול איז פון דרויסן געווען ארומגערינגלט מיט צענדליקער סאָלדאטן. אין שטאָט איז נאָך מיט פולן ברען געגאנגען די אקציע. די לעצטע גרופּעס גע=כאפּטע פארן טאָג זיינען געבראכט געוואָרן צו דעם פּלאַץ אויף דער לאנקע שוין

אין אָוונט. די צאָל קרבנות, וואָס איז געווען פעסטגעשטעלט פון דער מארגאָפּאָלער געשטאפּאָ, איז נאָך אָבער ניט געווען פארפולט. דריי שאָסן איינער נאָכן אנדערן איז געווען דער סיגנאל צו דער הפסקה, און חברה ס"ס זיינען געגאנגען אביסל זיך משמח זיין צום יודענראט, צו דער אָנגעגרייטער סעודה דאָרט. ליקער און בראנפן, וויין און אייער-קאָניאק האָבן זיך געגאָסן ווי וואסער. געווען אויך געבראָטנס און מארינאטן, געבעקסן און טאָרטן. עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין שיינע מיידלעך. די פארווערן פון יודענראט האָבן זיך געפּאָרעט ביי די רייך געדעקטע טישן און הכנעהדיק ארומגעטאנצט ביי די געסט, ווי ארום מאָנארכן. עס האָבן פרייִלעכע געלעכטערס געשאלט, די מוזיק האָט געשפּילט און די נאכט איז דורכגעגאנגען אין געזאנג, טאנץ און פרייד. — אין דערזעלבער צייט האבן געשמאכט 2000 מענטשן אין דער פּול געפּאקטער שול אין דער היץ, און ביי דער באן, אויף דער לאָנקע, — אין דער קעלט. —

דעם צווייטן טאָג, דאָנערשטיק, 42 .10 .22, איז צוגעגאנגען פיל שווערער דאָס כאפּן. דאָך האָט מען די נאָך „נייטיקע" 1000 קרבנות מיט אן עודף צונויפגעבראכט. אין דעם טאָג האָט מען אויפגעדעקט צענדליקער בונקערס, אנדערע אויך מיט 60 ביז 70 באהאלטענע מענטשן.

אויף דער לאָנקע ביים באן-פּלאץ, וווהין מען האָט געהאלטן אין איין פירן די קרבנות, האָבן זיך אָפּגעשפּילט שוידערלעכע סצענעס. אלע האָבן געמוזט זיצן אין א קניענדיקער פּאָזע. טאָמער האָט זיך עמעצער א ריר געטאָן פון אָרט, האָבן די אוקראַינישע היטלערס מוראדיק געשלאָגן. עס האָבן געשמארצט די אברים, און די פיס זיינען געווען פארשטארט ווי די קלעצער. דאָס געוויין פון קינדער און פרויען האָט געלעכערט די אויערן. אין סאמע מיטן פון ריזיקן פּלאץ זיינען געלעגן צעוואָרפן צענדליקער קליינינקע קינדערלעך, שרייענדיקע און בעטנדיקע. דאָס וועטער איז געווען הארבסטיק; טריב און קאלט. די נאכט איז באלד צוגעפאלן פינצטער און שווער. פון אלע זייטן האָבן אויפגעפלאקערט שייטערן, וואָס האָבן באלויכטן דאָס שרעקלעכע בילד. די אוקראַינער האָבן עס געמאכט די פייערן אויף צו ווארעמען זיך און צו קענען מער אויפּפּאסן אויף די יידן. א כסדרדיק שיסן אין דער לופטן, האָט אויך געוואָרנט, אז קיינער זאָל ניט וואגן לויפן. די אומגליקלעכע האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער פייכטער ערד, און דער הונגער, די קעלט און די טויט-שרעק האָבן געצויגן דעם דם-התמצית. אין דער פרי זיינען א סך מענטשן געווען ווי צוגע-

פרוירן צום באָדן און מחמת שוואַכקייט ניט געקענט זיך אויפהייבן פונעם אָרט.
א גרויסער טייל פון די מענטשן איז געווען כמעט נאַקעט, ווייל מען האָט זיי אַרויס=
געשלעפּט פון די בעטן נאָך אין אונטערוועש. די מענטשן זיינען געווען ניט צום
דערקענען, פאַרשוואַרצטע און מיט אויסגעלאָשענע בליקן. דאָס זיינען שוין געווען
מענטשן אין טיפסטער דעפּרעסיע. דאָך האָבן יעדע ווייַלע יחידים געפּרוווט אַנט=
לויפן, וואָס האָט זיך מיינסטנס אָבער ניט איינגעגעבן. די היטערס, אין די מערערע
צענדליקער, האָבן נאָכגעשאָסן, און טויטע און שווער פאַרווונדעטע האָבן זיך גע=
מערט. איז עמעצן יע געלונגען צו אַנטלויפן, האָבן געוויסנלאָזע פּויערים זיי נאָכ=
געיאָגט און געבראַכט זיי צו פירן. די טויטע קערפּערס האָבן זיך פאַרבלוטיקטע גע=
וואַלגערט אין אַלע עקן. אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען הונדערטער פּויערים צו=
קוקערס, וועלכע האָבן ביי זייערע בלומרשטע רחמנות=בליקעלעך געהאַט נחת=רוח
פונעם יידישן אומגליק.

דעם צווייטן אַקציע=טאָג נאָך מיטאָג האָט מען אויף דער לאַנקע געבראַכט
אויך די אַלע מענטשן פון דער שול. מיטן צוברענגען אַרום 7 אין אָוונט די לעצטע
גרופּע געכאַפּטע האָט שוין באַטראָפן די צאָל קרבנות איבער 3000. דאָס איז, ווייזט
אויס, געווען די „פּעסטגעשטעלטע“ צאָל פון געשטאַפּאָ. עס האָבן זיך באַלד ביים
באַן=הויף פאַרזאַמלט דער גאַנצער קאָמפּלעט פון די דייטשע, אוקראַינישע און יידי=
שע אָנטיילנעמערס, כדי איצט מיטהעלפן ביים אָפּטראַנספּאָרטירן די קרבנות.

א טייל פונעם יודענראַט האָט אין שטאָט זיך איצט עוסק געווען מיטן צו=
גרייטן דעם אָפּשייד=באַנקעט פאַר די טאַרנאָפּאָלער ס"ס=מענער. א גרופּע יידישע
מיליציאַנטן איז נאָך אָבער געווען שטאַרק פאַרנומען. דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן
אָפּראַטעווען נאָך אין דער לעצטער מינוט עטלעכע מקורבים פון יודענראַט מיט
זייערע פאַמיליעס, וואָס זיינען אויך געווען צווישן די געכאַפּטע. דער עיקר השתד=
לות איז געגאַנגען וועגן דעם ד"ר גוטמאַן, בוכהאַלטער סאַס פון טאַרנאָרודע און
ד"ר פינקעלשטיין פון פּאָדוואָלאָטשיסק. דער יודענראַט האָט וועגן דעם אונטער=
האַנדלט מיט די געשטאַפּאָ=פאָרשטייערס מילער און לעקס. דער שעף איז געווען
זייער שלעכט געשטימט און האָט געהאַלטן אין איין שרייען און זידלען זיך. דערצו
האָט זיך שוין ביי אים גערעכנט די אַקציע פאַר „אָפּגעשלאָסן“. די מיטגלידער פון
יודענראַט האָבן אָבער באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז זען צו ראַטעווען די אויבנדער=
מאָנטע מענטשן. ניט אָפּגעטראָטן זיינען זיי פון מילערן. „פאַר יעדן באַפרייטן

יידן גיט מיר 25 אנדערע" — האָט דער שעף געשטעלט אזא הארבע פאָדערונג, כדי די יידן זאָלן אים שוין לאָזן צו רו. „בעפעהל, הערר אָבערשטורמפירער!" — האָט איינער פונעם יודענראט געענטפערט און זיך גלייך אומגעדרייט צו דער מיליץ און זיי ארויסגעגעבן די געהעריקע פאראָרדענונג. א גרופע האָט זיך א לאָז געטאָן מיט נייעם אימפעט איבער די געסלעך, כדי אויפצודעקן ערגעץ נאָך א יידישן בונקער און ווי שנעלער צושטעלן די נייע צאָל נייטיקע מענטשן.

נאָך א האלבער שעה ארומבושעווען אין שטאָט איז זיי קוים געלונגען צונויפברענגען סך־הכל 25 מענטשן. דער דייטש האָט פארחידושט געקוקט אויף זיינע יידישע מיטהעלפערס; ארויסגעלאָזן האָט ער נאָר דעם ד"ר גוטמאן מיט זיין פאמיליע און דעם בוכהאלטער סאס. מער האָט ער ניט געוואָלט באפרייען. ער האָט געשריען און געשאָלטן און ניט געלאָזט מער צו זיך ריידן קיין וואָרט. די 25 פריש געכאפטע יידן האָבן אוקראינישע מיליציאנטן ארויפגעטריבן אויפן פלאץ, צו דעם גרויסן מענטשן־הויפן.

מיט דעם לעצטן טויש־געשעפט האָט זיך פארענדיקט די אקציע. די סיסטעם פון אויסטוישן יידן פאר יידן איז ביים יודענראט געווען א גאנגבארער מעטאָד. פאר גרויס געלט זיינען די ראטמענער שטענדיק געווען גרייט צו טאָן. און פראָטעקציע־קינדער און חשובים האָבן זיך אויך תמיד געפונען.

אויף דער באן־סטאנציע האָט דער לאָקאָמאָטיוו צוגעפירט די ליידיקע וואגאָנעם אויף די נאָענטע שינעס, און דער באפעל צום לאָדן די קרבנות איז געפאלן. די סאָלדאטן האָבן ברוטאל געטריבן די מענטשן צו די וואגאָנעם. אונטער געשרייען און קלעפ זיינען געפירט געוואָרן די מענטשן אין קלענערע גרופעס און געוואָרן אריינגעשפארט צו 100 ביז 120 נפשות אין א וואגאָן. די טויטע האָט מען אויך אריינגעוואָרפן און אריינגעציילט צווישן די לעבעדיקע. די וואגאָנעם האָט מען דערנאָך פלאָמבירט און אויך פארקלאפט מיט ברעטער. נאָך א שעה צייט איז די לאנגע קייט וואגאָנעם געשטאנען גרייט צום אָפפאָרן.

9 א זייגער אין אָוונט האָט דער טראנספאָרט זיך גערירט פונעם אָרט און איבערגעלאָזט א פארבלוטיקטן פלאץ, אויף וועלכן עס זיינען געלעגן כאאָטיש צעוואָרפן פארשיידענע טיילן פון מלבושים. א מחנה פויערים מיט זעק און קאָשיקעס האָט זיך באלד א ווארף געטאָן אויף דעם „רויב". אזא בילד איז שוין אין גאנצן געווען קעגן דעם עסטעטישן געפיל פון די דייטשן. „זאָ ווילדע שווייגע!" האָבן זיי גענומען שרייען, און די פויערים זיינען זיך באלד צעלאָפן.

אָבערשטורמפירער מילער און זיין פארטרעטער לעקס האָבן הארציק גע=
ראנקט דעם אוקראינישן קאָמענדאנט מיט זיינע מיליציאנטן פאר דער איבערגע=
געבענער מיטארבעט, ווי אויך דער מאנשאפט פון דער יידישער מיליץ, וועלכע זיי=
נען רייענווייז געשטאנען אויסגעצויגענע ווי סטרונעס און נאָך דעם סאלוטירט צום
אָפּפאָר פון די דייטשע טארנאָפּאָלער געסט, וועלכע האָבן זיך האסטיק געוואָרפן צו
די גרויסע אויטאָבוסן. דער אָבערשטורמפירער, זיין פארטרעטער און דאָס רעשט
העכערע פונקציאָנערן האָבן זיך געזעצט אין זייערע עלעגאנטע לימוזינעס. לעקס
האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער זייטיקער שויב, צוגעוואָרפן א קאלטן בליק
צו דער גרופּע יידישע ראטמענער און אויסגערופן „אויף ווידערזען, אין 4 וואָכן
קומען מיר ווידער!“ דאָ האָט ער אָבער טייוולאָניש א שמייכל געטאָן און פּלוצלונג
אויסגערופן: „קאָם הער, אָבעריודע!“ דער פּרעזעס נירלער האָט זיך צו אים דער=
נענטערט, אויסגעהערט א פּאָר ווערטער, דערנאָך אָפּגעענטפערט: „בעפעל, הער
שעף“...

די לימוזינעס זיינען באלד צוגעפאָרן צום לאָקאל פון דעם יודענראט, ווו די
געשטאפּאָ=לייט האָבן זיך נאָך פארזאמט א שעה צייט. זיי האָבן נאָך דאָרט געמאכט
א כוסה, אָפּגעגעסן אָוונטברויט, מקבל געווען די שענסטע מתנות און באלד אָפּ=
געפאָרן.

נאָכן שדים־טאַנץ

אויף מאָרגן נאָך דער „ווילדער אקציע" האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי א בית־עולם. די הייזער צעשטערט און צעראבירט. אין אלע טיילן פון שטאָט זיי־נען אויף די גאסן געלעגן צעוואָרפן די הרוגים. מענטשן, שוין פיל אויסגעפרוּווטע, האָבן נאָך מורא געהאט ארויסצוגיין פון זייערע באהעלטענישן. ערשט אין די שפּע־טערע פארמיטאָג־שעהן האָבן זיך געלאָזט זען די ערשטע יידן. פון די איבער 3000 קרבנות ביי דער אקציע האָבן זיך אָפּגעראטעוועט נאָר געציילטע. אויסגעמיטן די אקציע האָבן אלע וואָס האָבן געהאט גוט מאסקירטע בונקערס אוּן אויך די וועמען עס איז געלונגען אין די צוויי אקציע־טעג אריבערצוקומען אויף דער ארישער זייט, אָדער אויף די פעלדער און אין די וועלדער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א פארצווייפלט ארומזוכן איינער דעם אנדערן. א פרוי האָט געזוכט איר מאן, א ברודער א שוועסטער, א מאמע א קינד אא"וו. די קליינע צאָל איבערגעבליבענע ביים לעבן האָט אויסגעמאכט איין גרויסע מחנה פרי־שע יתומים, אלמנות ,סתם עלנטע און צעבראָכענע נפשות. פון די גאסן זיינען נעווארן צונויפגענומען 153 דערשאָסענע. ביים מקבר זיין זיי איז דער עולם געש־טאנען ווי פארגליווערט. יעדער האָט קלאָר געוווּסט, אז דאָס אומגליק איז נאָך ניט געענדיקט. „אין 4 וואָכן קאָממען וויר ווידער", האָבן די מערדערס געזאָגט ביים אָפּפאָרן, — און בנוגע דעם קען מען זיי דווקא גלייבן. . .

אין אונטערערדישן סקאלאט, ווו א גרעסערער טייל יידן האָט זיך אויסבא־האלטן, האָבן זיך אָפּגעשפּילט טראגעדיעס, וואָס די פאנטאזיע קען זיי ניט מאָלן. מענטשן דערציילן, אז זיי האָבן אליין געזען, ווי מאמעס האָבן געשטיקט אייגענע קינדער,ווייל די זאָלן ניט מיט זייער געוויין ארויסגעבן דאָס באהעלטעניש, אין וועלכע עס געפינען זיך נאָך צענדליקער אנדערע יידן. אין א סך פאלן האָט מאקע קינדערשער געוויין געבראכט צום אויפדעקן בוּנקערס. א סך מאמעס האָבן אריינ־געגעבן וועראָנאל, כדי איינצושלעפערן די הונגעריקע אוּן דאָרשטיקע קינדער. עס

האָט אויך פּאסירט, אז די דאָזעס זיינען געווען צו שטארק, און די קינדער זיינען שוין איינגעשלאָפן אויף אייביק. אזוינע און ענלעכע פאלן זיינען געווען איבער 20.

אין די פול געפּאקטע בונקערס זיינען די מענטשן געווען איינגעפּרעסט ווי הערינג, אָן וואסער, אָן לופט, אָן שפּייז. און ווען די אקציע האָט זיך געענדיקט, זיינען די באהאלטענע פון דאָרט ארויס ניט טויט ניט לעבעדיק, אויסגעהונגערטע און פארהלשטע. אין די הייזער האָבן זיי געטראָפן א חורבן, — אלץ צעשטערט, און אזוי פיל מענטשן, די נאָענטסטע, האָבן געפעלט! וואָס טוט מען ווייטער?

אין די ערשטע טעג פון נאָך דער „ווילדער אקציע“ איז דער יודענראט מיט זיינע מיטארבעטערס נאָך געווען פארשיכורט פון דעם דורכגעמאכטן שדים-טאנץ; זיי האָבן נאָך ניט געקענט צוריקקומען צום גייסטיקן גלייכגעוויכט. עס האָבן זיי נאָך פאר די אויגן געשוועבט די בלוטיקע סצענעס פון דער גרויזאמער אקציע. זייערע באגאנגענע מעשים האָבן אפּנים געעקבערט זייערע געוויסנס. אינעם רויש פון פארוויילונגען און אין א ים פון אלקאָהאָל האָבן זיי געוואָלט פארזינקען די טריבע געדאנקען. ביסלעכווייז איז צו זיי צוריקגעקומען די רו. די פליכטן רופן אויך צו ארבעט; מען באדארף אָרדענען די לויפנדיקע ענינים. אלע אמטן פון יודענראט האָבן אָנגעהויבן ווידער נאָך א מאָל צו ארבעטן, גלייך ווי ביז אהער. און דער חשבון דערביי איז געווען גאנץ פשוט: ווי באלד אז די דייטשן האָבן ביי דער לעצטער אקציע געשוינט דעם יודענראט, איז דאָך דער בעסטער סימן, אז עס דארף נאָך אין סקאלאט עקסיסטירן א שטיקל יידישער יישוב און אז מען וועט נאָך פון זיי עפּעס פארלאנגען. דערמיט האָבן זיי געטרייסט זיך און אנדערע. מען האָט זיך גענומען מיט פרישן מוט צו דער ארבעט „לטובת הכלל“.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען צענדליקער יידן, וואָס זיינען געשפּרונגען פון פאָרנדיקן צוג. זיי האָבן דערציילט, אז זייער פיל זיינען געשפּרונגען. די פּאָסטנס פונעם טראנספּאָרט האָבן פון אויטאָמאטן נאָכגעשאָסן און אויסגעלייגט פיל טויטע אין ביידע זייטן פון דער באן-ליניע, וואָס ציט זיך אין דער ריכטונג פון לעמבערג. דער גרעסטער טייל פון די, וועמען עס איז געלונגען צו אנטלויפן, האָבן זיך וואָכן לאנג געבלאָנקעט אין די פעלדער און אויף די וועגן, אין רעגן און אין קעלט. געוויסנלאָזע פויערים האָבן פיל פון זיי באַרויבט און דערנאָך איבערגעגעבן צו דער שופּאָ, אָדער אוקראינישער מיליץ, פון וועמענס הענט קיינער איז לעבעדיק ניט ארויס. אן ערך 50 אזעלכע „סקאָטשקעס“ (אזוי האָט מען גערופן די שפּרינגערס) זיינען אָנגעקומען אין שטעטל.

ווי מען האָט איבערגעגעבן האָט זיך דער סקאַלאַטער טראַנספּאָרט אָפּגע⸗
שטעלט אין לעמבערג, ווו די דייטשן האָבן דורכגעפירט א סעלעקציע. 200 יונגע און
ארבעטספעאיקע האָט מען באַלד אָפּגעשיקט צום ארבעטן אין לעמבערגער פאַר⸗
ניכטונגס⸗לאַגער אויף יאַנאָווסקע גאַס. פון די אַלע איבעריקע מענטשן האָט מען
אראָפּגעצווינגן די קליידער (כדי זיי זאָלן ניט קענען אנטלויפן) און אין געשלאָסענע
וואַגאָנעס זיי אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין בעלזשעץ, צום באַקאַנטן פארניכטונגס⸗
אָרט פאַר די גאַליציאַנער יידן.

איך אליין האָב זיך אין דער צייט געפונען אין לעמבערגער געטאָ. דעם 12טן
דעצעמבער 1942, ווען מען האָט מיך פארשלעפט אין יאַנאָווער לאַגער, האָב איך
פון מיינע סקאַלאַטער לאַנדסלייט נאָך אָנגעטראָפן 2 יידן, מאָרטשיק מענענבוים
און יעקעלע בערגער. זיי האָבן מיר דערציילט, אז די אַלע סקאַלאַטער זיינען פון
דאַנען אוועק מיט דער „טשיסטקע“, וואָס ווילהויז האָט דאָ דורכגעפירט. אזוינע
טשיסטקעס פלעגן פאָרקומען דורך דעם אזוי גערופענעם „מאַרש⸗שמיערצי“
(טויטן⸗מאַרש), א געיעג אויפן גרויסן אפּעל⸗פּלאַץ. לאַגער⸗יידן האָבן אין איין
גאַלאָפּ געמוזט לויפן. און ווער עס האָט זיך מיטן פוס פארטשעפּעט, אָדער געבליבן
הינטערשטעליק, האָבן די ס"ס⸗מענער אוועקגעשטעלט אָן א זייט. די אַלע זיינען
געווען באַשטימט, ווי מען האָט דאָס אָנגערופן אין דער לאַגער טערמינאָלאָגיע,
אויף „שמעלץ“, ברען מאַטעריאַל פאַר דעם אויוון אין בעלזשעץ.

אזעלכע פאַראַנשטאַלטונגען זיינען פאָרגעקומען יעדע פּאָר וואָכן. מאַנכ⸗
מאָל פלעגן די דייטשן ארייננשיסן אינעם לויפנדיקן עולם אריין. און צענדליקער
מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן. דאָס איז ביי זיי געווען איינע פון די שענסטע
פארווייַלונגען.

דאָס איז דער סך הכל פון דער ווילדער אקציע מיט די 3153 קרבנות פון
סקאַלאַט. דערמיט האָט זיך די תוכחה אויף סקאַלאַט נאָך ניט געענדיקט. —

נ. צ. ל. (ניצל)

„ניצל“ איז ניט קיין מיסטיש סימבאָלישע באצייכענונג, כאָטש אין העב-רעאיש באטייט עס: רעטונג. נ.צ.ל.—דאָס זיינען די ראשי-תבות פון די זיילן פון יודענראט: נירלער, צימער, לעמפערט. זיי האָבן זיך נאָך אלץ געהאלטן פאר די באַשיצערס און רעטערס פונעם כלל-ישראל, און זייערע מקורבים און גוטע פריינד האָבן אין זיי געזען זייערע מלאכים טובים. — ביי דעם ברייטן עולם האָט דער יודענראט אָנגעהויבן הייסן „ניצל“, א וואָרט וואָס האָט פאר א טייל באצייכנט דעם „פרומען ווּנטש“, פאר א קליינעם טייל — „האָפענונג“, אָבער פארן גרעסטן טייל — „אנטוישונג“, „איראָניע“ און „שקר“.

די סקאלאטער יידישע באפעלקערונג איז נאָך געווען אונטערן רושם פון דער בלוטיקער „ווילדער-אקציע“, און שוין האָט די „קריפּאָ“ (קרימינאל-פּאָליציי; באשטאנען פון אוקראינער און פּאָליאקן) ארומגעוואנדערט צווישן די ליידיק געוואָרענע יידישע וווינונגען און צוגענומען אלע שטוב-זאכן, מעבל, קליידער און חפצים, דערנאָך קאָנצענטרירט און סאָרטירט דאָס אלץ אין די מאגאזינען פון דער גוראלניע, וווּ עס איז אמאָל געווען די ריזיקע אייער-מאגאזינען פון דער פירמע „אייער עקספּאָרט בישל און קאָמפּ“. דער יודענראט האָט באדארפט צושטעלן יעדן טאָג צענדליקער ארבעטערס צום סאָרטירן די יידישע פארמעגנס פון די אויסגעזידלטע פאמיליעס. צוליב דעם וואָס דאָס מעבל איז געווען זייער פיל, אז עס איז ניט געווען קיין אָרט אין די מאגאזינען, האָט מען אין הויף און ארום דעם בנין, אָנגעטורעמט גאנצע בערג מיט מעבל-שטיק, וואָס האָבן זיך דערנאָך א לאנגע צייט געוואשן אונטער די רעגנס און שנייען.

דעם 25טן אָקטאָבער 1942, עטלעכע טעג נאָך דער „ווילדער אקציע“, איז פון טארנאָפּאָלער געשטאפּאָ אָנגעקומען צום סקאלאטער לאנדקאָמיסאר עלענבערג א באפעל, אז ער מוז אין די נאָענטסטע טעג דורכפירן די פארקלענערונג פונעם אזוי גערופענעם „געטאָ“. מיט דער געצוווּנגענער מיטהילף פון יודענראט האָט מען

נאָך מער איינגעצוינגן דעם רינג ארום דעם געטאָ, און די איבער 3000 יידן האָבן איצט זיך געמוזט צוזאמענפרעסן אין נאָך א קלענערן שטח. דער יידישער „אָרדענונגס־דינסט“ האָט סטאביל פאטרולירט ביי די אָנגעצייכנטע גרענעצן פונעם יידן־פערטל, ווייל פארן אריבערגיין האָט געדראָט טויט־שטראָף. אויך די ניט־יידן האָבן ניט געטאָרט אריינקומען אין געטאָ. פונדעסטוועגן פלעגן זיך אריינ־גנבענען דאָרפס־פויערים, וואָס האָבן פאר געזאלצענע פרייזן פארקויפט זייערע סחורות. דער יודענראט און די אָרדענונגס־דינסט זיינען געווען אויסערן געזעץ. זיי האָבן געמעגט זיך פריי באוועגן און עטלעכע פון זיי האָבן געוווינט אויך אויסערן געטאָ. דער „ניצל“ האָט נאָרמאל געארבעט, געמאכט געשעפטן און געלעבט א פיל העכערן לעבן איידער זייערע ברידער אין געטאָ. פון זייערע מישפחות האָט נאָך קיינער ניט געפעלט. אין דער ראָלע פון דעה־זאָגערס און מיוחסים איז פיל לייכטער געווען צו לעבן אין דער אזוי שווערער צייט. זייער כאראקטעריסטיש איז דאָס לידל, וואָס קינדער פלעגן נאָכזינגען דעם יודענראט־מיטגליד לייבוש דעגען, וועלכער האָט מיט זיין גאנצער מישפחה כמעט נאָרמאל געלעבט, געהאט פרנסה, ניט געוווּסט פון קיין נויט. אליין א כשרע נשמה און בטבע ניט קיין שלעכטער מענטש, וואָס אויך אריינפאלנדיק אין יודענראט האָט מען פון אים ניט געליטן,—ער פלעגט איצט אין געטאָ ביי זיין פשוטער תמימות אלץ זאָגן: „גאָטעניו, אבי ניט ערגער!“ די קינדערלעך פלעגן אין גאס אים נאָכלויפן און אזוי אים נאָכזינגען:

„לייביש דעגען קשיטשי פעסט:
ניעך יוזש בענדזשיע טאק יאק יעסט“
(„לייביש דעגען שרייט פעסט: זאָל שוין זיין ווי עס איז“).
וויפל טראגיק און איראָניע שטעקט אין אָט דעם לידל!

די סקאלאטער יידישע באפעלקערונג האָט בולט געפילט די נאָענטקייט פון דער סכנה. זיי האָבן זיך געפילט ווי געפאנגענע אין תפיסה, פון וואנעט עס וועט שוין אוממעגלעך זיין זיך ארויסצובאקומען. טאָג און נאכט האָבן מענטשן געקלערט וועגן איין זאך: ווו נעמט מען א גוטן בונקער? און מען האָט טאקע דורך די נעכט געבויערט אונטער דער ערד פרישע באהעלטענישן, פרישע מויזנלעכער. א קליינער טייל פון די פארמעגלעכערע יידן האָבן זיך באצייטנס פארזאָרגט באהעלטענישן ביי קריסטן אין שטאָט אָדער אין דאָרף, אָפּצאָלנדיק פארמעגנס. יידן האָבן געלעבט אין שטענדיקן פחד. די מורא פאר פרישע שחיטות האָט געשטערט דעם שלאָף און די

רו. — צוליב דער ענגשאפט, אנטי=היגיענישע באדינגונגען און ניט גוטער פארפלע=ינגג זיינען אויסגעבראָכן טיפוס, גריפּע, דיפטעריע און אנדערע אומבאקאנטע קראנקהייטן. עס האָט זיך מער פארגרעסערט די שטערבלעכקייט. עס זיינען אליץ ארומגעגאנגען פארשיידענע קלאנגען און סברות וועגן ווייטערדיקע אקציעס. דער לאנדס=קאָמיסאר זאָל האָבן געזאָגט, אז סקאלאט מוז ווערן „יודענריין“, גלייך ווי אלע אנדערע שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך, און אז די יידן וועט מען איבערהויפט ניט לאָזן לעבן, ווייל זיי זיינען אָנערקענט געוואָרן פאר „קריגס=פארברעכער“. עס וועלן נאָר קענען עקסיסטירן, האָט מען געזאָגט, ארבעטס=צוואנגס=לאגערן, ווו נאָר די ייגגערע און ארבעטס=פעאיקע וועלן ווערן קאָנצענטרירט.

די אלע נאָכזאָגענישן און שמועסן האָבן נאָך מער פארטומלט די מוחות, און די מורא און פאניק איז געוואקסן

די שטייער=אָפּטיילונג פון יודענראט האָט אויפגעמאָנט הויכע שטייערן פון דער יידישער באפעלקערונג, כדי צו דעקן זייערע קהלשע הצטרכותן, און דער עיקר אויף די גרויסע מתנות, באשטימטע פאר דייטשן, אוקראינער און „קריפּאָ“. דער „ניצל“ איז יעדעס מאָל געפאָרן קיין טארנאָפּאָל צום פארבינדונגס=מאן, כדי זיך עפּעס צו דערוויסן. זיי זיינען אָבער יעדעס מאָל צוריקגעקומען אנטוישטע און נאָך מער צעטומלטע, ניט וויסנדיק אליין, וואָס מען הייבט אָן צו טאָן. אויך זיי האָבן זיך איבערצייגט אין דעם דייטשן שווינדל און שקר און האָבן שוין געוווּסט אויף געווי, אז צו זי[illegible] משווימען אינעם שמוציקן וואסער וועט אויך באלד נעמען א סוף.

אין דער זעלבער צייט האָט דער יודענראט געמוזט צושטעלן קאָנטינגענטן ארבעטס=קרעפטיקע מענטשן פאר די ארומיקע לאגערן, ווי באָרקי=וויעלקע, ראָמאנאָווקע, סטופּקע, קאמיאָנקע א"א, וואָס זיינען געשטאנען אונטער דעם אָנפיר פון שטורמפירער רעבעל. אין די לאגערן האָבן שוין דעמאָלט געארבעט טויזנטער יידן און רוסישע קריגס=געפאנגענע, וועלכע האָבן דאָרט געצאנקט אין הונגער און אין נויט און אונטער די דייטשע בייטשן. הגם אין די לאגערן זיינען טאקע ניט געווען קיין קרעמאטאָריעס, אָבער דער לעבנס=מצב איז דאָרט געווען ניט פיל בעסער ווי אין די בארימטע טויטן=לאגערן. די ס"ס האָבן דאָ געשלאָגן, געשאָסן, געהאנגען, און בכלל פארפייניקט מענטשן ביזן טויט. פון אָט די לאגערן איז כמעט קיינער ניט צוריקגעקומען. א מענטש האָט דאָ געקענט אויסהאלטן חעכסטנס ביז 3 חדשים. צוליבן כסדרדיקן אויסראָטן פון די לאגער=מענטשן האָבן די דייטשן געהאלטן אין

איין פאַדערן פרישן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס די יודענראַטן האָבן געמוזט צו די באַשטימטע טערמינען צושטעלן. יידן האָבן זיך ווידער געמוזט באַהאַלטן, גיט גע־כאַפּט צו ווערן אין די לאַגערן אריין. ביים „גיצל“ פלעגט מען זיך אויך קענען אויס־קויפן פאַר הויכע סכומים; אנשטאָט דעם אויסגעקויפטן פלעגט מען כאַפּן פון די אָרעמע מענטשן. עס זיינען פאָרגעקומען פאַלן ווען דער „גיצל“ האָט בכיוון געכאַפּט עלטערע און פאַרטעגלעכע מענטשן, כדי דערנאָך צו קענען צאַפּן פון זיי געלט.

אזוי האָבן זיי אויך פאַרכאַפּט מיין קראַנקן און 62 יאָריקן פאָטער אין קאַמיאָנקער לאַגער אריין. אָט וואָס עס דערציילט מיין לעבנגעבליבענע מוטער:

„איך בין געגאַנגען צום פּרעזעס גירלער און צו לייזער שיינבערגן אויס־פּועלן, מען זאָל ארויסלאָזן מיין מאַן. דאָרט האָבן זיי מיך מערדערלעך געשלאָגן און איך בין געלעגן איבער א שעה אויף דער ערד א צעבלוטיקטע און אין א באַוווסט־לאָזן צושטאַנד, נאָך גרויסע באַמיאונגען און פּראָטעקציעס איז מיר געלונגען מיט אכט טעג שפּעטער, באַצאָלנדיק 15.000 זלאָטעס, ארויסצונעמען מיין מאַן פון קאַ־מיאָנקער לאַגער, א צעבראָכענעם און אויסגעמוטשעטן“.

אזוי האָט אויסגעזען דער מצב אין שטעטל ערב דער קליינער אקציע, וואָס איז געקומען אין 20 טעג ארום נאָך דער „ווילדער אקציע“. —

די קליינע אקציע

די באצייכענונג „קליינע אקציע" נעמט זיך דערפון, וואָס אין פארגלייך צו די ביזאיצטיקע אקציעס און אויסזידלונגען איז די אקציע פון דעם ניינטן נאָוועמבער 1942 געווען פון א קלענערן פארנעם און די קרבנות האָבן באטראָפן „נאָר" 1100 מענטשן.

און ווידער ווי אומגלייבלעך דאָס זאָל ניט זיין, נאָך צוריק מיט צוויי וואָכן האָט זיך פארשפרייט א נביאות־זאָגעריי, אז עס קומט די ישועה. מרדכי מלמד האָט געזען אין חלום זיין זיידן עליו השלום, אָנגעטאָן אין ווייסן קיטל און אין טלית און תפילין. דער זיידע האָט אים געזאָגט, ער זאָל צוגרייטן א שימחה, ווייל אין טאָג פון כ"ט מרחשון ווערן די יידן געהאָלפן, — די ישועה קומט! מרדכי מלמד, א קבצן כל ימיו, פארקויפט דאָס לעצטע העמד, גרייט אָן לעקעך און בראנפן, זיין ווייב מאכט א פעטן קוגל אויף שבת, ער רופט צונויף אלע שכנים אויף א קידוש; ווי גליקלעך ער איז צו זיין דער בשורה־ברענגער פון דער ישועה, וואָס קומט בקרוב...

אָבער דווקא אין דעם טאָג, כ"ט השוון, איז פאָרגעקומען די „קליינע אקציע", ווען מרדכי מלמד מיט זיין מישפחה זיינען אריינגעפאלן צווישן די קרבנות.

כ"ט חשון תש"ג (9.11.1942) פארטאָג האָבן טארנאָפּאָלער ס"ס אונ־טערן אָנפיר פון רייניש, א פונקציאָנער פון דאָרטיקער געשטאפּאָ, ארומגערינגלט דאָס שטעטל און זיך גענומען צו דער ארבעט לויט דעם שוין באקאנטן שאבלאָן פון די פריערדיקע אקציעס. אויך דאָסמאָל האָבן אין דער אקציע אָנטייל גענומען די גאנצע אוקראינישע מיליץ, די פויליש־אוקראינישע קריפּאָ, ווי אויך די יידישע מיליץ. דער יודענראט האָט געהאט גענוג מאכט אין די הענט, כדי אויך דאָסמאָל ארויסצוראטעווען פון די דייטשע הענט א ביסל קרובים און גוטע ברידער. דאָס געיעג איבערן שטעטל האָט אָנגעהאלטן ביז 12 א זייגער בייטאָג, ווען רייניש האָט דערזען, אז אין שול, וו עס איז געווען דער זאמלפונקט, שטייגט די צאָל מענטשן־קעפּ אריבער די פעסטגעשטעלטע נאָרמע פון 1000 מאן פאר דער אקציע. דאן

האָט ער פון די צונויפגעכאַפּטע מענטשן אָפּגעקליבן 100 מער ייִנגערע און קרעפּ־טיקע און זיי געלאָזט אָפּשיקן אין לאַגער הלובאָטשעק, ווו קיינער פון זיי איז ניט געבליבן ביים לעבן.

ארום דער שול זיינען געשטאַנען גרייט די ס"ס־סאָלדאַטן, די אוקראַינישע מיטהעלפּערס און אויך דער יידישער „אָרדנונגס־דינסט" און געוואַרט אויף ווייַ־טערדיקע באַפעלן. פּונקט האַלב איינס א זייגער זיינען אָנגעקומען 5 גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט די שאָפערן פון דער פירמע „אָטטאָ הייל". פון דעם ארויסגאַנג פון דער שול ביז צום פּלאַץ, ווו די מאַשינעס זיינען געשטאַנען, איז פון ביידע זייטן געשטאַ־נען א געדיכטע וואַך פון דייטשן און אוקראַינער. יידישע מיליציאַנטן האָבן ארויס־געפירט פון דער שול גרופּעס צו 20 מענטשן. ביים ארויפקריכן אויף די הויכע אויטאָס האָט מען מערדערלעך געשלאָגן, בפרט די עלטערע און פרויען, וואָס האָבן ניט באַוויזן אזוי גיך ארויפצושפּרינגען. אויף יעדער מאַשין האָבן געמוזט ארויף 100 מענטשן, און אזוי ווי דאָס איז ניט מעגלעך געווען, האָבן די אכזרים ווידער גע־שלאָגן איבער די קעפּ, און מענטשן האָבן זיך צונויפגעפּרעסט נאָך ענגער. 5 פול געפּאַקטע מאַשינעס זיינען אונטער געשרייען און געוויינען שנעל אָפּגעפאָרן קיין טאַרנאָפּאָל, כדי אין צוויי שעה ארום ווידער צו קומען אָפּנעמען די ווייטערדיקע קרבנות. ווען די אלע געכאַפּטע יידן האָבן זיך שוין געפונען אויף טאַרנאָפּאָלער באַן־סטאַנציע, האָט מען זיי געהייסן אלעמען זיך אויסזעצן אויפן שניי. האָט זיך וועך אויפגעהויבן, אָדער א ריר געטאָן, אזוי האָט באַלד צו אים די וואַך געשאָסן. צווישן די מענטשן האָבן זיך געפונען פיל אין אונטערוועש און האַלבנאַקעטע, וואָס האָבן זיך געטרייסלט פאַר קעלט.

אין דעם זעלבן טאָג איז אויך פאָרגעקומען אן אקציע אין טאַרנאָפּאָל גופא, ווי אויך אין זבאַראזש. פון די ביידע מקומות איז שוין דאָ צו דער באַן־סטאַנציע געוועזן אָנגעבראַנגט אן עולם פון אן ערך 5000 מענטשן. מען האָט געהאַלטן אין איין דערברענגען נייע געכאַפּטע קרבנות. און באַלד פלעגן אויך צופאָרן וואַגאָנעס, צום אויפנעמען און אָפּפירן די יידן... אויפן זאַמל־פּלאַץ זיינען זיך אויך צונויפגעקומען די גאַנצע „שופּאָ", געשטאַפּאָ, „קריפּאָ" און אוקראַינישע הילפס־פּאָליציי, כדי מקבל פּנים צו זיין דאָס צונויפגעשטעלטע „מענטשן־פי", ווי זיי האָבן דאָס אָנגע־רופן. „באַרמהארציקע" ס"ס האָבן ניט געקענט צוקוקן, ווי פּיצלעך קינדער, די עופעלעך, ציטערן פאַר קעלט אָדער מאַטערן זיך צוגעפּראָרענע צו דער ערד. דאָ

פלעגן זיי אנעם טאָן מיט איין האנט א נפשל און מיט דער אנדערער אריינגעשאָסן;
אין אים פון פיסטאָלעט, דערנאָך עס אוועקגעוואָרפן אָן א זייט, א פארבלוטיקטס
צאַפּלדיקס, ווי א געשאָכטן עוף. — באלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויפלאָדן פון
דער גרויסער מענטשן־מאסע. ס"ס האָבן מיט שטעקנס געטריבן דעם עולם אין די
אָפּענע וואגאָנעס אריין. אנדערע פון זיי האָבן דערווייל געקליבן ארבעט־פעאיקע
מענער און זיי אוועקגעשטעלט אָן א זייט. פיל אָפּגעקליבענע מענער האָבן זיך ניט
געוואָלט שיידן מיט זייערע פאמיליעס. עס האָבן זיך דערביי אָפּגעשפילט טראַגישע
סצענעס. דאָס געזעגענען זיך, דאָס טראגישע שלאָגן זיך מיט דער רעה, געוויין
און געיאָמער . . די דייטשע בייטש אָדער קויל האָט א סוף געמאכט צו אזעלכע
צערטלעכקייטן אין די רירנדיקע מאָמענטן ביים לעצטן אָפּשייד. אייניקע יונגע
מענער האָבן אין דער לעצטער מינוט פארלאָזט דעם זאמל־פונקט פון די „גליק־
לעכע" און זיך אומגעקערט צו די וואגאָנעס, צו זייערע פרויען און קינדער. די הענ־
קערס האָבן אויסגעסאָרטירט אן ערך 200 מענטשן, פון וועלכע 100 זיינען געווען
באשטימט פארן לאגער אין הלובאָטשעק און די אנדערע 100 קיין קאזימיראָווקע,
לעבן זבאָראָוו. צווישן די אויסגעסאָרטירטע האָבן זיך געפונען א פּאָר צענדליק
סקאלאטער יידן, אחוץ די 100 יונגעלייט. וואָס די דייטשן האָבן זיי נאָך איז סקא־
לאט גופא באשטימט פארן לאגער הלובאָטשעק. דער גאנצער טראנספּאָרט צו־
זאמען מיט די סקאלאטער קרבנות איז פון טארנאָפּאָלער באן־סטאנציע אָפּגע־
פאָרן קיין בעלזשעץ, צום באקאנטן פארניכטונגס־לאגער.

פון די פאָרנדיקע אויטאָס פון סקאלאט קיין טארנאָפּאָל, ווי אויך פונעם
טראנספּאָרט קיין בעלזשעץ, זיינען אראָפּגעשפרונגען א פּאָר צענדליק יידן, פון
וועלכע נאָר א קליינע צאָל איז נאָך שווערע וואנדערונגען און ליידן צוריקגעקומען
קיין סקאלאט. זיי האָבן דערציילט פון די שרעקלעכע איבערלעבונגען, און אויך אז
פיל פון זיי זיינען אויפן וועג אויסגעשאָסן געוואָרן אָדער אריינגעפאלן לעבעדיקע
אין די הענט פון דער פּאָליציי.

אויף מאָרגן נאָך דער אקציע זיינען אין סקאלאט די מענטשן נאָך געלעגן
דעם גאנצן טאָג אין די באהעלטעניש, מורא האָבנדיק ארויסצוגיין. אין פיל ערטער
זיינען געלעגן צעוואָרפן טויטע, מיינסטנס קינדער, וואָס האָבן אין טראגישן טאָג
געפרוווט ארויסשפרינגען פון די פענצטער און די דייטשע רוצחים האָבן צו זיי גע־
שאָסן ווי אויף פייגל. די רציחות פון דער דורכגעפירטער אקציע זיינען געווען ענ־

לעכע ווי ביי די פריערדיקע. דער טעמפּאָ איז נאָך געווען פיל שטארקער און ביז מיטאָג איז די אקציע שוין געווען פארענדיקט. אויך דאָס מאָל איז דער יודענראט ארויס גאנץ. די הערן האָבן געוויינט אין א באזונדערן בלאָק, וואָס די דייטשן האָבן אים פארזען אין זכות פון די רייכע מתנות. דער גרעסטער פראָצענט קרבנות פון דער „קליינע אקציע" איז באשטאנען פון קינדער (ביי 25 פראָצענט). דער גרעסטער טייל פון די דערוואקסענע איז שוין געוואָרן פארנומען נאָך ביי דער „ווילדער אק־ציע". אויך פיל פון דער יוגנט האָבן זיך שוין געפונען אין די לאגערן ארום סקא־לאט. א גרויסער טייל פון די לעבן געבליבענע אין שטעטל האָט זיך נאָך דער אקציע געפונען שרעקלעך פארלאָרן. פיל זיינען איצט שוין געווען איינזאם און עלנט צוליב די אוועקגענומענע נאָענטסטע פון זייערע מישפחות. אָט די מענטשן האָבן שוין איצט געוואָלט זיין בעסער אין די לאגערן, ווו זיי האָבן געהאָפט צו געפינען גינסטי־קערע מעגלעכקייטן צו אדורכלעבן; זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פרייוויליק מעלדן אויף אהין. דער יודענראט האָט אויסגענוצט די קאָניונקטור און זיך געהייסן צאָלן הויכע טאקסעס פאר געבן װעמען די זכיה צו אריינקומען אין אוועלכן לאגער. דער־צו האָט מען נאָך גערעדט, אז אין לאגער קאמיאָנקע זאָל האָבן דער מצב זיך פאר־בעסערט; דער יודענראט זאָל האָבן אונטערגעקויפט דעם שטורמפירער רעבעל, ער זאָל ניט אזוי פייניקן די יידן. זיי האָבן אויך געפירט מיט אים אונטערהאנדלונגען אויף צו גרינדן א לאגער אין סקאלאט גופא, כדי צו קענען בלייבן ווייטער אין שטעטל אין פאל פון א פולער ליקווידאציע פון דעם געטאָ.

פון טארנאָפּאָל איז דערוויל אראָפּגעקומען א ספּעציעלער רעפערענט. הויפּטשטורמפירער בישאָף, כדי צונויפצוזאמלען אלע יידישע איבערגעלאָזטע פארמעגנס פון נאָך דער פאָרגעקומענער אקציע. אונטער זיין אויפזיכט האָבן די יידן צונויפגעשלעפּט פון די הפקרדיקע יידישע וווינונגען אלע חפצים און מעבל, און אויך דאָסמאָל דאָס גאנצע קאָנפיסקירטע פארמעגן קאָנצענטרירט און סאָר־טירט אין די גרויסע מאגאזינען פון דער גוראלניע. שפּעטער מיט א פּאָר טעג האָט מען אויך אלץ ארויסגעפירט קיין טארנאָפּאָל.

נאָך גרויסע באמיאונגען און אָנגעשענקטע אוצרות גאָלד איז ענדלעך גע־לונגען דעם יודענראט אויסצופועלן ביים אָבערשטורמפירער רעבעל צו אָרגאניזירן אין סקאלאט דעם לאגער (וועגן לאגער גופא — אין א ווייטערדיקן קאפּיטל). דער ערשטער באפעל זיינער איז געווען, מען זאָל שאפן אין די ראמען פונעם לאגער די

אזוי גערופענע „אבברוך=קאָמאנדאָ“, וועמענס הויפּט=אויפגאבע איז פונאנדערנעמען
די יידישע הייזער. דאָס געהילץ און די בוי=מאטעריאלן דארפן דינען פאר הייץ=
שטאָף אויף ווינטער, און די ציגל און שטיינער — אויסצולייגן אין פּיראמידן אויף
אלע פרייע פּלעצער און זיי שטעלן אין רשות פון דער ארישער באפעלקערונג. די
ערשטע ארבעט איז געווען דאָס אויסגלייכן מיט דער ערד די גוט באקאנטע „פּיצי=
ניע“ אויפן מארק=פּלאץ, נאָך דעם זיינען שוין אוועק די אלע אנדערע יידישע הייז=
לעך, וואָס זיינען נאָך די אלע דורכגעפירטע אקציעס און שחיטות שוין איצט געשטא=
נען ליידיק און הפקרדיק. פויערים זיינען דורך די טעג ארומגעקראָכן איבער די יידישע
חורבות און צעגראָבן אויף ווי טיף די קעלערן, זוכנדיק דאָרט פארבאהאלטענע
יידישע אוצרות. גלייכצייטיק האָט דער מאגיסטראט באקומען אן אָנווייזונג פון
לאנד=קאָמיסאר עלענבערג, אז אים איז דערלויבט צו פארקויפן די אלע בוי=מאטע=
ריאלן פון יידישע צעשטערטע הייזער. די פויערים פלעגן קויפן פאר לעכערלעכע
פרייזן, פון 100 ביז 200 זלאָטעס א יידיש הויז. נאָך אזא קויף=טראנסאקציע פלעגן
זיי פאמעלעך און שפּאָרזאם צענעמען דעם בנין און די מאטעריאלן אָפּפירן צו זיך
אין דאָרף אריין, כדי דאָס אויפן אָרט צו אויסנוצן פאר אייגענע בוי=צוועקן. אזוי
איז די גאנצע צייט אָנגעגאנגען די צעשטערערישע ארבעט אין דעם געוועזענעם
יידישן שטאָט=טייל. דער סאמע צענטער שטאָט איז אויסגעגלייכט געוואָרן מיט
דער ערד. דער אויסזען פון סקלאט האָט זיך פארענדערט ניט צום דערקאָנען.

ארישע פאפירן

ווען מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער פּוילער ליקווידאציע פונעם שטעטל, אז דאָס לעבן איז פון טאָג געוואָרן שווערער און אויסזיכטלאָזער, האָבן מענטשן גענומען זוכן פארשיידענע אופנים ווי אזוי זיך צו ראטעווען. עס זיינען אוועק אין גאנג „ארישע" פאפירן. האָט עמעצער פארמאָגט א גוטן „ציפער־בלאט", ד"ה א פנים מיט א ניט־סעמיטישן אויסזען, האָט אזא אָנגעהויבן צו קלערן וועגן אריבער־קומען אין דער ארישער זייט. אין קליינעם שטעטל האָט דאָס ניט געקענט קומען אין באטראכט, ווייל איינער דעם אנדערן האָט גוט געקענט. האָט מען דערפאר גע־מוזט ארויספאָרן ערגעץ ווייט אין גרויסע שטעט, ווו מען האָט זיך מיינסטנס גע־לאָזט פארשרייבן אלס פרייוויליקע ארבעטערס קיין דייטשלאנד. די אויפגעצווונגענע ראָלעס וואָס מענטשן האָבן געמוזט שפילן אויף דער ארישער זייט האָבן געפאָדערט פון זיי באמת הויך קינסטלערישע פעאיקייטן. מיר באגעגענען יידן אין די דייטשע אמטן, אין פריוואטע אינסטיטוציעס, יידן אלס פארמאסקירטע גלחים, אלס בעטלערס, אלס קוימענקערערס, אלס גאסן־יונגען און גאסן־קערערס. פרויען האָבן דאָס רוב גע־גאָלטן אלס דינסטן און קראנקן־שוועסטערס; קינדער פון ווייבלעכן געשלעכט זיינען געווען אין שפיטאָלן, אינטערנאטן און מאָנאסטירן. די הונדערטער נעצן פון אגענטן, שאנטאזשיסטן און פאררעטערס זיינען געווען תמיד אויסגעשפרייט אויף אריינכאפּן אָט די העלדישע ארטיסטן, און גרויס איז געווען די צאָל קרבנות וואָס די פארברע־כערישע הענט האָבן צוגעשארט דעם דייטשן הענקער. דאָך איז א גאַר קליינעם טייל געלונגען דורכצוהאלטן די שווערע פייער־פּראָבע. וועגן די אלע כמעט פארגעסענע העלדן וועט נאָך אמאָל דאָס פאָלקס־מויל נאָכדערציילן מעשיות פון א שפאנענדי־קער טעמאטיק, דורכגעפלאָכטן מיט הערויזם און עמאָציעס. —

אין שטעטל סקאלאט האָט זיך אין 1942 באזעצט א צאָן־דאָקטאָר אונטערן נאָמען ד"ר יאן סלאָטא. ער האָט דאָ פּראקטיצירט און באקומען א היפשן קרייז פּאציענטן. א געוויסע צייט שפּעטער האָט זיין פרוי געבאָרן א זון. מיט גרויסע

פייערלעכקייטן איז אין קלויסטער פאָרגעקומען די טויפונג. לויטן מינהג פון אלע פרומע קריסטן. מאכט זיך, אז ד"ר סלאָטא ווערט אָפּגעמסרט, אז ער איז גאָר א ייד. ער ווערט געשטעלט קודם כל פאר א מעדיצינישער קאָמיסיע. ווייזט זיך ארויס, אז זיינע דאָקומענטן זיינען אין אָרדענונג. ער האָט אויך געהאט א פאפיר, אז צוליב א ווענערישער קראנקייט האָט ער אמאָל דורכגעמאכט אן אָפּעראציע אויף דער מילה. דאָס איז ניט געווען גענוג, און מען האָט דעם פארדעכטיקטן אוועקגעשיקט אין געשטאפּאָ קיין טארנאָפּאָל, צו א ווייטערדיקער חקירה ודרישה. פון דאָרטן איז ער שוין מער ניט צוריקגעקומען. זיין ווייב, זעענדיק אז זיי זיינען דעמאסקירט, האָט גיך אוועקגעגעבן דאָס קינד צו א פוילישער פרוי, באצאָלנדיק איר א גרעסערע באלוינונג פארן באהאלטן, און אליין איז זי ערגעץ פארשוווּנדן. א פּאָר טעג שפּעטער זיינען ס"ס פון טארנאָפּאָל געקומען אויך זי נעמען. זיי האָבן זי שוין אָבער ניט געטראָפן; זיי האָבן נאָר פארחתמעט די וווינונג, און נאָך אין דער זעלבער וואָך האָט מען פון דאָרט ארויסגעפירט די גאנצע איינריכטונג און פארמעגן, אלס קאָנפיסקאטע „פארן דייטשן רייך". — דאָס גאנצע שטעטל האָט געקאָכט מיט דער מעשה נורא, — ווי א ייד האָט געהאט די חוצפּה מער ווי א יאָר צו פירן ביי דער נאָז דער ארישער באפעלקערונג פון סקאלאט, און אפילו אויך אָפּגענארט דעם פוילישן גלח מיטן טויפן דאס קינד. דאָס האָט אויך פארדראָסן דער קריסטלעכער פרוי, וואָס האָט געהאלטן דאָס קינד. אין א שיינעם טאָג האָט זי איינגעוויקלט דאָס עופעלע און אוועק דערמיט צו דער שוץ-פּאָליציי. „דאָס איז א יידיש קינד" — האָט זי געזאָגט. „דאָס האָט מיר צוגעוואָרפן ד"ר סלאָטאס פרוי, איידער זי איז אנטלאָפן". דער שוץ-פּאָליציסט פאול, געריררט פון דער געהויבענער טאט פון א קריסטלעכער פרוי, האָט טאקע באלד ארויסגעטראָגן דעם „גערעכטן" מישפּט. ער האָט אָנגענומען דאָס קינד ביי די פיסלעך און א פאָכע געטאָן מיטן קעפּל אָן א בוים . . . פאר דער נאָטספאָרכטיקער פרוי איז אזא „שריט" משמעות געווען א ביסל אומדערווארט. האט זי גענומען ווי שנעלער זיך אָפּציען. „קום אהער", האָט דער דייטש איר נאָכגערופן, „נעם דאָס צו, איך בין קיין טויטן-גרעבער! . ."

די אמתע מאמע פונעם קינד האָט זיך אין טארנאָפּאָל א געוויסע צייט ארומגעבלאָנקעט צווישן שונאים און פאלשע פריינד אין הונגער און נויט. געוואָלט האָט זי אָבער לעבן; עס איז דאָך א קינד געבליבן . . . אז די אָרעמע פרוי איז אָבער געוויר געוואָרן, אז אויך איר קינד לעבט ניט מער, האָט זי באשלאָסן מאכן א סוף מיטן

לעבן. זעלבסטמאָרד קאָנען ניט אלע באגיין. זי איז אוועק פרייוויליק אין געשטאפּאָ זיך מעלדן... „איך בין די און די... איר האָט מיין מאן דערהרגעט, איר האָט מיין קינד דערהרגעט... איצט דערהרגעט מיך אויך, מערדערס איר!..“ און מען האָט איר צוליב געטאָן.

געווען איז אויך אין סקאלאט אן אנדערער פאל, וואָס האָט אויפגערודערט די עפנטלעכקייט. עס איז געווען אין שטעטל א לענגערע צייט א העכערער דייטשער באאמטער, בעלצען האָט ער געהייסן, וואָס איז געווען דער לאנדווירטשאפטס־אינס־פעקטאָר אין דעם גאנצן ראיאָן. ביי זיין ארבעט האָט ער ארויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן און האָט געהאט גרויס אָנזען אין די אויגן פון דער מאכט און איז געשטאנען אין ענגן קאָנטאקט מיט די אלע העכערע דייטשע ציווילע, פּאָליציי־אישע און מיליטערישע באאמטע. אין יואל בויערס דירה, אין איינעם פון די שענסטע יידישע וווינונגען, האָט ער זיך איינגעריכטעט א פראכטפולע וווינונג, ווו ער האָט געפירט א פירשטלעך לעבן. ער פלעגט ארומפאָרן אין א קארעטע מיט טייערע פערד איבער אלע פּאָלווארקעס און ארויסגעבן באפעלן צו זיינע אונטער־געאָרדנטע, וועלכע האָבן מורא געהאט פאר זיין קוק.—איינמאָל אָבער האָט א פויער, וואָס האָט מיט אים אמאָל געדינט אין מיליטער. דערקאָנט, אז דאָס איז דאָך דער געוועזענער קאוואלעריע־אָפיצער, ראָטמיסטער... דאָ איז באלד אויפ־געשוווּמען א פארדאכט, אז בעלצען זאָל גאָר זיין א ייד, און עס איז אוועק א געהיימע אויספאָרשונג.—ווען שופּאָ איז געקומען אים ארעסטירן און נעמען קיין טארנאָפּאָל, האָט ער מכבד געווען קודם כל די באגלייטערס מיט בראנפן און וויין; עס איז א פראָסט און אויפן וועג וועט זיין קאלט, דארף מען זיך דערווארעמען. די שופּאָ האָט זיך טאקע דערווארעמט און זיך דערביי א ביסל פארטשאדעט דעם קאָפּ. דער פריץ האָט דערווייל איינגעשפּאנט די פערד, זיך אָנגעטאָן אין א ס"ס־מונדיר און צוזאמען מיט זיין עלף יאָריקן קינד עוקר געווען. מען האָט אים ארום־געזוכט, נאָכגעשיקט שטעק־בריוו, אָבער זיי האָבן אים ניט געפאקט. — בעלצען, אָדער בענצעל, ווי זיין ריכטיקער נאָמען איז, לעבט היינט אין דייטשלאנד אין דער בריטישער זאָנע.

ביי דעם ווירטשאפטלעכן דייטשן לאנד־קאָמיסאר העפנער אין נאָוואָסיאָלקע האָט זיך אויפן פּאָלווארק געפונען אן אָנגעשטעלטער צוזאמען מיט זיינעם א זון פון א יאָר 16—18. דער אָנגעשטעלטער וואָס איז אין דער אמתן געווען א ייד

און האָט געשטאמט פון סטאניסלאווער געגנט, האָט אין פּאָלווארק געגאָלטן אלס אריער און האָט דאָ א לענגערע צייט געארבעט ווי א פורמאן. ער האָט זיך אויך ספּעציאליזירט ביים האָדעווען חזירים. מען איז פון אים געווען זייער צופרידן און מען האָט אים אפילו גערעכנט ווי א מוסטער פון א הויף־ארבעטער. איינמאָל האָבן פויערים באמערקט, אז דער פורמאן האָט עפּעס צו ווייסע פּיס. „א כלאָפּ זאָל האָבן אזעלכע ווייסע פּיס!" — עס איז ניט מעגלעך, אז א פויער זאָל האָבן אזוינע ווייסינקע פּיס... איז געפאלן אויף אים א פארדאכט. די פויערים האָבן אָבער ניט פארמסרט. בשעת די דייטשן האָבן זיך א נעם געטאָן צו דעמאסקירן פארדעכטיקע אריער, האָט זיך דער ייד דערשראָקן, ער זאָל אויך ניט ארייננפאלן מיט זיין זון. זיינען זיי ערגעץ פארשוואונדן, און מען ווייסט ניט ביזן היינטיקן טאָג ווו זיי האָבן זיך אהינגעטאָן.

ביי דער געוועזענער פירמא וואגנער אין סקאלאט האָט שוין פון יאָרן געארבעט א געוויסער לעמבערגער יונגערמאן וואָס האָט געהייסן רובעל, אלס אָנפירער ביים קאָנימשינע־איינקויף פאר דער גאנצער געגנט. זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען פּאָליאק. ער איז שוין א לענגערע צייט געווען געשמדט און איז געווען פארהייראט מיט אן אוקראינישער פרוי. ווען אוקראינישע פּאָליציי איז געקומען אים ארעסטירן, איז ער אנטלאָפן און איז פון פּאניק ארויפגעקראָכן אויף א בוים, פון וואנען די פּאָליציי האָט אים אראָפּגעשאָסן.

אין סקאלאטער אָפּטיילונג פון דער פירמע „מטס" האָט געארבעט אלס בוכ־האלטער א יונגער ייד, ווארשיינלעך פון בראָד. ער האָט געטראָגן דעם נאָמען נאַראָבני. שפּעט האָט זיך דערוווסט, אז ער איז א ייד; ער האָט אָבער געהאט גליק: ווען מען איז נאָך אים געקומען, איז ער גראָד געווען דינסטלעך פארררייזט. דער לייטער פעדעראָוויטש האָט אים ווענן דעם מודיע געווען, און אזוי איז נאראָבני ניצל געוואָרן פון א זיכערן טויט. זיין ווייטערדיקער גורל איז מיר אומבאקאנט.

א געוויסע צייט איז אָנגעגאנגען א קאָניונקטור פאר ארישע פּאַפּירן אין שטעטל. מיט באזאָרגן אזוינע פּאַפּירן האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מאיר גרינ־פעלד, וואָס מיר וועט נאָך אויסקומען צו ריידן וועגן אים. דאָ גיב איך איבער גרינ־פעלדס א גבית־עדות וועגן דעם ענין: —

„... ווען די אקציעס האָבן זיך פארשטארקט, האָט מען געזען, אז קיינער וועט ניט ניצל ווערן פון טויט. איך האָב אָנגעהויבן צו טראכטן ווי אזוי צו באַ־

קומען ארישע פאפירן פאר מיין פרוי און פאר אנדערע. ווּיסנדיק אז אין ארכיוו פון דער סטאראָסטווע געפינען זיך עמיגראנטן־דאָקומענטן, האָב איך גענומען קלערן ווי אזוי ארויסצובאקומען פון דאָרט אָט די דאָקומענטן. איך האָב געפרוּווט אָנ־בינדן א קאָנטאקט מיט פארשיידענע באאמטע, עס האָט זיך אָבער ניט געפונען קיין דרייסטער צווישן זיי. די צייט האָט געאיילט און איך האָב באשלאָסן אליין צו אריינבאקומען זיך אין ארכיוו. ווען מיר איז שוין געלונגען צו זיין אינעווייניק, האָב איך טאקע געפונען דעם געהעריקן פעקל דאָקומענטן. באלד איז מיר דאָרט טאקע איינגעפאלן, אז אייגנטלעך קען איך דאָך שוין אויך אנדערע באזאָרגן מיט אזעלכע דאָקומענטן. איך האָב אָנגעהויבן פאקן אריגינעלע געבורטשיינען, פעסער, בירגער־שאפט־באשטעטיקונגען אא״וו. אונטער די הענט איז ביי מיר אזוי אויסגעוואקסן א פעקל פון א קילאָ 20, און איך האָב דערמיט געוואָלט ארויס דורכן פענצטער, ווּ עס איז געווען צוגעשטעלט א לייטער. איך שטעק ארויס דעם קאָפּ פון פענצטער— ניטאָ דער לייטער! עס האָט אים אפנים ווער באמערקט און אים אוועקגענומען... די שרעק וואָס איך האָב איבערגעלעבט איז ניט צום באשרייבן. איך האָב זיך פאר־טראכט ווי אזוי באקומט מען זיך ארויס פון דער נעץ. ניט לאנג איז מיר אויסגע־קומען צו פלאָגן זיך מיט די כמורנע געדאנקען. איך האָב באמערקט אז דער ווער־טער איז אוועק אין זיין הויז (ער האָט געוווינט אויפן הויף פון דער סטאראָסטווע). האָב איך אָפּגעווארט ביי א האלבע שעה, און דאן ארויסגעוואָרפן דאָס פעקל דורכן פענצטער, און אין א ווייל ארום בין איך אליין ארויסגעשפרונגען, פון ערשטן שטאָק. צום גליק בין איך גוט געשפרונגען.

ביי דער מיטהילף פון יצחק בעקמאן, וועלכער איז געווען א צייכענער און גראווירער, האָבן מיר נאָכגעמאכט פארשיידענע שטעמפּלען, די אלטע פּאָטאָ־גראפיעס פון די דאָקומענטן האָבן מיר אראָפּגעריסן און אויף זייער אָרט ארויפ־געקלעפּט נייע, און זיי ריכטיק איבערגעשטעמפלט. אזוי ארום איז אין סקאלאט אנטשטאנען א פאבריק פון פאלשע פעסער. אין משך פון דריי חדשים האָב איך אויסגעארבעט פעסער פאר איבער 500 יידן. עס זיינען געקומען יידן פון טארנאָ־פּאָל, טשאָרטקאָוו, און אפילו פון לעמבערג, כמעט פון גאנץ מיזרח־ קליין־פּוילן. אין גאנג פון דער ארבעט איז מיר נאָך אויסגעקומען צו אריינגנבענען זיך אין אר־כיוו נאָך א פּאָר מאָל. —

צו אלע דאָקומענטן פלעגט מען דארפן האָבן אויסטעלד־שיינען פון דער

גמינע, פאר וועלכער איך פלעג צאָלן דעם באאמטן משאפקאָווסקי צו 250 זלאָטעס א שטיק. איך ווידער האָב גענומען פון 500 ביז 1000 זלאָטעס פאר א גאנצן קאָמפלעט. אין זייער פיר פאלן האָב איך ארויסגעגעבן אומזיסט. עס זיינען געווען פאלן, ווען אפילו די רייזע־הוצאות זיינען געפאלן אויף מיר.

א כאראקטעריסטישע געשיכטע איז געווען מיט איינעם קאָוולענץ, גע־שטאמט אליין פון קאטאָוויץ און געוווינט אין סקאלאט. קאָוולענץ איז ארייננגע־פאלן אין קאצעט; צו מיר האָט זיך געווענדט מאניאס אז איך זאָל פאר קאָוולענצן מאכן אן אמאָליקן פוילישן פאס, קיין אנדערע דאָקומענטן האָט ער ניט פארלאנגט. קאָוולענצן איז געראָטן צו אנטלויפן פון לאגער און קומען קיין ווארשע. ווען אין פוילן איז ארויס די פאראָרדענונג אז יעדער ארישער בירגער מוז באזיצן א קענ־קארטע, האָט ער זיך אויך דאָס געמוזט פארשאפן. ניט האָבנדיק קיין געבוירן־מעטריקע און קומענדיק אויפילן די נייטיקע אנקעטעס צום באקומען א קענקארטע, האָט ער ניט לאנג געטראכט און אויפגעגעבן די נעמען פון די עלטערן: יוזעף און מאריא (אין די אמאָליע פוילישע פעסער זיינען ניט געווען אָנגעגעבן די נעמען פון די עלטערן). גלייכצייטיק האָט ער זיך געווענדט צו מיר, צו באזאָרגן אים א מעטריקע לויט זיינע אָנגעגעבענע נעמען פון טאטע—מאמע. די גאנצע צייט האָט ער געטראכט וואָס צו טאָן אויב ער וועט בכלל ניט באקומען די מעטריקע, ווייל איך האָב ניט געקענט לעבן, אָדער אין בעסטן פאל קענען די נעמען ניט שטימען. ווי גרויס איז געווען זיין פרייד ווען אין דער מעטריקע, וואָס ער האָט פון מיר דער־האלטן האָט ער געזען שווארץ אויף ווייס אויפגעשריבן די נעמען פון „זיינע" על־טערן: יוזעף, מאריא (איז עס ניט קיין נס!).

פון די מיר באקאנטע פערזאָנען זיינען אדאנק מיינע דאָקומענטן געבליבן לעבן: פרוי פעי מיט אירע צוויי טעכטער, געבוירן אין אווישוויץ, לעצטנס אין קראָקע; פרוי דאָקטאָר צילא ראטהאוזער מיט איר טאָכטער פאָליא פון גזשימא־לאָוו, לעצטנס אין דייטשלאנד; סידזשיא ברוסט, אייניקל פון מאני טענענבוים, לעצטנס אין גלייוויץ; דעם אפטייקער שאָרס טאָכטער פון פאָדוואָלאָטשיסק. לעצטנס אין ריישע; מיטא שענבערג, לעצטנס אין ווארשע; מג"ר בומעק רוס, לעצטנס אין ברעסלאו, ד"ר פרידריך סאס, לעצטנס אין ליגניץ, די טעכטערל פון נירלערן און אייניקל עלפענבוימס, לעצטנס אין שטעטין; פריילן וואסערמאן, איצט אין אמעריקע; די מאניאסעס, איצט אין אמעריקע; וולאדיא יאוועה; משה סאפיר

און נאָך א סך אנדערע, וואָס איך האָב געהערט וועגן זיי, אָבער איך ווייס ניט ווו זיי לעבן איצט.

ליידער איז מיין אייגענע פרוי, רוזשע, געבוירענע גלאסנער פון גזשימאַ־לאָוו, אומגעקומען מיט די ארישע פּאפּירן. ווי אויך איר קוזינע נעניא שיפמאן פון בודזשאנאָוו. זיי זיינען ביידע צוזאמען געוועזן ארויסגעפאָרן פון סקאלאט דעם 28סטן אָקטאָבער 1942, און זיינען אומגעקומען ארום זשאָלקיעוו אין יוני 1944, קורץ פאר דער באפרייאונג. עס זיינען אויך אומגעקומען סיוניא קאנארעק, דער זון פון זושע, בומא, די טאָכטער פון הענריק וויינבערג, פיינע קאטשאָר און נאָך אנדערע, וואָס איך געדענק ניט זייערע נעמען.״ —

וויינענדיקע קברים

עס האָט קיין סוף ניט גענומען צום יידישן אומגליק. די שרעקלעכע טעג, די גוט־באַקאַנטע אַקציעס און אויסזידלונגען, זיינען געקומען איינס נאָכן אַנדערן, נאָר מיט קלענערע אָדער עטוואָס גרעסערע הפסקות. יעדעס מאָל זיינען מענטשן אין די הונדערטער און טויזנטער ברוטאַל אַרויסגעריסן געוואָרן פון שטעטל, און מען האָט לכתחילה אפילו ניט געוווּסט, וווּהין מען האָט די קרבנות פאַרשלעפּט. דאָס הייפל יידן איז געוואָרן יעדעס מאָל קלענער. און כאָטש די שטענדיקע מורא פאַרן טויט האָט געעקבערט די מוחות, האָבן די נאָך לעבעדיקע כסדר געהאָפט אויף עפּעס אַן אומדערוואַרטעטער רעטונג. די יידן אין יענער צייט זיינען בכלל געווען באַהערשט פון אָפּטימיסטישע געפילן, וואָס האָבן געשטאַרקט דעם ווילן און מוט צום לעבן. יידן האָבן געגלייבט אַז עס מוז קומען אַ נס!

נאָך יעדער דורכגעפירטער אַקציע האָבן די על־פּי־נס געבליבענע אין שטעטל געטענהט, אַז דאָס גרויסע אומגליק איז געווען אַ נייטיקער קרבן, וואָס נאָר גאָט אַליין קען עס וויסן. איצט וועט שוין אָבער מוזן קומען עפּעס גוטס. משיחס צייטן זיינען דאָך אויך פאַרבונדן מיט חבלי־לידה און שפיכת־דמים; גרויזאַמע טעג פון חוצפּה און אומרעכט אויף דער ערד. ווייל איז אָבער דעם מענטשן, וואָס וועט דורכהאַלטן און דערלעבן דעם גאָט־געבענטשטן טאָג וואָס קומט, וואָס מוז קומען!

זאָל דאָס ניט קלינגען אויסטערליש און אומגלייבלעך. ווי איך האָב שוין דערציילט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, בשייכות מיט די אַקציעס, האָבן זיך כמעט פאַר יעדער שחיטה געפונען בעלי־חלומות און נבואה־זאָגערס, וועלכע האָבן מיט כלערליי סימנים און רמזים פאָרויסגעזאָגט אַ טאָג, אין וועלכן די ישועה וועט באַשטימט קומען!

ווי פאַטאַל דאָס איז אָבער געווען, אַז גראָד אין די פאָרויסגעזאָגטע טעג זיינען פאָרגעקומען די גרעסטע אַקציעס און מאַסן מאָרדן. צו יענער צייט איז אויפגעקומען דאָס פיל־זאָגנדיקע ווערטל: „ווינטשט מיר וואָס איר ווילט, אַבי ניט קיין ישועה!" —

אויך די געשיכטע פון די „וויינענדיקע קברים," וועגן וואָס עס ווערט דאָ באַלד דערציילט פאַלט צוזאַמען מיט א טאָג פון ישועה, וואָס האָט געגוי אין דער זעלבער צייט, לויט א פאַטאַלער נביאה, געדאַרפט קומען אויף די יידן.

דאַסמאָל האָט בערל דעם רבס (א זון פונעם באַקאַנטן רב און אגודה־פירער ר' בנימין וואָלאָווימש), אויסגערעכנט בגמטריה על פי הקבלה, אז אם ירצה השם ב' ניסן תש"ג קומט די ישועה.

בערל דעם רבס איז געווען א פאַרחלומטער, א בחור פון א יאָר 20. ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַלע מעלות און מידות טובות: אַן עניו, גוטהאַרציקער, א דרשן, א בעל־תפילה, א בעל־קריאה, א בעל־תקיעה, דערצו אויך א גרויסער למדן און בעל מקובל. אים זיינען אויך ניט געווען פרעמד די מאָדערנע וויסנשאַפטן, ווי מאַטעמאַטיק, פיזיק, אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע. מיט איין וואָרט, א גייענ־דיקע ענציקלאָפּעדיע. — אין די שווערסטע מינוטן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען יידן האָבן געקרעכצט און געבלוטיקט נאָך די גרויסע אומגליקן, האָט בערל דעם רבס יעדערן געטרייסט. ניט איינמאָל האָט ער אויך מיט מיין פאָטער גאַנצע שעהן עוסק געווען אין תורה און קבלה, און שטענדיק האָבן זיי געפונען אינעם מים־חיים א טרייסט און א טיפן זין פאַרן טרויעריקן גורל... און אָט האָט בערל פון דער קבלה אויסגעפונען, אז ב' ניסן איז דער גרויסער טאָג, די אַנטפּלעקונג פונעם גרויסן סוד!

די בשורה פון בערלען האָט זיך געלייגט ווי א היילונג אויף די פאַרטייעטע הערצער, ווי א באַלזאַם אויף די יידישע ווונדען. דאָס שטעטל האָט פרייער אָפּגע־אָטעמט. האָפענונג און גוטע דערוואַרטונג האָבן אָנגעפילט די פאַרטרויערטע הער־צער און געשטאַרקט דעם גייסט. א קלייניקייט עפּעס, בערל דעם רבס, אזא בעל־מקובל און בן תורה האָט אליין געזאָגט!.. און עס איז שוין טאַקע די העכסטע צייט, דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין אויסדערוויילט פאָלק! די ישועה מוז טאַקע קומען! . . . אגב האָט טאַקע דער דייטש דאַן געכאַפּט די גוטע מפּלות אין אפריקע; עס איז אויך געווען נאָך סטאַלינגראַד. זאָל נאָר דער רבונו של עולם איצט געבן דעם לעצטן שטופּ, — און א סוף צו אונדזערע צרות!.. האָבן די יידן פיבערהאַפט געוואַרט און אומגעדולדיק געהאָפט אויף דעם גאָט־געבענטשטן 2טן טאָג פון חודש ניסן.

נאָך גרויסער שפּאַנונג און פריידיקער האַרצקלאַפּעניש איז געקומען דער

6

פרילינג־טאָג, דער 7טער אפריל 1943. דער טאָג איז געווען אזוי זוניק און לויטער, ווי אָנגעמאָסטן צו דער דערפילונג פונעם שענסטן טרוים.

פלוצלונג האָט אָבער אָנגעהויבן הילכן א כסדרדיקע שיסעריי פון נאָענט און ווייט. מיט דערשראָקענע הערצער האָט מען געפילט, אז עס קומט עפּעס שרעק־לעכס. אלע ביז איצטיקע שחיטות האָבן זיך אזוי אָנגעהויבן...

יאָ, אין דעם טאָג איז ארויס דער באפעל דורכצופירן די ענדגילטיקע אויס־מאָרדונג פון די נאָך איבערגעבליבענע יידן. דאָס שטעטל האָט היינט באדארפט ווערן „יודענריין". דריי פול געפּאקטע לאסט־אויטאָס מיט ס"ס זיינען אראָפּגע־קומען פון טארנאָפּאָל. צו הילף האָבן זיי גענומען די היגע דייטשן און אויך די אוקראינישע מיליץ. דאָס שטעטל איז פון אלע זייטן ארומגעשטעלט געוואָרן מיט א וואך, עס זאָל חלילה קיינער ניט אנטלויפן. ווי די שדים זיינען די מערדערס ארומגע־לאָפן צווישן די געסלעך און הייזלעך, געזוכט און געשנישטערט, געשלעפּט, געריסן ביי די האָר און געשאָסן אין די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געלאָזן לויפן בלייכע און צעשראָקענע, אליין ניט ווויסנדיק וווהין. „קאָם מיט, קאָם!"—האבן די תליונים גע־שריען צו זייערע קרבנות — „זאָנסט קנאל איך דיך נידער!".

נאָך א האלבן טאָג ארומבושעווען האָבן זיי צונויפגעזאמלט אין דער גרויס־סער שול קרוב 700 נפשות, מענער, פרויען און קינדער. ביי יעדער אקציע האָט שוין דער בנין געדינט פאר א זאמלפּונקט.

צווישן די צונויפגעשלעפּטע קרבנות אין שול האָט זיך אויך געפונען בערל דעם רבס.

מיט א פּאָר וואָכן פריער האָט מען געהאט באפוילן די לאגער־יידן אויס־צוגראבן אויף א פעלד הינטערן שטעטל דריי גרויסע גריבער. מען האט זיי געזאגט, אז די גריבער זיינען באשטימט פאר סופערפאָספּאט־רעזערוואַרן, צו די פעלד־אר־בעטן אין פרילינג. עס איז קיינעם פון די יידן ניט איינגעפאלן, אז דאָס גראָבן זיי פאר זיך אליין קברים. פארקערט, זיי האבן גאָר געהאלטן, אז מען וועט זיי אין קומענדיקן סעזאן באשעפטיקן, אזוי ווי פאראיאָרן. זייענדיק איצט אין שול, האבן זיי שוין פארשטאנען, אז דאָס זיינען פאר זיי אנגעגרייט דריי קברים.

די שול איז געווען אזוי אָנגעפּאקט, אז מען האט פשוט ניט געקענט כאפּן דעם אטעם. איינגעפּרעסט ווי הערינג זיינען די אומגליקלעכע געשטאנען און מיט שרעק געווארט אויף דעם וואָס דארף באלד קומען. דער טויט־געדאנק האָט געזויגן דעם

מארך און דם־התמצית. א מייל האבן געזאָגט תהילים, א מייל ווידוי, א מייל האבן נערוועז געיאָמערט, אנדערע זיינען געשטאנען ווי פארשטיינערט און ניט געקענט ארויסברענגען קיין וואָרט. אין שול איז געווען א היץ ווי אין גיהנום, פון אלעמען האָט גערונען דער שווייס. עס האט געטריקנט אין מויל און די צונג איז געווען איינגעפרעסט, ווי אין בליי. „גאט אין הימל, זיי זיך מרחם!"

בערל דעם רבס האָט זיך מיט די עלנבויגנס געמאכט א וועג דורך דער ענגשאפט און איז ארויף אויפן בעלעמער. ער האָט א קלאפ געטאָן אין שולחן און אָנגעהויבן ריידן: „רבותי, היינט איז אונדזער יום־הדין. מיר גייען צום טויט. נאָר לאָמיר זיך שטארקן. קידוש השם איז מכפר עוונות. מיר טאָרן זיך ניט אנטקעגנשטעלן דער השגחה..." דער נביאות־זאָגער פון דער ישועה אויף דעם זעלבן טאָג טרייסט דעם עולם מיט הייליקע ווערטער. אָבער גלייך ברעכט ער צוזאמען. עס ווערגן אים די טרערן, זיין שטים ווערט שוואכער, עס הערט זיך ווי א געמורמל פאר שופר בלאזן, און אָט פארשטייט מען שוין גארניט. —

דאָס ווילדע געשריי פון די דייטשן האָט געמאכט אויפציטערן דעם גאנצן עולם. ביים טויער האָבן מחנות ס"ס גענומען מאכן די הכנות צום לעצטן מארש. עס איז יעדנס הארץ ווי פארגליווערט געוואָרן. עס האָט זיך איינגעשטילט דער רעש און עס האָט זיך אין דער רגע געדאכט, ווי מען הערט דאָ די טריט פונעם מלאך־המות. „קאָמט, קאָמט, איר קינדער דעם טאָדעס" — האָבן זיי באלד ווידער געשריען. אלע האָבן זיך געשטופּט צום ארויסגאנג, ווי צו א דערלייזונג, ווייל יעדער האָט געגארט נאָך א ביסל פרישער לופט. אויף די קעפ פון די אומגליקלעכע זיינען געפלויגן קלעפ פון ביקסן־קאָלבעס און גומי־שטעקנס.

מען האָט אויסגעשטעלט די יידן צו 5 אין א ריי. באלד זיינען אויך אָנגעקומען 7 פורן מיט שווער קראנקע, געבראכטע פונעם יידישן שפּיטאָל, צוזאמען מיטן פערסאָנאל. מען האָט געציילט די קרבנות. אין פּאָליש פון דער שול זיינען געלעגן צען קינדער אין וויקעלעך. די מיליציאנטן האָבן זיי ארויסגעבראכט און געהאָלט זיי אריינציילן אין דער אלגעמיינער צאָל. דער געשטאפּאָ־שעף הערמאן מילער האָט געזאָגט, אז זיי דארף מען ניט ציילן, נאָר געהייסן זיי ארייננווארפן צווישן די קראנקע אויף די פורן.—

אונטער ווילדע געשרייען פון די אונטערטרייבערס האָט זיך די קאָלאָנע גערירט פונעם אָרט. פון אלע זייטן באוואכט דורך אן ערך 100 דייטשן און אוק־

ראינער, האָט זיך די „פּראָצעסיע“ געשלענגלט דורך שמאָלע און ברודיקע געסלעך, וועלכע האָבן געפירט צום גאַלגאטאַ־פּלאַץ. אויף דער גאַנצער לענג פונעם וועג זיינען אויףביידע זייטן געשטאַנען מהנות צוקוקערס, וועלכע האָבן באַגלייט די אומגליקלעכע מיט בליקן פון צווייפלהאַפטער רחמנות. מיט פאַמעלעכע טריט ווי זקנים, קוים שלעפּנדיק די פיס זיינען די אומגליקלעכע טרויעריק אַ־ן שטום געגאַנגען אויף דער אייגענער לוויה. טרערן זיינען דאָ און דאָרט געפאַלן אונטער די טריט.

די פורן מיט די קראַנקע זיינען פון הינטן נאָכגעפאָרן, און די קליינע קינדערלעך האָבן געוויינט אָן אויפהער. אין דער לופט זיינען פון אַלע זייטן געפאַלן שאָסן, וועלכע האָבן געוואָרנט: „זאָל נאָר עמעצער פּרוּוון אַנטלויפן!“

ביי די דריי אָפענע קברים האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט, און די תליונים האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער בלוטיקער אַרבעט.

מען האָט אויסגעשטעלט די יידן אין אַ לעבעדיקן קוואַדראַט. די קראַנקע און די נאָר קליינע קינדער האָט מען געהייסן אַוועקלייגן אָן אַ זייט. די 18 יידישע מיליציאַנטן האָט מען געצוואונגען אָנטייל צו נעמען אין דער אַרבעט. דערפאַר האָט מען זיי פאַרשפּראָכן צו שענקען דאָס לעבן.

עס איז געפאַלן דער ערשטער באַפעל: „אויסטאָן זיך נאַקעט! די קליידער לייגן אין איין הויפן!“ די יידישע מיליציאַנטן האָבן אונטערגעטריבן, מען זאָל זיך וואָס גיכער אויסטאָן. די וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט האָבן באַקומען מוראַדיקע קלעפּ. אויף דער ערד האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פאַרביקער טעפּיך פון קאָלירטע פּאַפּירלעך. דאָס האָבן די מענטשן צעריסן זייער געלט וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, כדי עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים. אונטער אַ געוויין פון קינדער און „שמע־ישראל“ האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס, און די תליונים האָבן ווילד געשריען: „שנעלער, שנעלער!“... דער קליידער־באַרג איז גע־וואַקסן מיט יעדער מינוט. מענער, פרויען און קינדער זיינען געשטאַנען טוטער נאַקעט און געציטערט פאַר קעלט.

בערל דעם רבס האָט זיך איינגעקשנט און פאַר קיין פאַל זיך נישט געלאָזט אויסטאָן. אַ דייטש האָט אים אַ פּאָר מאָל דערלאַנגט איבערן קאָפּ, אַז ער איז געפאַלן אַ צעבלוטיקטער אויף דער ערד. דאַן האָט ער באַקומען אַ פּאָר שטויסן אין בויך. ער האָט נאָך באַוויזן אויסרופן „שמע־ישראל“, געגעבן אַ קרעכץ און אויסגעהויכט זיין נשמה אויפן באַרג פאַרבלוטיקטע מלבושים. דער דייטש האָט נעקאָטשעט דעם

בר=מינן מיט די פיס ביז צום ראנד פונעם קבר, פון וועלכן עס האָט באלד פארדומפן אָפּגעהילכט דאָס שווערע פאלן פון בערלס קערפּער. בערל דעם רבס האָט מנצח געווען. ער איז געפאלן דער ערשטער פון די מערדער=הענט און געלעגן אין קבר אָנגעטאָן אין רויטע תכריכים. אין זיין טאש ביי דער ברוסט איז געלעגן זיין תפילים=זעקל, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשיידט.

יאנקא מרגלית, א טיפּיש יידישע שיינהייט, האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט אויסצוטאָן. מען האָט זי צעשלאָגן ביז בלוט, זי האָט אָבער ניט נאָכגעגעבן. דער מיליציאנט קובא מיקרען, זעענדיק זיין פרוי, קינד און שוויגער שטיין שוין אויסגעטאָן צום טויט, האָט זיך פרייוויליק אוועקגעשטעלט צום שיסן, כאָטש די מיליציאנטן האָבן געהאָפט, אז זיי וועלן בלייבן לעבן. יחידים זיינען נאקעטע ווי די קעלבער געפאלן אויף די קני צו די פיס פון די תליונים און געבעטן רחמים. דער ענטפער אויף אזא פארלאנג איז געווען א שטויס מיטן פוס איבערן קאָפּ. יאָסל טענענבוים, א נוטבאזיצער, דער איינגטימער פון דעם פעלד, אויף וועלכן עס איז פאָרגעקומען די שחיטה, האָט זיך דורכגעשטופּט צום עלטסטן פון די מערדער און אים געבעטן גנאָד פארן פרייז פון זיין אוצר, וואָס ער האָט געהאט ערגעץ באגראָבן. ער איז שוין גרייט געווען צו גיין ווייזן, ווו דער אוצר געפינט זיך, א האק מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ האָט אים אָבער אוועקגעלייגט א טויטן.

פלוצלונג האָט די גימנאזיע=לערערין מג"ר רוזשיא פּיקהאָלץ אָנגעהויבן ריידן צו דער נאקעטער עדה: „איך רוף אייך צו אויסגעהאלטנקייט און מוט, מיר שטארבן היינט ווי אומשולדיקע מענטשן..." — „איהר זייד קיינע מענטשן!" — רייסט איר איבער דער ס"ס=שטורמפירער און גיט איר א פייערדיקן פּאטש אין פנים אריין. „יעצט רעדע ווייטער, דו הורען=פרוי!" — די רעדנערין גיסט אויס איר ווייטיק און צאָרן אויף די קעפּ פון די דייטשע מערדער: „איר מיינט, מיר האָבן ניט קיין נקמה=פרייד... מיר ווייסן, אז אייער סוף איז נאָענט; עס וואַרטן אויף אייך גאנצע וועלדער מיט תליות!"... דאָס האָט דער דייטש שוין ניט געקאָנט פארטראָגן. עס פליט א קויל גלייך אין הארץ פון דער נאקעטער רעדנערין, און שוין ליגט זי א טויטע אויף דער ערד. דער עולם איז איר מקנא די זכיה פון אזא לייכטן טויט.

און אָט איז ווידער געפאלן א באפעל: „שנעלער, שנעלער, פערטיג מאכען! יע 4 מאן ניעדערקנאלען". צוערשט האָט מען איבער 60 קינדערלעך און קראנקע

לעבעדיקערהייט ארייננעוואָרפן אין די גריבער, פון וואנען עס האָט זיך באלד דער־הערט א געוויין, אפרים שפּאצירער, דער מיליציאנט, וועלכער האָט ארייננעוואָרפן זיינע אייגענע צוויי קינדער, איז דאן אליין נאָכגעשפּרונגען אין גרוב אריין. דאן האָט מען אויסגעשטעלט ביי יעדן קבר צו 4 מאן איינער הינטער דעם אנדערן. 3 ס״ם האָבן ארייננעצילט אין יעדן צו איין פּיסטאָלעט־שאָס, און ניט געקוקט צי די קוילן האָבן געטראָפן אָדער נישט, האָבן זיי מיט די הענט ארייננעשטופּט אין קבר אריין די מענטשן, פיל כמעט נאָך לעבעדיקע. און וואָס מער עס זיינען געפאלן קערפּערס, אלץ מער האָט מען פון די קברים ארויסגעוויינט. 2 שעה אָן אויפהער איז אָנגעגאנגען די בלוטיקע ארבעט. כדי אבער וואָס גיכער צו פארענדיקן, האָט מען גע־שיקט ברענגען נאָך א מאשין־געווער, ווייל די מערדערס האָבן זיך געאיילט צו דער אנגעגרייטער סעודה. דאָס געבראכטע מאָרד־געצייג האָט מען באשנירט מיט לאנגע באנדן קוילן, און איצט האָט מען שוין ביי די ראנדן פון די קברים גע־שטעלט צו 10 קרבנות, וועלכע זיינען אונטער א געניטער מערדער־האנט געפאלן ווי צייטיקע זאנגען אונטער דער קאָסע פון שניטער. דאָס מאשין־געווער האָט גע־שפּריצט מיט פייער, און די קברים — מיט פרישן, הייסן בלוט. אין די דריי גרויסע קברים זיינען געוואקסן די הויפנס פון צאפּלדיקע מענטשן. א שמע־ישראל האָט ארומגעשוועבט איבער די קברים, פון וועלכע עס האָבן זיך דערטראָגן שרעק־לעבע קולות פון די נישט־דערקוילעטע האלב לעבעדיקע מענטשן.

ביי דער אקציע אין שטעטל האָבן די דייטשן געהאט אויפגעפּאָדערט, אז אויך דער גאנצער יודענראט מיט זייערע פאמיליעס זאָלן זיך 1 א זייגער בייטאָג אויסשטעלן לעבן דער שול. א טייל פון יודענראט האָט זיך אויסבאהאלטן און א טייל, גראָד אויך די רואיקערע און מער לייטישע, ווי ד״ר קראָן, יוסף לויפער, נחום סאפיר, לייבוש דענען, יעקב שארף, זיינען מיט זייערע מישפּחות אויך אריינ־געפאלן אין דער אקציע. קומענדיק צום פּלאץ פון די אָפענע קברים, האָבן די דייטשן אויסגערופן, אז אלע פונעם יודענראט זאָלן זיך שטעלן אָן דער זייט. דער יודענראט האָט געמוזט צוקוקן דעם גאנצן פארלויף פון דער שחיטה און דערנאָך פארשיטן די קברים און מיט די פיס איינטרעטן די בלוט־פייכטע בערגלעך ערד מיט די באוועגלעכע מענטשן־גלידער. צום ענדע האָט מען זיי צוזאמען מיט די יידישע מיליציאנטן אויך אויסגעשטעלט צום שיסן. עס זיינען געווען דערביי ניט ווייניק דראמאטישע מאָמענטן. מענטשן זיינען געפאלן נאקעטע צו די פיס פון

זייערע באקאנטע דייטשן און געבעטן רחמים. די דייטשן האָבן אָבער נאָך געמאכט חוזק און מערדערלעך געשלאָגן. די זעלבע מאשין־געווער, וואָס האָט פארשלונגען די גאנצע עדה יידן, האָט געמאכט א סוף צו די לעבנס פון די געטאָ־טוערס, וואָס האָבן ביז דער לעצטער מינוט געגלייבט, אז זיי וועט מען דאָך לאָזן לעבן.

אונטער דעם ניט אויפהערנדיקן געוויין פון די קברים־ארויס האָבן די אוק־ראינישע מיליציאנטן פארשאָטן דעם דריטן קבר. דאן האָבן זיך די תליגים ווי די היישעריקן געווארפן אויף די קליידער, באטאפט, באזוכט יעדן מלבוש און גע־שמעקט אין זייערע קעשענעס דאָס יידישע גאָלד און אנדערע ווערט־זאכן. זיי האָבן ניך אויפגעלאָדן די קליידער אויף אויטאָס און אוועקגעפאָרן, איבערלאזנדיק דער ערד א מתנה — 3 פרישע וויינענדיקע קברים, וועלכע האָבן זיך געהויבן ווי צע־וויגטע כוואליעס. דאָרט אין די קברים אונטער דער ערד האבן זיך געפלאכטן מענטשלעכע גלידער, געריסן, געביסן איינער דעם אנדערן, ניט געפינענדיק קיין רו. די קברים האָבן געקרעכצט און געוויינט...

גרויסע מחנות שווארצע קראָען, וועלכע האָבן דערשפירט דעם ריח פון בלוט, האָבן ארומגעשוועבט ווי צעפלאטערטע שווארצע פענער...

אויף מאָרגן האָבן די פויערים פון א שכנותדיקן דאָרף געהערט פון דער ווייטנס מענטשלעכע געוויינען און קרעכצן. אויפן דריטן טאָג האָבן דורכגייערס ווידער געהערט די געוויינען, און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אז דאָס וויינען די האלב לעבעדיקע מענטשן־קינדער אין די שלעכט פארשאָטענע קברים. עטלעכע פויערים פון שכנותדיקן דאָרף נאָוואָסיאָלקע האָבן באלד אויפגעזוכט דעם יידן דוד עפ־שטיין און אים דערציילט, וואָס מען זעט ביי די קברים און אז מען האָט דערקענט זיין 17־יאָריקע טאָכטער, וועלכע האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון קבר און גע־רופן נאָך הילף. מען איז גלייך אהין אוועק, און באמת געפונען נאָך א לעבעדיקע דוד עפשטיינס טאָכטער און נאָך 2 קינדער, וואָס האָבן ארויסגעוויזן סימנים פון לעבן. די קינדער זיינען אָבער אויף מאָרגן געשטארבן. דאָס מיידל האָט נאָך גע־לעבט א וואָך צייט. זי האָט דערציילט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אונטער דער ערד, ווי אזוי לעבעדיקע מתים האָבן זיך געשטופט, איינער דעם אנדערן געביסן און מיט די נעגל איינער דעם צווייטן די הויט געריסן. זי האָט דערצו אויך איבערגע־געבן דעם גאנצן פארלויף פון דער אקציע.

די ווײַנענדיקע קברים געפֿינען זיך אַן ערך 3 ק"מ הינטער סקאַלאַט, בײַם רעכטן זײַט וועג וואָס פֿירט צום דערבײַיאיקן דאָרף נאָוואָסיאָלקע. בײַ 100 מעטער ווײַטער פֿון די מאַסן־קברים וואַקסן אין אַ מיטן פֿעלד הויכע טאָפּאָליעס. פֿון ווײַטן קוקט אַרויס, ווי אַ טונקעלער שטרײַף, דער ראַנד פֿונעם האַרעס־וואַלד, וואָס ליגט אַן ערך צוויי ק"מ פֿון דאַנען. — און כאָטש זײַ זײַנען אויף אײביק פֿאַרשטומט געוואָרן, די ווײַנענדיקע קברים, דאָך שרײַט און דערציילט דאָס אָרט און נאָך צענדליקער און הונדערטער ערטער אַזוינע. — זײ שרײַען, דערציילן און מאָנען פֿיל, גאָר פֿיל. —

די ווײַנענדיקע קברים האָבן פֿאַר אונדז נאָך ניט אויפֿגעהערט צו ווײַנען.

א קלייד פון א טלית.

גאליציע. אוקראינישע פּאָליציסטן צווינגען יידן צו צעשטערן מצבות
אויפן יידישן בית־עלמין אין א שטעטל לעבן לעמבערג.

איבערגעגעבן דורך י. זעמאן

עס בונטעווען זיך מצבות

בשעת אין די דערפער ארום סקאלאט איז אָנגעגאנגען די לעצטע מארד־שיקסעס אנגעטאנענע אין ספאדניצעס (קליידער) מיט שווארצע פאסן, אויפגענייטע פון געראובטע טליתים, — האָט זיך שוין אויפן גויישן האנדלס=מארק געפילט א גרויסער מאנגל אין פארמעט=יריעות פון ספרי=תורות. די שוסטערס האָבן דעם ארטיקל שוין פון לאנג פארארבעט אויף פוטער און פאָדקלייקעס צו טויזנטער שטיוול און שיך. עס האָבן זיך נאָך בלויז ארומגעוואלגערט אויפן מארק=פלאץ און אין די געסלעך, צווישן די יידישע חורבות, בערג גאנצע מיט ספרים, שמות פון גמרות ביז מחזורים, און יעדער האָט פון דעם גענומען וויפל עס האָט זיך נאָר געוואָלט. ווען ביי מאלעצקין אין דער „רוישטאָף=ערפאסונגס=בריגאדע" האָבן נאָך געארבעט יידן, וועלכע פלעגן צונויפזאמלען גרעסערע קוואנטומס יידישע ספרים, וואָס פלעגט פארקויפט ווערן ווי מאקולאטור אין לעמבערג, פאר 8 גראָשן א קילא, איז דאָס נאָך געווען אן ארטיקל. נאָכדעם ווי מען האָט די יידן פון דאָרט פארנומען ביי דער לעצטער שחיטה און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל דערביי ארבעטן, האָט מען שוין מער מיט דעם הפקר=ארטיקל ניט געהאנדלט. דאָס האָט שוין בלויז געדינט פאר פאק=מאטעריאל אין די שטעטלשע געוועלבער, און אויך פאר ווייניקער דעליקאטע צוועקן.

יעדער פון די גויים האָט שוין געוווּסט, אז יידן וועלן ביז צום לעצטן אויסגעמאָרדעט ווערן, עס טאָר אפילו קיין זכר פון דער יידישקייט ניט בלייבן. דערפאר מעג מען יידישע בנינים צעשטערן, אויך דעם בית=הקברות פארניכטן. און די ארישע באפעלקערונג האָט מיט סאדיסטישער נקמה=פרייד אויסגעפירט אָט די פיינע ארבעט. מיט די לעבעדיקע איז מען דאָך שוין באלד פארטיק, קומט איצט די ריי אויף די טויטע...

מצבות, ארויסגעשלעפטע פון בית=עולם, האָבן צעזייטע און צעשפרייטע ארויסגעשריגן מיט הייליקע אותיות פון טראָטוארן און וועגן. דעם טיפן געשריי פון

די שטיינער האָט קיינער ניט געהערט, בלויז די פאריתומטע טויטע פונעם עולם האמת האָבן שטיל געבענקט נאָך זייערע שטיינערנע פריינד. זינט עס איז געווען די טראַגישע פּאסירונג מיט דעם פייער, וואָס האט געשלעפּט פונעם בית הקברות מצבות, און איינע פון זיי איז אויף אים אַרויפגעפאלן און אים דערהרגעט אויפן אָרט, זיינען פויערים מער ניט געפאָרן נאָך שטיינער. זיי האָבן מורא געהאַט. זיי האָבן גענומען גלייבן, אז טויטע זיינען זיך נוקם. די מצבות בונטעווען זיך, ווען מען קומט זיי שענדן, זיי פאלן מיט זייער גאנצער שטיינערנער קראַפט און שווערקייט אויף די הענט און פיס און מאכן אָן ווונדן טיפע און שמערציקע, מיט צייכנס ברוינע און בלויע... פויערים האָבן זיך דערציילט די פארשיידענע פאנטאַסטישע מעשיות, אז אויפן יידישן בית-עולם טוען זיך אָפּ שרעקלעכע און ווונדערלעכע זאכן. אָט האָט מען געהערט קרעכצן און שטילע געוויינען פון אונטער די קברים, מען האָט אויך געזען אויף שטיינער, וואס זיינען אָנעקגעבראָכן געוואָרן פון זייערע קברים, סימנים פון בלוט... ארום דעם סטאראסטווע-בנין, וואָס געפינט זיך קעגן דעם בית עולם, האָט מען געמאכט א פּארקאַן פון מצבות. מאכט זיך אז אין איינעם א פרימאָרגן געפינט מען אויף דער גאס א פּאָר מצבה-שטיינער ליגן. באלד האָבן גענומען ארומגיין מעשיות, אז אין די נעכט קומען די מתים און נעמען זיך צוריק זייערע מצבות; והא ראיה, דער פּארקאַן פון דער סטאראָסטווע ווערט טאקע וואָס אמאָל מער איינגעשרומפּן... פויערים האָבן אויפגעהערט פאָרן צום בית עולם שלעפּן מצבות. די טויטע יידן האָבן באקומען רו, די לעבעדיקע זיינען אבער געווען מאכטלאָז קעגן דער סכנה, געלעבט אין דער הינער-שטייג פונעם געטאָ און אלץ געווארט מיט הארץ-ציטערניש אויף דער אומפארמיידלעכקייט פונעם באל-דיקן טויט. דער נאָך ניט געזעטיקטער ארישער ערב-רב האָט אריבערגעקוקט איבער די פלויטן פון געטאָ און באדויערט וואָס דאָרט אָטעמען נאָך אן ערך 900 יידן. מיט פארוונדערונג האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט: „זעט נאָר, זעט, מען קוילעט זיי און מען קוילעט, און זיי זיינען נאָך דאָ... עס פילט זיך שוין אָבער פון דאָרט דער ריח פונעם מלאך המות" — פלעגן זיי זיך טרייסטן.

אינעם לעצטן געראַנגל

ביי דער לעצטער אקציע פון ערב פסח האָבן א סך יידן מיט זייער טויט געמאכט ירשנען הונדערטער „ווילטעטער“, וואָס האָבן גענומען פון זיי צו אויסבאהאלטן די פארמעגנס. יעדער טויט פון א ייד האָט איבער נאכט בארייכערט זיין ארישן „בעל=טובה“. נאָך יעדער אקציע פלעגט זיך אין שטעטל צונויפפאָרן א גאנצער יאריד. א טייל פויערים האָבן געוואָלט געוויר ווערן, ווי אזוי עס זעט אויס די בזכהאלטעריע איבער די יידישע לעבנס, און אנדערע האָבן גאנץ פשוט געלקחנט וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט פון די אויסגעליידיקטע און דעמאָלירטע שטיבער.

אין יענע בלוטיקע טעג, ווען עס האָט שוין געהאלטן ביים ענדגילטיקן אויסראַמען די לעצטע פון די לעצטע, איז דער יידישער איבערעשט פון סקאלאט געווען איינגעפּרעסט אין 30 קליינע הייזלעך. די דורכגענג פון די געסלעך זיינען געווען פארקלאפּט מיט ברעטער. אין דער שרעקלעכסטער ענגשאפט און שמוץ, אויך אונטער דער ערד ערגעץ אין בונקערס, האָבן געשטעקט די הייפעלעך שוין נימאס=געוואָרענע לעבנס. דאָס שטעטל האָט געהאלטן ביים לעצטן געראַנגל מיטן אומפארמיידלעכן טויט, ערב דער לעצטער אפיציעלער ליקווידירונג פונעם געטאָ, וואָס מען האָט יעדן טאָג און יעדע שעה מיט טויטשרעק דערוואַרט. די באפעלקערונג איז באשטאנען פון כמעט לויטער פרויען און קינדער, וואָס זיינען געבליבן אלמנות און יתומים פון די פריערדיקע אקציעס. די קליינע צאָל מענער, וואָס האָבן נאָך געלעבט, האָבן זיך געפונען אין דעם סקאלאטער לאגער און אויך אין די אנדערע לאגערן פון דער סביבה. אייגנטלעך האָט די שטאָט סקאלאט געזאָלט דערקלערט ווערן פאר „יודענפריי“, נאָך אין חודש אפּריל 1943, נאָכן מאסן=מאָרד פון די „וויינענדיקע=קברים“, נאָר אזוי ווי א געגנט היבשע צאָל האָט נאָך באוויזן זיך אויסצובאהאלטן, איז געקומען א באפעל פון טארנאָפּאָל, אז אלע יידן קענען צוריקגיין אין געטאָ. דאָרט וועלן זיי זיך קענען רואיק לעבן. דער עיקר,

זיי דאַרפן זיך האַלטן ריין און זיין ביי די קרעפטן, ווייל מען וועט זיי נאָך באַדאַרפן צו דער אַרבעט. כדי אויך צו שטאַרקן די האָפענונג ביי די ייִדן, אַז מען מיינט זיי ניט צו אומברענגען, האָט די געשטאַפּאָ פון טאַרנאָפּאָל אַראָפּגעשיקט 10 ייִדישע מיליציאַנטן, מיט אַ געוויסן אַבאַ טענענבוים בראש, וואָס האָבן באַדאַרפט וואַכן איבער דער „רו און אָרדנונג“ און גלייכצייטיק אויך דינען אַלס געצייג פאַר די דייטשישע פּלענער. די אַלגעמיינע איבערצייגונג איז אָבער געווען, אַז די עקסיסטענץ פונעם געטאָ ציילט זיך אויף טעג. די ייִדישע מיליציאַנטן פון טאַרנאָפּאָל האָבן זיך נעגעבן די מי צו באַרואיקן און איבערצייגן, אַז כל־זמן זיי זיינען דאָ, וועט קיין נייע שחיטה ניט פאָרקומען. קיינער האָט אָבער דאָס מאָל אין דעם ניט געגלייבט. יעדן פאַרנאַכט פלעגט זיך אָנהייבן אַ וואַנדערונג איבער פעלדער און וועלדער, מען פלעגט קענען נאַכט זיך לויפן באַהאַלטן צו קריסטן, אָדער אַזוי זיך פאַרגראַבנען אין שטאַלן און שייערן, צום איבערנעכטיקן. אין דער פרי, געוויר ווערנדיק אַז עס איז אין שטעטל רואיק, פלעגט מען צוריקגיין אין געטאָ, כדי אין דער קומענדיקער נאַכט ווידעראַמאָל איבערחזרן די זעלבע וואַנדלונגען. ביי אַזעלכע נאַכט־וואַנדלונגען פלעגן פאָרקומען אָפטע רויב־איבערפאַלן, שלעגערייען און שענדונגען פון פרויען, אויסגעפירט דורך גאַסן־יונגען און געוויסנלאָזע שקצים. בכלל פלעגט יעדן אויפדערנאַכט אויסגעליידיקט ווערן דאָס געטאָ פון מענטשן. מען פלעגט זיך שטיקן אין די אונטערערדישע באַהעלטענישן און קוים דערציען דעם פאַרטאָג, כדי צו דערוויסן זיך, אַז עס האַלט היינט ניט ביי קיין אַקציע. פון די פעלדער און פון די אַנדערע באַהעלטענישן אויף „יענער זייט“, פלעגן צוריק אַריינשלייכן אין געטאָ אַריין די גאָטס־באַשעפענישן און ווידער באַקומען דעם מוט צו לעבן, ווען אפילו מיט דער לעבנס־צייט פון אַ שמעטערלינג. ביינאַכט, ווען די שטיבער זיינען געבליבן הפקר, פלעגן די אַריינגעשיקטע מיליציאַנטן אַרומגיין און אַרומזוכן איבער די וווינונגען. זיי פלעגן זיך צונעמען פון די שטוב־זאַכן, וואָס זיי האָט זיך געגלוסט. ביי דער געלעגנהייט פלעגן זיי אויך אויסשפּיאָנירן, ווו עס געפינען זיך בונקערס, פלעגן זיך פאַרנאָטירן דעם פּלאַן פונעם פאַרדעכטיקן אָרט. בכלל האָבן די טאַרנאָפּאָלער מיליציאַנטן זיך שרעקלעך אויפגעפירט. אחוץ וואָס זיי האָבן זיך נעחברט מיט די יחסנים פון לאַגער, ווי אויך מיט די דייטשן, האָבן זיי געשיכרט, גערויבט און פאַרגוואַלדיקט.

אַזוי האָבן געלעבט די לעצטע סקלאַטער ייִדן אין די לעצטע שעהן פון

זייער לעבן. אומגעפּער פון יענער צייט ווערט דערציילט וועגן א געוויסן משוגענעם, מיטן נאָמען יאָסעלע, וואָס איז נאָך על־פּי־נס געווען „אויסגעבליבן“ פון די ביז־אהעריקע אקציעס. איין טאָג באמערקט מען אים ווי ער שטייט אין דער פּוסטער גאס און וויינט יאָמערלעך. „וואָס וויינסטו, יאָסעלע?“ — האָט מען אים געפרעגט. „מען וואַרפט מיר ניט נאָך קיין שטיינער, עס לויפט מיר קיינער ניט נאָך..., קיינער רופט מיך ניט משוגענער...“— וויינט יאָסעלע מיט בלוטיקע טרערן.

יאָסעלע דער משוגענער דערמאָנט זיך עס אָן יענע אלטע גוטע צייטן, ווען עס האָבן נאָך געלעבט פיל יידן, ווען יידישע קינדער פלעגן אים נאָכלויפן אין די גאסן, און די געלעכטערס פלעגן שאלן, און די שטיינער פלעגן פאלן...

עס האָבן נאָך געצאנקט די לעצטע לעבנס פון די על־פּי־נס „אויסגעבלי־בענע“ פון די פריערדיקע שחיטות.

ווי ראטעוועט מען זיך אָבער פון דעם אלץ ווייטער לויערדיקן טויט?!..

ניט־געלונגענער ווידערשטאנדפּלאן

דאָס איז געווען אין חודש מאי 1943. מען האָט שוין געזען בולט, אז עס איז ניט פאראן קיין שום רעטונג. די דייטשע מאָרד־מאשין האָט פּלאנמעסיק און רעגולער געפירט איר אויסראָט־ארבעט. קיין איין ייד וועט ניט טאָרן בלייבן ביים לעבן. די אקציעס און פּאָגראָמען האָבן ביז איצט פארשלונגען אן ערך 6500 קרבנות. און אין די ארומיקע לאגערן, ווי באַרקי־וויעלקע, פּאָרוואָלאָטשיסק, סקאָ־לאט, ראָמאנאָווקע, סטופּקע און קאמיאָנקע האָבן געשמאכט טויזנטער מענטשן אונטער די שטעכדראָטן, דערצו דער הונגער, קראנקהייטן און עפּידעמיעס! אפילו די „אייביקע אָפּטימיסטן" האָבן שוין אויך אויפגעהערט צו גלייבן אין א מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן. דאָס לעבן האָט זיך איצט גערעכנט שוין אויך ניט אויף וואָכן, נאָר אויף טעג.

די ערשטע ניט לאנג דורכגעפירטע שחיטה, די אזוי גערופענע טראגעדיע פון די „וויינענדיקע קברים", וואָס האָט געזאָלט זיין די ענדגילטיקע פארניכטונג פון די יידן דאָ, כדי צו קענען דערקלערן דאָס שטעטל פאר „יודענריין", האָט זיך לויטן דייטשן פּלאן ניט איינגעגעבן; עס זיינען דאָך פארבליבן נאָך אן ערך טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט כאפּן. די פאנטאסטישע טעכניק פון דער יידישער בונקער־בויקונסט איז געשטאנען אויף אזא מדרגה, אז עס איז געווען כמעט אומ־מעגלעך אויסצוגעפינען אלע יידישע באהעלטענישן און מויזן־לעכער. מענטשן האָבן זיך מיט לעצטער אָנשטרענגונג געריסן צו רעטונג און לעבן. די דייטשן האָבן זיך איצט גענומען צו פארשפּרייטן קלאנגען, אז מער וועט שוין גאָרניט פּאָרקומען. דער „רויטער קרויץ" זאָל האָבן אינטערווענירט לטובת די יידן, ווי אויך אמעריקע טוישט אויס די יידן קעגן דייטשע געפאנגענע, און נאָך אנדערע אויסגעטראכטע מעשיות, כדי צו פארטומלען די מוחות. די אמתע כוונה פון די דייטשן איז אָבער געווען: צוזאמענציען און צוזאמענהאלטן דאָס ביסל יידן, כדי אין צוקונפט זיי קענען לייכטער און אויף אלע הונדערט פּראָצענט צוזאמענכאפּן און ליקווידירן.

ווי שוין דערמאָנט אין פריערדיקן קאפּיטל, האָבן דאָ די דייטשן געמאכט דעם אָנשטעל, אז זיי פּאַרלייכטערן דעם קורס לגבי יידן. „איר מעגט אייך רואיק לעבן אין אייער געטאָ, מיר וועלן אייך געבן ברויט און ארבעט, האַלט׳ס אייך נאָר זויבער. איר זאָלט ניט קראנק ווערן, ווייל דעמאָלט וועט איר ניט קענען ארבעטן...' פּלעגן זיי מיט א כּלומרשט פריינדלעכן טאָן אויפקלערן די יידן. קיינער האָט שוין אָבער ניט געגלייבט אין אָט די הבטחות. מען האָט פארשטאַנען, אז דאָס מאכן די בעסטיעס הכנות צו זייער לעצטן קאָנץ-שפּרונג, וואָס זאָל מיט אמאָל פארצוקן דעם גאנצן רויב. ניט האָבנדיק אָבער קיין אנדער אויסוועג, זיינען דאָס ביסל יידן געבליבן ווייטער זיצן אין געטאָ.

אין דער זעלבער צייט האָט א גרופּע מוטיקע יונגעלייט, מיט מיכל גלאַנץ בראש, זיך גענומען נרייטן צו אָרגאניזירן א באוואָפנטן ווידערשטאנד אין פאל פון א ווייטערדיקער אקציע. גלאַנץ איז געווען א צוגערייזטער פון דער שטאָט קאָפּיטשינצע, א קרעפטיקער יונגערמאן פון אן ערך 26 יאָר מיט א פּאָר קלוגע אויגן, פון וועלכע עס האָט געשפּריצט טעמפּעראמענט, מוט און שטארקער ווילן. צו אים האָבן זיך באלד אָנגעשלאָסן נאָך יונגע לייט, ווי דער 30 יאָריקער לאָנעק פּודלעס, א סטודענט פון פּילאָזאָפיע, וואָס איז ניט לאנג געקומען פון קאמיאָנקער לאגער; דער 23 יאָריקער שלום שעכטער; דער 35 יאָריקער מאיר גרינפעלד (ביידע לעצטע פון סקאלאט); דער 22 יאָריקער בוציע עלפענביין, דער 21 יאָרי-קער העניעק וויינבערג, סטודענט פון וועטערינאַריע (סקאלאט), און נאָך פּיל אנדערע. די אלע האָבן אָפּגעהאלטן געהיימע זיצונגען און גענוי אויסגעארבעט א פּלאַן אויף דורכצופירן א ווידערשטאנד אין פאל פון אן אקציע. די קליינע גרופּע האָט עס באדארפט בילדן דעם קערן צו א פארברייטערטער קאמפס-אָרגאניזאציע פון דער יוגנט.

שוין אין די ערשטע טעג פון דער טעטיקייט האָט בוציע עלפענביין באוויזן אויפצוברענגען 12 גראנאטן, מיט וועלכע די יונגע ענטוזיאסטן האָבן זיך געפרייט, ווי קליינע קינדער מיט זייער שפּילצייג. אמת, די גראנאטן זיינען געווען אָן צינדערס; אָבער שאדט ניט. מען האָט גענומען ארומזוכן א געניטן מעכאניקער צום אריינציען אים אין דער ארבעט אריין. מיכל גלאַנץ האָט באוויזן אויפצוברענ-גען א געוויסן סכום געלט, וואָס איז געווען נייטיק אויף די ערשטע הוצאות. העניעק וויינבערג האָט שוין געהאט אָנגעבונדען א קאָנטאקט מיט קריסטן, כדי צו געפינען

א וועג אויף צו באזארגן זיך מיט געווער. מאיר גרינפעלד האָט געהאט די אויפ־
גאבע צו שטעלן זיך אין פארבינדונג מיט די רעשטלעך פון דעם יודענראט, וועלכע
האָבן נאָך דיספּאָנירט מיט קהלשע קאפּיטאלן און ארויסקריגן פון זיי מאטעריעלע
הילף. אין אָנהייב האָבן די ראטמענער צוגעזאָגט ניט נאָר געלט־אונטערשטיצונג,
נאָר אויך אפילו אקטיווע מיטבאטייליקונג. עס איז אָבער דערפון גאָרניט געוואָרן.
אזעלכע מענטשן, וואָס האָבן וועגעטירט גאנצע צוויי יאָר אין די יודענראטן, האָבן
באמת שוין ניט געקענט האָבן א וועלכע פארשטענדעניש פאר אזא דערהויבענעם
נעדאנק. ביי די מענטשן איז דאָך שוין פון לאנג אָפּגעטויט געוואָרן יעטוועדער
הוש פאר זעלבסטווערדע און כבוד.—האָט מען דען איצט געקענט פארלאנגען פון זיי
מיטארבעט און הארץ פאר א גרויסן טאט, וואָס ווען אפילו ער ענדיקט זיך מיט
טויט, בלייבט ער דאָך א מאָראלישע דערגרייכונג? זיי די יודענראטלער האָבן,
פארשטייט זיך, גאָרניט מיטגעהאָלפן ביים פינאנסירן די אזוי געוואגטע אונטערנע־
מונג. פארקערט, זיי האָבן זיך גאָר אויסגעלאכט. „די ארבעט אייערע איז שוין פון
אָנהייב פאראורטיילט צום דורכפאל. מיט וועמען ווילט איר גיין מילחמה פירן?
מיט ווייבער? מיט א פּאָר צעבראָכענע יידן?" — האָבן זיי געזאָגט.

די מוטיקע יונגעלייט האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן. זיי האָבן ווייטער
אין געהיים פאָרגעזעצט זייער אָנגעהויבענע ארבעט. זיי האָבן שוין פארמאָגט א
פּאָר שטיקלעך געווער, אויך האָט א שיין געטאָן א גינסטיקע אויסזיכט אויף
להבא. מאיר גרינפעלד האָט שוין געהאט א קאנטאקט מיטן וואלד, ווּ עס האָבן
זיך אויסבאהאלטן גרופּעס יידן, פון געטאָ אנטלאָפענע. העניעק וויינבערג האָט שוין
געהאט א פארבינדונג מיט א געוויסן דימקאָווסקי, וועגן מיטהילף מצד די פּאָליאקן.
באלד האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז דער דימקאָווסקי איז געווען א שארלאטאן
און אונטערוועלטניק, וואָס האָט גאָר געוואָלט ארויסנארן געלט, און געענדיקט וואָלט
זיך דורך אים מיט פארראט און אומגליק. אין לעצטן מאָמענט האָט מען נאָך באַ־
וויזן צו אָפּזונדערן זיך פון אים. מען האָט זיך אלץ געגעבן די מי צו אויסגעפינען
מענטשן פון דער נים־יידישער אונטערערדישער באוועגונג און מיט זיי צוזאמען
געפינען דעם געמיינזאמען וועג פארן ווידערשטאנד. עס האָט זיך אָבער ארויסגע־
וויזן, אז אין טארנאָפּאָלער געגנט איז אזא באוועגונג ניט בנימצא. די ניט־יידן, ניט
זייענדיק פאראורטיילט צום טויט, ווי די יידן, און וואָס האָבן געלעבט כמעט אין
נאָרמאלע באדינגונגען, — זיי האָבן דאָך געהאט פיל מעגלעכקייטן צו אונטערנעמען

נקמה־אקטן. זיי האָבן אָבער דערשראָקן און הכנעהדיק אנטקעגנגעטאנצט דעם דייטשן אונטערדריקער און געדולדיק אריבערגעטראָגן די דייטשע פארפאָלגונגען. אין אָנבליק פון דעם האָפענונגסלאָזן מצב פון די לעצטע רעשטלעך לעבנגעבליבענע יידן, איז דער געדאנק וועגן שטעלן א באוואָפנטן ווידערשטאנד באמת געווען א געוויסע טרייסט, וואָלט זיך דאָס געמעגט ענדיקן אויך מיטן טויט. די אזויפל ליידן וואָלטן דאָך באקומען א זינען. צו אזא טאט מוז מען אָבער זיין כאָטש אביסל מי־ליטעריש צוגעגרייט. האָבן זיי טאקע פיבערהאפט געארבעט, די מענטשן פון דער גרופע, געטאָן און צוגעגרייט אלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

דערווייל איז די קריפּאָ (קרימינאַל־פּאָליציי) דערפון געוואויר געוואָרן, און דאָס האָט, גאנץ מעגלעך געבראכט דערצו אז די דייטשן זאָלן וואָס גיכער דורכ־פירן אין סקאלאט די ענדגילטיקע אויסראָט־אקציע, וואָס איז אויסגעפאלן דעם ניינטן יוני 1943. דער אזוי שיין געוועבטער חלום וועגן אן אקטיוון ווידערשטאנד איז מיט א מאָל איבערגעריסן געוואָרן. דער טראגישער טאָג פון דער אזוי גערופע־נער שבועותדיקער אקציע, וועגן וועלכער עס וועט נאָך דערציילט ווערן, האָט ווירק־לעך געבראכט צום אומקום פון גענטאָ, צו דער פולקאָמער ליקווידאציע פון די יידן אין סקאלאט. גאָר קליינע רעשטלעך זיינען געלאָפן אין די וועלדער, אָדער צו די גוט באצאָלטע גאָספּאָדארן. פארשטייט זיך, אז ניט זיינענדיק גהעריק צוגעגרייט און נאָר מיט א פּאָר פּיסטאָלעטן און 12 גראנאטן, דערצו אָן צינדערס, האָט ניט געקענט קיין רייד זיין פון א באוואָפנטן ווידערשטאנד.

מיט עטלעכע טעג נאָך פאר דער ליקווידאציע־אקציע האָט ווער געמסרט ליאָנעק פודלעסן, אז ער איז אנטלאָפן פון קאמיאָנקער לאגער. מען האָט אים טאקע באלד צוריקגעפירט אהין, ווו ער האָט אויך פארלאָרן זיין לעבן ביי דער ליקווידאציע פון דעם לאגער. האָט ווידער צום טאָמענט געפעלט א וויכטיקע קראפט.

נאָכן דערקלערן דאָס שטעטל פאר „יודענריין" איז געבליבן עקסיסטירן נאָר דער סקאלאטע לאגער. דאָרט האָבן דעמאָלט נאָך געארבעט אן ערך 400 מענטשן. אהין האָט זיך שפּעטער אריבערגעטראָגן דער ווידערשטאנד־געדאנק. עט־לעכע יונגעלייט האָבן אויך אין לאגער געארבעט פאר דעם פּלאן. און שפּעטער א פּאָר וואָכן, ווען די פּארטיזאנער האָבן זיך ארייגעריסן אין שטאָט, האָבן אָט די מענטשן געהאט דעם בעסטן שעת הכושר, זיך אָן זיי אָנצושליסן. געריסן האָבן זיך

כמעט אלע לאגער־יידן מיטצוגיין מיט די פארטיזאנער. די האָבן אָבער ניט געוואָלט מיטנעמען. מיט שווערער מי איז געלונגען נאָר א קליינער צאָל זיך ארייננצובאקו־מען אין די רייען פון די פארטיזאנער, וועלכע האָבן אויפגענומען דעם רומפולן מארש דורך די פוילישע וועלדער. די געוועזענע איניציאטאָרן פונעם ווידערשטאנד־פלאן: מיכאל גלאנץ, שעכטער, עלפענביין, קאץ, פרוי הינדע זאָרגנווייץ און נאָך א קליינע צאָל אנדערע האָבן געהאט דאָס גליק זיך צו געפינען אין די רייען פון די העלדישע קעמפערס אונטערן אָנפיר פון דעם בארימטן סאָוועטישן גענעראל קאָלפאק.

ווענן דעם אָבער — אין דעם ווייטערדיקן קאפיטל „פארטיזאנער“.

די שבֿועותדיקע אקציע

די לעצטע ענדגילטיקע אקציע האָט זיך דערנענטערט. מען האָט זי אָנגעטרופן די „יודען־פרייע“ אקציע, און אויסגעפאלן איז זי אין סאמע שבֿועות, 6 טעג אין סיוון תש"ג (9. 6. 1943).

די דייטשן האָבן שוין געהאט געוווּסט, אַז די יידן אנטלויפן פון געטאָ אין די נעכט און קערן זיך אהין צוריק אין דער פרי, ווען זיי מערקן, אַז דאָרט איז רואיק. זיינען דאָסמאָל די ס"ס פון טארנאָפּאָל געקומען 9 א זייגער אין דער פרי און טאקע אָנגעטראָפן אלע יידן אין געטאָ. אומדערוואַרט איז געקומען דאָס אומגליק. דאָס קלינגלען זיך פון די דייטשן האָט זיך זיי איינגאנצן איינגעגעבן, און דער פארניכטונג־בילאנס איז געווען טרויעריק ביז גאָר. אחוץ די ס"ס פון טארנאָפּאָל, די שופּאָ (שוץ־פּאָליציי), קריפּאָ (קרימינאל־פּאָליציי), אוקראַינישע מיליץ האָבן אין דער אקציע אנטייל גענומען אויך די יידישע טארנאָפּאָלער מיליציאנטן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צו אנטדעקן די בונקערס. ביי אוממענטשלעכער גרויזאמקייט און אין ווילדן טעמפּאָ איז צוגעגאנגען די בלוטיקע ארבעט, און שוין ביז 12 א זייגער זיינען געוואָרן צונויפגעזאמלט אַן ערך 600 יידן אויפן מארק־פּלאַץ, פון וואנען מען האָט זיי באלד ארויסגעפירט אויפן פעלד, צום אָרט פון די מאסן־קברים פון דער ערבֿ־פּסחדיקער אקציע. דאָרט האָט מען זיי אויסגעטאָן נאקעט און דערנאָך זיי מיט א מאשין־געווער אויסגעשאָסן. לעקס האָט פון די קרבנות אויסגעקליבן עטלעכע און צוואנציק יינגערע מענטשן און געלאָזט זיי אָפּפירן צוזאמען מיט די קליידער פון די געהרגעטע צום סקאלאטער לאגער. ווען די דייטשן זיינען צוריקגעפאָרן פונעם עקזעקוציע־פּלאַץ האָבן זיי געזונגען: „האָך לעבע די שטאָדט אָהנע יודען!“

אזוי איז אויסגעליידיקט געוואָרן דאָס שטעטל פון יידן. די דאָרפס־פּויערים האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף די אויסגעליידיקטע יידישע הייזלעך און בארויבט די לעצטע איבערעשטלעך פון די שטוב־זאכן. דאָס ביסל יידן, וואָס האָבן בא־

וויזן אין דער לעצטער מינוט זיך צו באהאלטן, צי אין א בונקער, צי אויף די פעלדער, זיינען אין דער צאָל פון 120 צונויפגעכאפּט געוואָרן פון די פויערים און איבערגע־געבן געוואָרן אין די הענט פון דער שופּאָ. אזוי ווי דאָס איז אויסגעפאלן בעת דער קריסטלעכער גרינער חגא, האָט מען די אומגליקלעכע דערווייל ארייננגעזעצט אין תפיסה און זיי דאָרט געהאלטן ביז איבער חגא, דאן האָט מען זיי אויסגעמאָרדעט אויך ביי די גרויסע מאסן־קברים אויף דעם זעלבן אופן ווי די פריערדיקע קרבנות.

נאָך דער אָפיציעלער לעצטער יידן־אויסראָטונג איז סקאלאט דערקלערט געוואָרן פאר יודנריין. האָט מען פון דאן אָן געכאפּט א יידן, האָט אים שופּאָ אויפן אָרט געשאָסן. אזעלכע פאלן זיינען געווען זייער פיל. עס זיינען געהאנגען אפישן אין שטאָט, אז דער וואָס ברענגט א יידן א לעבעדיקן אָדער טויטן, באקומט א פּרעמיע: 1 ליטער בראנפן און 300 זלאָטעס. ניט געווען דער טאָג, וואָס געוויסנ־לאָזע קריסטן האָבן ניט געמאכט אזעלכע הויפּט־טרעפער.

דער מאגיסטראט האָט באקומען דעם אויפטראג, אלע לעצטע יידישע הייזלעך צו פארקויפן, ריכטיקער, צו צענעמען זיי. פויערים האָבן—גלייך ווי נאָך יעדער אקציע—געקויפט די הייזלעך פאר לעכערלעכע פרייזן, ווי 100—200 זלאָ־טעס פאר אן אָביעקט, און אין א פּאָר טעג איז פון די הייזלעך אפילו קיין זכר ניט געבליבן. דערביי האָט מען אויסגעפונען די לעצטע, ביז אהער ניט־אנטדעקטע בונקערס, פון וואנען מען האָט ארויסגעשלעפּט צעבראָכענע און אויסגעפייניקטע מענטשן, וועלכע זיינען באלד באפרייט געוואָרן פון זייערע ליידן—דורך דער קויל פון די דייטשע מערדערס.

עטלעכע טעג נאָך דער פארניכטונג פונעם יידישן געטאָ האָבן די דייטשן פארניכטעט די לאגערן פון ארום סקאלאט. דעם סקאלאטער לאגער אליין האָבן זיי דערווייל נאָך געלאָזט עקסיסטירן ביי א פּאָר וואָכן.

יעקב פּערלמוטער, א געוועזענער העפטלינג פונעם סקאלאטער לאגער, וועלכער האָט אין דעם טראגישן טאָג באגראָבן די אויסגעמאָרדעטע, בייזייענדיק אויך די עקזעקוציע, גיט איבער די גבית עדות:—

דער יודנראט האָט געגוי געוווסט, אז די אקציע באדארף פּאָרקומען. דערפאר האָבן זיי זיך מיט זייערע מישפּחות גוט באהאלטן. ארום 9 א זייגער אין דער פרי האָבן טארנאָפּאָלער ס"ס, אוקראינער, שופּאָ און קריפּאָ ארומגערינגלט דעם געטאָ. כמעט אלע יידן זיינען געווען ניט באהאלטן, פון 2 אויטאָבוסן זיינען

אראָפּגעשפּרונגען די ס"ס און געעפנט א שיסעריי. יידן האָבן אָנגעהויבן לויפן אין גרויסער פּאניק. מען האָט זיי נאָכגעשאָסן און פיל פון זיי דערהרגעט. צווישן די ערשטע געפאלענע האָט זיך אויך געפונען אהרון פרידמאַן. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין לאגער, וווהין הערמאַן מילער איז אראָפּגעקומען און געפאָדערט מען זאָל אים צושטעלן מענטשן אויף גראָבן דעם גרוב אויפן פעלד. מען האָט אָפּגע־קליבן 21 מאן, צווישן וועלכע אויך איך האָב זיך געפונען. מיר אלע זיינען געווען דערשראָקן און בלאס, ווען מילער האָט אונדז געפירט. אויפן גאנצן וועג האָט ער נעהאלטן אין איין איבערחזרן די ווערטער: „ניכט פירכטען, אייך פּאסירט גאר־ניכטס, איר מוסט נור גוט ארבייטען". אין פעלד האָט ער אונדז אָנגעוויזן א פּלאַץ און אויסגעמאָסטן 10 מעטער די לענג, 5 מעטער די ברייט און אונדז געהייסן דאָ גראָבן א גרוב פון 3 מ' די טיף. נאָך דעם איז ער אוועקגעגאנגען, אין א האלבער שעה ארום איז ער צוריקגעקומען מיט העפנערן, מיט וועלכן ער האָט פּארטרוילעך גערעדט. ער ווענדט זיך צו אונדז מיטן זייגער אין האנט און זאָגט: „ביז 2 שטונ־דען מוסט איר פערטיג ווערדען!" 12 א זייגער איז ער אוועקגעפאָרן אין שטאָט אריין. די דייטשן, וואָס זיינען מיט אונדז דאָ געבליבן, האָבן אונדז ביי דער ארבעט מוראדיק געשלאָגן, שפּעטער זיינען פון דער שטאָט געבראכט געוואָרן אהער צו דער ארבעט נאָך 15 מענטשן, צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודער מענדל. די פריש אָנגעקומענע האָבן די דייטשן נאָך מער געשלאָגן. ווען איינער איז זיי עפּעס ביי דער ארבעט ניט געפעלן געוואָרן, האָט מען צו אים א געשריי געגעבן: „לעג דיך נידער!" עס איז געפאלן א שאָס, און דער מענטש האָט זיך מער ניט אויפגעהויבן. מילער איז צוריקגעקומען פון דער שטאָט, און זעענדיק, אז מיר זיינען מיטן קבר נאָך ניט פארטיק, האָט ער זיך זייער געבייזערט און אונדז פּראָלאָנגירט אויף נאָך א שעה. מיר האָבן מיט די לעצטע כוחות געארבעט, באגיסנדיק זיך מיט מייכן שוויים. די סאָלדאטן ארום אונדז האָבן ווילד געשריען און אונדז אומ־מענטשלעך געפּייניקט.

פון דער ווייטנס האָבן מיר געזען, ווי מען פירט די יידן פון דער שטאָט. ווען זיי זיינען שוין געווען 30 מעטער פאר אונדז, האָט מען אונז נעהייסן ארויס־גיין פון גרוב. מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט שרעקלעכע מינוטן, אויס מורא פאר׳ן טויט. אין דער לעצטער מינוט האָב איך נעגעבן אייגעם פון די געבראכטע 15 יידן, מענוס ראטשטיינען, א געל בענדל (די לאגער־יידן, אויף וועלכע עס איז

נאָך ניט חל געווען דער טויט, האָבן געטראָגן אויפן אָרעם געלע בענדלעך). ער האָט זיך באלד אוועקגעשטעלט אין דער ריי פון די לאגער־יידן. מיין ברודער, וועלכער האָט פאר א ווײַלע באקומען א פּאטש, האָט רעזיגנירט פון דעם; ער איז געבליבן אין דער גרופּע פון די טויט־פּארמישפּטע געטאָ־יידן. קיין צייט אויף לאנגע וויכוחים איז דעמאָלט ניט געווען, און מיין ברודער האָב איך ניט געקענט ראטעווען. עס האָבן זיך באלד באוויזן די אָנפירערס פון דער שחיטה, מילער, לעקס, פיל סאָל־דאטן אין ס"ס־מונדירן, די אוקראאינישע מיליץ, אויך אלע ציווילע דייטשן פון די אמטן. אונדז האָט מען אָפּגעפירט ביי א 15 מעטער ווייטער און געהייסן זיך אויס־לייגן אויף דער ערד מיטן פּנים אראָפּ. אונטער דער דראָאונג געשאָסן צו ווערן האָבן מיר זיך ניט געטאָרט רירן פון אָרט. קיינער פון אונדז האָט שוין ניט גע־גלויבט, אז מיר וועלן נאָך ארויס פון דאנען לעבעדיקע. מיר האָבן געהערט ווי קינדער האָבן געוויינט און פרויען האָבן געיאָמערט. מען האָט די יידן מוראדיק געשלאָגן ביים צווינגען זיי זיך אויסצוטאָן נאקעט. מיר האָבן געפילט, ניט זעענדיק מיט די אויגן ווי מען פירט צו צו דעם קבר א גרופּע מענטשן; עס האָט אָפּגעהילכט א שיסעריי, דערנאָך האָבן מיר געהערט, ווי די דייטשן קלאַפּן בראַוואָ און זינגען דאָס האָרסט וועסל־ליד. מיר האָבן געהערט לאכן, און א גערויש פון גלעזלעך, ווייל די מערדערס האָבן בשעת מעשה געטרונקען, נאָך יעדער סעריע שאָסן האָט זיך איבערגעחזרט דאָס קלאַפּן פון בראַוואָ און דאָס זינגען פון מארשן. פון דעם קבר־ארויס האָט זיך געריסן א שרעקלעך געשריי, און מען האָט דייטלעך געהערט, ווי עס וואַרפן זיך נאָך לעבעדיקע קערפּערס.

נאָכן פארענדיקן זייער ארבעט, וואָס האָט געדויערט איבער 2 שעה, האָבן די מערדערס אונדז געהייסן אויפשטיין. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום קבר, ווו מיר האָבן אָנגעטראָפן א שרעקלעך בילד, מיר האָבן אויסגעלייגט גלייך די כאאָטיש צעוואָרפענע גופים, וואָס פיל פון זיי האָבן נאָך געלעבט. אלע דייטשן און צוקוקערס זיינען אוועקגעפאָרן. געבליבן זיינען נאָר די היימישע פּאָליציסטן פון דער שופּאָ: שניידער, מאראָלד, פּאול א"א, וועלכע האָבן מיט אונדז דיריגירט ביי דער ארבעט. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף מענטשן , וואָס האָבן נאָך געלעבט און שווער געאָטעמט, האָבן די דייטשן אויס רחמנות יעדעסמאָל ארייגעשיקט גנאדע־שאָסן אין קבר אריין. איידער מיר האָבן נאָך פארשאָטן דעם קבר האָט מען נאָך צוגעבראכט ביי זעכציק מתים פון דער שטאָט. זיי זיינען ארייגעלייגט געוואָרן אין גרוב אין די

זאכן זייערע. מיר האָבן מקבר געווען אונדזערע ברידער און געטראָטן אויף דעם בערגל ערד, וואָס איז געווען דורכגעווייקט מיט בלוט. „גוט, עלעגאַנט געמאַכט“ —האָבן די שוץ־פּאָליציסטן אויסגערופן. — „אָבער די פּיראַמידע מוז סימעטריש זיין!“. בשעת די דייטשן האָבן זיך געפּאָרעט ביים באַזוכן די מלבושים פון די טויטע, האָב איך געזאָגט קדיש. עטלעכע יידן פון אונדז האָבן באַקומען קליידער פון די טויטע. איך האָב אויך דערקענט די קליידער פון מיין ברודער מענדל. „זייט רואיק, א פּאָר וואָכן שפּעטער פּאַסירט דאָס זעלבע מיט אייך, יודען, יודען!“— האָבן די דייטשן צו אונדז געזאָגט.

מיר האָבן פאַרלאָדן די מלבושים אויף וועגעלעך און צוריקגעפאָרן אין לאַגער אריין.

אויפקום פונעם לאגער סקאלאט

נאָך דער „קליינער אקציע“, אין נאָוועמבער 1942, האָט דער יודענראט זיך ארומגעזען, אז דער באָדן אונטער די פיס וואקלט זיך. זיי האָבן שוין געזען, אז די דייטשע מאָרדמאשין ארבעט פּלאנמעסיק און אויסגערעכנט. „דו קאָמסט דער לעצטע דראן!“ איז געווען דאָס גוטבאקאנטע „טרייסט-וואָרט“ פאר די אלע יידן, וואָס האָבן זיך פארדינט געמאכט מיט זייער איבערגעבענער ארבעט לטובת דעם דייטשן פארניכטונגס-ווערק. פריער צו שפּעטער, קיינער וועט פון זייערע רוצחישע הענט ניט ארויס גאנץ. אויב די געטאָס ווערן אומעטום ליקווידירט, שטעט און שטעטלעך ווערן דערקלערט פאר „יודנריין“, איז פאראן נאָר איין מעגלעכקייט צו פּראָלאָנגירן זיך דאָס לעבן אויף א געוויסער צייט, — דאָס איז: א געשלאָסענער לאגער. אזוי איז געווען די לעצטע רעקאָמענדאציע פון די „דייטשע גוטע פריינד“ פאר זייערע איבערגעגעבענע מיטארבעטערס. די יודענראט-עסקנים האָבן גענומען דאן מאכן די גרעסטע באמיאונגען צו שאפן א לאגער אין סקאלאט. אין די לאגערן, וואָס האָבן שוין פון פריער עקסיסטירט ארום סקאלאט, ווי באָרקי-וויעלקע, ראמאנאָווקע, קאמיאָנקע און סטופּקי זיינען דאָרט געווען די באדינגונגען נישט צום דערטראָגן. שווערסטע ארבעט, פארניכטונג און טויט איז געווען דאָס טאָג-טעגלעכע ברויט אין יענע אויסראָט-פּלעצער. די מענטשן פון יודענראט האָבן געארבעט אויף אלע פראָנטן, כדי צו שאפן אן איינענעם לאגער אין שטעטל, ווו די באדינגונגען זאָלן זיין דערטרעגלעכע, און זיי אליין, די עסקנים, זאָלן זיך אויך קענען אהין ראטעווען, ווען עס וועט קומען די ליקווידאציע פון געטאָ. די אונטערנעקויפטע פירמע „אָטטאָ הייל“ האָט אינטערווענירט אין דעם ענין. אָבערשטורמפירער רעבעל, וואָס איז געווען דער גאנצער באלעבאָס איבער אלע לאגערן פון ארום סקאלאט, האָט אויף דעם (פארשטייט זיך, פאר א מטמון געלט) געגעבן זיין הסכמה. און אין א גוטער שעה האָט זיך אין סקאלאט אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן א לאגער אלס צווייג-אָפּטיילונג פונעם קאמיאנקער לאגער און אונטער דעם אויבנ-

דערמאָנטן רעבעלס אָנפיר. דער יודענראט וואָס האָט נאָך דאן אפיציעל עקסיס־טירט האָט אויסגענוצט זיין גאנצע מאכט און השפעה, כדי דעם אָנגענומענעם פלאן ווי צום גיכסטן אויסצופירן. עס זיינען צונויפגערופן געוואָרן עפנטלעכע פאר־זאמלונגען, וווּ יודענראט־מיטגלידער זיינען ארויסגעטרעטן מיט דרשות וועגן דער „לעבנס־וויכטיקייט" פון דער אונטערנעמונג וואָס באדארף ראטעווען וואָס מער יידישע לעבנס פון דעם אלגעמיינעם דייטשן טויט־אורטייל. די יידישע באפעלקערונג האָט סקעפטיש געקוקט אויף דער גאנצער זאך און געזען אין דעם נאָר אן אָנזאָג פון נייע גזרות און נייע צרות.

א גאָר קליינער טייל יידן האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק צום ניי געגרינדעטן לאגער אין סקאלאט. האָט זיך דער יודענראט גענומען צו זיינע אלטע מעטאָדן פון צוואנג. דער יידישער „אָרדענונגס־דינסט" האָט באקומען דעם באפעל צו כאפן מיט גוואלד די מענטשן וואָס זיינען פון יודענראט באשטימט געוואָרן פארן לאגער. דעם ערשטן טאָג איז זיי געלונגען צונויפכאפן ביי 70 יינגערע מענער. אין די ווייטערדיקע טעג האָבן שוין די יידישע פּאָליציאנטן געכאפט אויך עלטערע מענטשן. מען פלעגט זיך אויסבאהאלטן אין די פארשיידנסטע ערטער. פיל יידן, וואָס האָבן ניט געוואָלט ארייַנפאלן אין סקאלאטער לאגער, האָבן געזוכט באשעפ־טיקונגען אין די ארומיקע דערפער. אויך אהין האָט דער יודענראט געשיקט כאפן זיינע קרבנות. די קרובים און גוטע פריינד פון די עסקנים פונעם יודענראט זיינען געווען אָפגעהיט פון דעם לאגער. זיי האָבן בלויז פיקטיוו פיגורירט אין די לאגער־רשימות; קיינער האָט זיי אָבער ניט געטשעפּעט, און זיי האָבן זיך געקענט רואיק לעבן אין זייערע וווינונגען. די מענטשן, וואָס האָבן נאָך געהאט געגוג געלט, האָבן זיך אויס־געקויפט, און אויף זייער אָרט האָט מען געכאפט די אָרעמע און שוצלאָזע יידן.

יידישע יונגעלייט פלעגן אנטלויפן און באהאלטן זיך פון די אויסגעשפרייטע נעצן פון די כאפערס. ניט תמיד פלעגט זיך דאָס איינגעבן. די עסקנים האָבן גע־פירט דעם חשבון און געוווסט פון יעדן איינעם וואָס האָט זיך ניט געוואָלט זיי אונ־טערוואַרפן.

דער געוועזענער לאגער־העפטלינג ניסן קליין פון טיקולינצע גיט איבער די גבית־עדות:

„איך בין אליין בייגעווען ווען פּרעזעס נירלער האָט אין איינעם א טאָג גע־זאָגט צו זיינעם א פּאָליציי־מענטש: „אייזנשטארק און פיינשטיין מוזן צוגעשטעלט

ווערן, קיין חילוק ניט צי טויט צי לעבעדיק, אויב ניט, זאָלסטו ברענגען זייערע מישפחות". דער פאָליציאַנט ברענגט צו שלעפן די מוטער און שוועסטער פון איינ-שטאַרקן. די צוויי פרויען זיינען בלייך און דערשראָקן. פרעזעס נירלער שטייט מיט דער רייט-בייטש אין דער האַנט, וואַרפט אַ שאַרפן בליק צו זיי און פרעגט די מוטער מיט אַ שטילן אָבער באַפוילערישן טאָן: „ווו האָסטו אַהינגעטאָן דיין זון?“ —„איך ווייס ניט“, ענטפערט די אַלטע מיט אַ ציטערנדיקן קול, „פון וואַנעט זאָל איך וויסן?“. „דו גיסט אַרויס דיין באַהאַלטענעם זון, צי ניין?“ זי שווייגט. נירלער דערנענטערט זיך צו איר, דערלאַנגט איר אַ פייערדיקן פאַטש אין פנים אַריין. די אַלטע פרוי גיט אַ געשריי און אירע אויגן פאַרלויפן זיך רויט מיט טרערן. נירלער פרעגט מיט אַ מער ענערגישן טאָן: „דו גיסט אַרויס דיין זון, צי ניין?“ די מוטער פאַרשטיקט אין זיך די טרערן און קען קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען. דער אַכזר דערלאַנגט איר אַ שטויס, אַז די אַלטע פאַלט אַ פאַרחלשטע צו דער ערד. דאָ הייבט ער שוין אָן צו שרייען מיט רציחה: „דו גיסט אַרויס דיין זון?!“ ער בריקעט מיט די פיס אַזוי לאַנג דעם קרבן, ביז זי וועקט זיך אויף פונעם חלשות, שטעלט זיך אויף און הייבט אָן יאָמערלעך צו וויינען: „ווו זאָל איך אים נעמען? וואָלט איך כאָטש געוווסט ווו ער איז. . .“ דער צעיושעטער נירלער וואַרפט זיך באַלד אויף איר מיט הענט און פיס, שלאָגט מיט דער בייטש מיט סאַדיסטישער רציחה, ביז די אומגליקלעכע פאַלט צום צווייטן מאָל אויף דער ערד. דאָ האָט די אַלטיטשקע צונויפגענומען אַלע אירע כוחות, זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן שרייען: "דו אוממענטש, מערדער און אויסוואָרף, דו ביסט נאָך ערגער פון די דייטשן, דו זויגסט דאָס בלוט פון אונדז, וואַרט, עס וועט נאָך פון דיר פאַלן דאָס פלייש לעבע-דיקערהייט!. .“ דאָ האָט שוין די רציחה פון נירלערן דערגרייכט דעם קולמינאַציע-פונקט. זי האָט אים אָנגערירט דעם האָנאָר. ער איז אויף איר אַרויפגעפאַלן ווי אַ ווילדע חיה און זי אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זי איז געבליבן ליגן באַוווסטלאָז אויף דער ערד.

זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן בייגעוווינט די געשיכטע, האָבן געציטערט פאַר כעס, דאָס בלוט האָט אין זיי געקאָכט. קיינער האָט אָבער ניט געוואַגט אַרויסצו-זאָגן אַ וואָרט, מורא האָבנדיק פאַר דעם מערדער, דער האַר איבער לעבן און טויט.

מיטן אויסלאָדן פון זיך דעם צאָרן האָט זיך פרעזעס נירלער אַביסל באַ-רואיקט. מיט אַ באַהערשטער שטים, מעשה העלד, גיט ער אַ רוף: „פרידלענדער,

קום אריין, זאָלסט תיכּף דער אלטער אָפּשערן די האָר פונעם קאָפּ, דערנאָך זי לאָזן ארייַנזעצן". דער מיליציאַנט, צוגלייך שערער, איז באלד ארייַנגעקומען און אנידערגעזעצט די פאַרהלשטע יידענע אויף א שטול און אויסגעפירט די עקזעקוציע איבער אירע האָר. די זעלבע פּראָצעדור האָט דורכגעמאכט די שוועסטער פונעם געזוכטן אייזנשטארק, דערנאָך האָט מען ארויסגעפירט ביידע פרויען און זיי איינגעזעצט אין קעלער אריין, וואָס האָט געדינט פאר דער לאגער=תפיסה. דריי טעג האָט מען די פרויען געמוטשעט. היות אָבער זיי האָבן אין דער אמתן ניט געוווּסט, ווו זייער זון און ברודער געפינט זיך, האָט מען זיי ארויסגעלאָזט אויף דער פריי צעשלאָגענע און מיט צוויי נאקעטע אנטבלויזטע קעפּ.—

דער לאגער אין סקאַלאַט איז געעפנט געוואָרן דעם 1942 .11 .11. אין א חודש צייט האָט שוין דער לאגער אריבערגעשטיגן די צאָל פון 300 מענטשן, פון דעם אן ערך 50 פרויען, וואָס האָבן זיך מייַנסטנס רעקרוטירט פון צוגעפאָרענע, נים=סקאַלאַטער, עלנטע און אָפּגעריסענע גלידער פון געוועזענע מישפּחות. דער לאגער=בנין איז געווען די גוראַלניע, ווו עס האָבן זיך געפונען פיל מאגאַזינען און לאָקאַלן. די איינטיילונג פון דער ארבעט און דאָס איינפירן די טיפּישע לאגער=דיס= ציפּלין איז אָנגעגאַנגען מיטן פולסטן דאמף. עס זיינען אנטשטאַנען פאַרשיידענע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געארבעט דורכויס נאָר פאר די דייטשן. צום אָרגאַניזירן דעם לאגער האָט דער אָבערשטורמפירער געשיקט א געוויסן העניעק צוקערמאַן, דעם ביזאהעריקן קאָמענדאנט פון קאַמיאָנקער לאגער. ער, הייסט עס, האָט זיך שוין גערעכנט א ספּעץ אין לאגער=ענינים און האָט עס באדאַרפט אויך דעם לאגער סקאַלאַט איינשטעלן לויטן מוסטער פון קאַמיאָנקע. און דער טיכטיקער „יונגער= מאַן" מיט זיין ביז איצטיקער רייכער פּראקטיק האָט אין א קורצער צייט באמת באוויזן צו איינשטעלן א „מוסטערהאַפטן" לאגער מיט א ספּעציעלן רעגולאַמין, וואָס האָט זיך שוין באלד נעקאָנט פאַרגלייכן מיט די אנדערע לאגערן פון דער סביבה. אין ערשטער ריי האָט ער סאָרטירט און סעגרעגירט די לאגער=יידן אין אָפּטיילונגען און בריגאַדעס. די שטאַרקערע און געזונטערע האָט ער באשטימט פאר שווער=ארבעטער ביים נאָוואָסיאָלקער שטיינבראָך, וואָס איז עקספּלאָאַטירט געוואָרן פון דער דייטשער פירמע „אָטטאָ הייל". אנדערע האָט ער צוגעטיילט צו אנ=

דערע שווערע ארבעטן. די נאָר שוואכע האָט ער באשטימט פאר א באזונדער
גרופּע און האָט איר א נאָמען געגעבן: „די שיים־בריגאדע". די דערמאָנטע בריגאדע
איז באשטאנען פון די אזוי גערופענע „קאליבראקעס", אויסגעבראקירטע מענטשן,
עלטערע, קאליקעס, קראנקע און צעבראָכענע. זיי זיינען מיינסטנס געווען באשעפ־
טיקט ביי אינערלעכע לאגער־ארבעטן, ווי למשל טראָגן וואסער, האקן האָלץ,
פארקערן דעם פּלאץ, טראָגן דאָס מיסט, רייניקן די קלאָזעטן און שיילן קארטאָפל
אין קיך. די פרויען זיינען געווען באשעפטיקט ביי דער וועש און אין קיך. די ארבעט
גופא פון 12 שעה א טאָג איז נאָך ניט געווען אזוי שרעקלעך און אומדערטרעגלעך
ווי די „לאגער־דיסציפּלין" און באנעמונג מצד דער אָנפירערשאפט. שוין 4 א
זייגער פארטאָג פלעגט מען אויפוועקן אלע העפטלינגען צום טאָג־טעגלעכן אפּעל.
עס האָט געמעגט זיין א רעגן, א קעלט אָדער פראָסט, האָבן אלע בריגאדעס געמוזט
שטיין אויפן פּלאץ און וואַרטן ביז דער לאגער־עלטסטער, צוקערמאן, איז ארויסגע־
קומען אין דער פיזשאמע מיט דער „רייט־פּייטשע" אין דער האנט און אָפּגענומען
די ראַפּאָרטן פון די בריגאדעס־און גרופּען־פירערס. „אכטונג, אכטונג! .. מיטצען
אב!"... איז געווען דער טאָג־טעגלעכער פּיזמון, די קאָמאנדאָ אויף דעם אזוי גע־
רופענעם אפּעל־פּלאץ, אויף וועלכן עס פלעגן זיך יעדן טאָג אָפּשפּילן טרויעריקע סצע־
נעס פון גוואלד־אקטן און רציחות לגבי די לאגער־יידן. דאָ פלעגן פאלן די באפעלן, דאָ
פלעגט מען סאָרטירן די ארבעטער־קנעכט, און פון דאנען האָבן אָפּגעמארשירט די
פארשיידענע ארבעטס־קאָמאנדעס צו זייערע באשטימטע ארבעטספּלעצער. ניט
נעקוקט וואָס יידן אליין האָבן אָנגעפירט מיטן לאגער, איז דאָ אלץ פּאָרגעקומען
נענוי ווי אין אלע קאצעטן, אויסגעפירט מיט דער פּינקטלעכקייט און אכזריות־
דיקייט, ווי די ס"ס אליין וואָלטן דערביי געווען. א כאראקטעריסטישער פאל, וואָס
איז פּאָרגעקומען אויף איינעם פון די דורכגעפירטע אפּעלן, וועט קלאָר איבערגעבן
מיט וואָסער סאדיזם די אָנפירערס האָבן זיך באצויגן צו זייערע איינענע ברידער:
אין א געוויסן טאָג האָט דער לאגער־עלטסטער צוקערמאן אָפּגעקליבן קרעפּטיקערע
מענטשן צו די שווערע שטיינבראָך־ארבעטן. צווישן די אויסגעוויילטע האָט זיך
נעפונען שאול שוסטער (פרידמאן), א ייד פון קרוב 56 יאָר. האָט ער זיך געווענדט
מיט דער בקשה, אז צוליב זיין עלטער און שוואכקייט בעט ער מען זאָל אים
איבערלאָזן אין דער „שיים־בריגאדע". „טאקע בעזטשעלנאָשטש" (אזא הוצפה;
די אָפּיציעלע שפּראך אין לאגער איז געווען פּויליש) — האָט צוקערמאן געשריען

און אָנגעהויבן דעם יידן מערדערלעך צו שלאָגן, אז יענער איז אנידערגעפאלן א פארהלשטער צו דער ערד אין א קאלוזשע בלוט. נאָך די אריינגעכאפּטע קלעפּ האָט שוין שאול שוסטער אין דער אמתן מער ניט געקענט גיין צו די שווערע אר־בעטן און איז געבליבן אלס קריפּל שיילן קארטאָפל אין קיך.

צוקערמאן האָט זיך באלד צוגענומען פאר א געהילף, אלס פארטרעטער, דעם געוועזענעם מיטגליד פון גזשימאלאָווער יודענראט בומעק רוס (א ניט־געענ־דיקטער אדוואָקאט), וואָס האָט מיט זיינע מעשים אָנגעוואָרפן א פחד אויף אלע יידן. אונטער זיין ממשלה האָבן יידן געליטן די גרעסטע צרות און פארפאָלגונגען.

א חודש שפּעטער, נאָך דעם ווי צוקערמאן האָט מיט דערפאָלג „איינגע־שטעלט" דעם לאגער, איז ער לויטן באפעל פון דער צענטראלער קאמיאָנקער לאגער־לייטונג אָפּגעפאָרן אין דעם שכנותדיקן שטעטל פּאָדוואָלאָטשיסק, כדי אויך דאָרט צו אָרגאניזירן אן ארבעטס־לאגער. די לייטונג פונעם סקאלאטער לאגער האָט איבערגענומען רוס. יעדע עטלעכע טעג פלעגן אָבערשטורמפירער רעבעל אָדער זיין פארטרעטער, שארפירער מעלער, קומען אהער נאָכזען, צי די ארבעט גייט אין אָרדענונג. זיי פלעגן דורכפירן געניויע לוסטראציעס און קאָנטראָלעס איבער די העפּט־לינגען, וואָס האָבן בשעת מעשה דורכגעלעבט טויטשרעק און פלעגן דערביי טאקע —סתם אזוי—אויך ארייננבאקומען די ריכטיקע קלעפּ. די הערן פלעגן שרייען, זידלען און שילטן מיט מילדע קללות, דערביי פלעגן זיי ארויסגעבן יעדעס מאָל נייע פאר־אָרדענונגען, און די יידישע קאָמענדאנטן האָבן הכנהדיק און געהאָרכזאם אָפּגעענט־פערט מיט דעם באנאלן: „בעפעל, הערר אָבערשטורמפירער"!—ביי אזעלכע באזוכן פלעגט שוין זיין אנגעגרייט א רייכע סעודה מיט די שענסטע לעקער־ביסנס און גע־טראנקען. אייער־קאניאק און וויין פלעגן זיך גיסן ווי וואסער. ביי אזעלכע שימחות פלעגט כמעט קיינמאָל ניט פעלן די סקאלאטער שופּאָ־פּאָליציי. מאנכמאָל פלעגט מען זיך משמח זיין ביז שפּעט אין אָוונט אריין. דערנאָך פלעגט זיך דאָס ענדיקן מיט א פרויען אונטערהאלט, וואָס די לאגער־פארוואלטונג האָט געמוזט זאָרגן דער־פאר. שווער באלאָדן מיט רייכע מתנות און פריידיקע עמאָציעס פלעגן די דייטשן אוועקפאָרן מיט די בעסטע מיינונגען וועגן זייערע געטרייע דינערס.

אזעלכע באזוכן און אונטערהאלטן פלעגן זיך איבערחזרן יעדע פּאָר טעג.

דערווייל האָט דער ווינטער נאָך שווערער געמאכט דאָס לעבן אין לאגער. מען האָט געזען צו אָנהאלטן און ענגן קאָנטאקט מיטן געטאָ, פון וועלכן עס האָבן זיך אלץ געצויגן אהער די לעצטע פעדעם פון אויפגעריסענע מישפחות. ביים דורכגיין צו דער ארבעט האָט נאָך א קרוב אָדער א פריינד פון געטאָ, דערלאנגט א פעקל שפייז אָדער א מלבוש. שפעטער איז געוואָרן ערגער, פיל ערגער.

לאגער־מענטשן.

דאָס לאַגער־לעבן אין סקלאַט איז זיך געגאַנגען מיט זיין אָנגעצייכנטן וועג, וואָס פירט צו פארניכטונג און טויט. ווי אין אלע קאצעטן, פלעגן דאָ די מענטשן דורך עטלעכע וואָכן ווערן ניט צום דערקענען: גייסטיק און פיזיש צעבראָכן, אָן א ווילן און אָן א לעבנסציל. איינזאפנדיק אין זיך די פארפוילטע לאגער־אטמאָספער איז דער מענטש כסדר געפאלן; ער איז געוואָרן ווילד און חיהש, דעגענערירט און זעליש צוריקגעשטאַנען. נאָך די שווערע איבערלעבונגען, נאָך די אקציעס און שחיטות, נאָך דעם געטא און נאָך דער אייביקער מורא פארן טויט, טראָגנדיק איצט די שענדלעכע לאגער־קליידונג, מיטן נומער און געלער לאטע, באקומענדיק די קאלאָריעס־און וויטאמינלאָזע־פארפלעגונג, — איז לייכט צום דערקענען די אינדיווידועלע און אלגעמיינע צוריקגעשטאַנענקייט פונעם לאגער־מענטשן. א גוטער ביסן איז געווען דער טרוים פון א לאגער־יידן, און דאָס ניט באקומען געשלאָגן, איז געווען א נס אליין. ניט אלע לאגער־מענטשן האָבן פארמאָגט דעם גענוג שטארקן כאראקטער, כדי זיך צו קענען אָפּווערן פון דעם אלגעמיינעם פסיכאָז פון דער קראנקער און פארדאָרבענער סביבה. דער יחיד אין לאגער האָט דורכגעמאכט א שווערן אינערלעכן קאָמפּלעקס, ווו עס האָבן תמיד זיך געראנגלט צוויי ווידער־כוחות. די מורא און די האָפענונג, די אפּאטיע און דער ווילן, די מאכטלאָזיקייט און דער פארבאָרגענער נקמה־געפיל, דער טיפער פעסימיזם און דער שטארקער דראנג צו פרייהייט,—אָט די אלע קאָנטראסטן האָבן דערשיטערט די גייסטיקע גלייכגעוויכטביים מענטשן. האָט דען ביי אזא לאנגע דער לאגער־מענטש געקענט נאָרמאל דענקן? אייבערפלעכלעכקייט אין אלע לעבנס־פראגן, גלייכגילטיקייט צו דער ארומיקער וועלט, זעלבסט־פארגעסנקייט אינעם אלגעמיינעם גורל זיינען געווען די רעזולטאטן פון אָט דעם געדאנקלעכן געראנגל. דער בליק אין דער צוקונפט און די זאָרג פאר איר האָט בלויז דערגרייכט די גרענעץ פונעם מאָרגנדיקן טאָג. אויף ווייטער א שפּאן איז מען גאנץ פשוט ניט געווען ביכולת ארייַנצוקלערן. דער בלויזער געדאנק

פון „וואָס וועט נאָך מאָרגן זיין" האָט געשראָקן, און מען האָט, — ווי מען זאָגט, — מורא געהאט אריינצוטאָן די האנט אין קעשענע. מיט אלע כוחות האָט מען פון זיך געטריבן דעם בייזן געשפענץ. ווי שווער און האָפענונגסלאָז איז געווען אזא הינטיש לעבן!

דערביי איז זייער באמערקנסווערט א געוויסע דערשיינונג צווישן די יידן אונטערן דייטשן רעזשים בכלל און אין די לאגערן בפרט. דער פיזישער צושטאנד, נים געקוקט אויף די אלע מאָראלישע און קערפערלעכע ליידן, איז געווען א גענוג באפרידיקטער! פארקערט, קראנקע מענטשן זיינען געוואָרן מיט אמאָל געזונט. וועלכער געהיימער וווּנדער-כוח האָט עס אריינגעבלאָזן דעם רוח-החיים אין די אויסגעטריקנטע הויט און ביינער? וואָלט עס דען מעגלעך געווען ביי א נאָרמאל לעבן, אז דער גוף און די נשמה זאָלן דורכהאלטן אזעלכע פיזישע און מאָראלישע ניסיונות, טויזנט מאָל שרעקלעכערע פון איובס ליידן, — און זיך נים אין גאנצן איינברעכן? קראנקע אויף טיפוס האָבן געקענט אין גרעסטן פיבער ארבעטן און אויך דורכהאלטן. שלעכט באקליידט און באשוכט, האָבן יידן דורכ-געהאלטן נאסקייט, קעלטן און פרעסט. פאר אָט דער רעטעניש און ביאָלאָגישער אומקאָנסעקווענץ וועט נאָך אמאָל די וויסנשאפט דארפן זאָגן איר וואָרט. יעדנ-פאלס לאָזט זיך דערווייל דאָ נאָר פעסטשטעלן, אז דער געשלאָגענער און קראנקער גייסט שטארקט דעם גוף; אין דער זעלבער צייט שטארקט אָבער דער גוף נים דעם גייסט.

די העפטלינגען, און בפרט נאָך יידן, זיינען אין לאגער נים באטראכט געוואָרן פאר מענטשן. די לאגער-באפעלקערונג האָט זיך גערעכנט פאר א מין פארשפארטע באנדע פון שקלאפן-פארברעכערס, וואָס זיינען פארמישפט צום טויט, און נאָר פארן פרייז פון געשענקטע עטלעכע וואָכן אָדער חדשים לעבן מוזן זיי אוועקגעבן פון זיך דעם דם-התמצית, דעם מאקסימום פון זייער פיזישער פאָ-טענץ, כדי דערנאָך מקבל צו זיין דעם ליידן-באפרייענדיקן טויט. דער לאגער-מענטש איז באטראכט געוואָרן פאר א באשעפעניש אָן א געפיל, אָן א ווילן און אָן א פארשטאנד. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אים געמעגט שלאָגן, דערנידעריקן. ער האָט אפילו נים געטאָרט רעאגירן. מיט איבערמענטשלעכער גבורה האָט ער געמוזט אריבערטראָגן די שווערסטע מאָראלישע און פיזישע ליידן. צום אייגענעם פערזענלעכן אומגליק האָט דער לאגער-מענטש זיך באצווינגן קאלט; ער איז אין

זיינע ליידן אָפּגעהארטעוועט געוואָרן און באקומען א פארשטיינערט הארץ. ער האָט צוגעזען די בלוטיקסטע און שוידערלעכסטע סצענעס, און געקענט דערביי זיך רואיק קייען ברויט. ער איז געוויר געוואָרן וועגן אומקום פון זיינע נאָענטסטע און פריינט, און גלייכגילטיק זיך געטראכט: „אויך מיך דערווארט דער זעלבער סוף; איינער פריער איינער שפּעטער". זיינע טרערן זיינען שוין פון לאנג אויס־געטריקנט געוואָרן. די טיפע ליידן האָבן ניט אויסגעלייטערט און איידעלער געמאכט די נשמה. די אונטערדריקונג און נויט ביים לאגער־מענטשן האָט ניט ארויסגעכישופט קיין אידעאישן דראנג צו באפרייאונג און קאמף. זעלטן ווען עס איז אויפגעקומען א וועלכער אָפּוועך־געדאנק, וואָס זאָל פירן צו א ווירדיקער פארטיידיקונג פון דעם מענטשלעכן כבוד, וואָס איז אין לאגער אזוי געטראָטן געוואָרן מיט די פיס. אמת, מען קען פארצייכענען עטלעכע פאלן פון שטארקערע יחידים, וואָס האָבן דאָ און דאָרט רעאגירט אויף פארשיידענע אופנים. דאָס איז אָבער געווען א טראָפּן אין דעם גרויסן ים פון דער אומענדלעכער יידישער טראגעדיע.

און דאָך איז אפילו אין לאגער די באפעלקערונג באשטאנען פון צוויי קא־טעגאָריעס: אונטערדריקערס און אונטערדריקטע. צו דער ערשטער קאטעגאָריע האָבן געהערט: די לאגער־עלטסטע, בריגאדירן און אנדערע אונטערטרייבערס. אין פיל אנדערע לאגערן איז די אָנגעהעריקייט צו אָט דעם „אייבערשטן שיכט" געווען א פּריווילעגיע פון אריער, פון די ס"ס אָדער אויך פון די ארישע העפטלינ־גען. אין סקאלאטער לאגער זיינען געווען אין דער הינזיכט ספּעציפישע באדינגונ־גען. די גאנצע אָנפירערשאפט איז דאָ באשטאנען פון אייגענע. די ס"ס, ווי שוין דערציילט, פלעגן אהער קומען נאָר יעדע פּאָר טעג צו גאסטראָלירן. דאָס איז שוין אָבער גענוג געווען צו פילן דעם טעם ביז זייער קומענדיקן באזוך.

די אָנפירערס פון סקאלאטער לאגער האָבן זיך געמאכט טרויעריק בארימט מיט זייערע אכזריותן איבער די אייגענע ברידער. אָט די מענטשן זיינען מייסטנס געקומען פון די אדורכגעפוילטע יודענראטן, וואָס זיינען דורך דער דייטשער מא־שין פארוואנדלט געוואָרן אין אנשטאלטן פון דעמאָראליזאציע און פארראט. ערשט דאָ, אין די ראמען פון א געשלאָסענעם ארבעטס־לאגער, האָבן זיי באקומען א פרוכטבאר פעלד פאר די געמיינסטע און ווילדע מעשים און געוואָרן א ריכטיקער געצייג אין די הענט פון די דייטשן, צו אדורכפירן זייערע פּלענער און כוונות. רויב, גזילה און זנות איז געווען דער טאָג־טעגלעכער אינהאלט פון זייער לעבן. שטענדיק

שיכור. אויסגעמוטשעט פון כסדרדיקע הוליאנקעס, שטענדיק דענערווירט, צעווישעט, רציחותדיק; שטענדיק מיט דער צעפּאָכעטער בייטש אין דער האנט, וואָס איז געלאָפן איבער רוקנס און קעפּ; שטענדיק געשריגן, געזידלט און געשאָלטן. מיט זיין אנטועכץ האָט דער לאנגער=יחסן אויסגעזען ווי אן אונטערוועלט=פּראנט, ווי אן אלפאָנס, מיט עלעגאַנטע רייט=הויזן פון גרוי=גרינעם קאָליר, א פּאָר עלעגאנטע, גלאנציק שווארצע און שטענדיק נייע שטיוועלעך, א ברוין געפּאסטע לעדער=קורטקע. מיט א האלב אויפגעשטעלטן קאָלנער, מעשה ווילער יונג, באשמעקט תמיד מיט א שארפן ריח פון אָדעקאָלאָן און א פיין ציגארעטל אין מויל. די לאנגער=מענטשן פלעגן ציטערן אימת=מוות פאר אזא מין שישקע. נאָך די ארבעט=שעהן איז ביי זיי אָנגעגאנגען א גאנץ אנדער לעבן. זיי האָבן געגעסן און געטרונקען פונעם שענסטן און בעסטן. ביז האלבער נאכט, און מאנכמאָל ביז אין דער פרי, פלעגן זיי זיך אמוזירן ביי קאָרטנשפּיל און טייערע געטראנקען. געלט איז ביי זיי געווען ממש נאָרנישט. מיט באנקנאָטן פלעגט מען זיך פאררויכערן פּאפּיראָסן, און די סכומים ביים האזארד האָבן דערגרייכט די גרעסטע ציפערן. סעקסועלע פארגעניגנס האָבן זיי געשעפּט פון די מיידלעך און פרויען אין לאגער, וואָס האָבן אונטער טעראָר געמוזט גיין אויפן בלויזן ווונק פון אזא הערשער. אלע אָנפירערס האָבן געוווינט אין לאגער=בנין, און אונטער דעם זעלבן דאך פלעגן זיך אָפּשפּילן די אָרגיעס און הוליאנקעס. די הערשערס און אונטערדריקערס פונעם לאגער האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א באזונדערן טיפּ מענטש, וועלכער איז אויך ניט געווען פעאיק צו דענקען נאָרמאל. אליין איז עס געווען א פּחדן, נאָר דער איינציקער ציל פון אָט די טיפּן איז דאָ געווען — פאר יעדן פּרייז בלייבן לעבן. און אויב אלץ איז שוין פארלאָרן, טאָ דארף מען לכל הפּחות נאשן פונעם לעבן, אלץ וואָס עס לאָזט זיך נאָר; אליין אין די הענט פון דעם טייוול, מוז מען זיך אויך טייוולאָניש אויסלעבן. איבער די מתים, איבער די אָפּגרונטן פון זינד און פארברעכן, איבער שמוץ און זעלבסט=פאראכטונג האָבן זיי געהאָפּט צו ארויספּרעסן דאָס ביסל לעבן, און מעג עס אפילו זיין פארן פּרייז פון טויזנטער אנדערע לעבנס. „א פּאָר יידן האָבן ביי היטלערן דאָס רעכט צו בלייבן לעבן — און איך צווישן זיי!“ אזוי פלעגט קאָמענדאנט רום זאָגן. און ער האָט טאקע איבערגעלעבט.

נאָך דער אקציע פון די „ווינענדיקע קברים“ איז זיך דער גאנצער יודענראט פון געטאָ צעפאלן. די הויפּט=אָנפירערס פון יודענראט, ווי גירלער,

צימער, לעמפּערט און לאָזער שיינבערג, האָבן באוויזן צו אָפּראַטעווען זיך מיט זייערע מישפּחות. די אַלע זיינען איצט אַריבער אין לאַגער, און פון דאנעט דיריגירט מיט די לעצטע רעשטלעך פון די פארשטויסענע און האָפענונגסלאָזע יידן, וואָס האָבן זיך נאָך געוואַלגערט צווישן די חורבות פונעם געטאָ. אָט די הייפלעך יידן האָבן געוווּסט גאַנץ קלאָר, אַז זייער נאָענטער סוף איז שוין אומפארמיידלעך. נאָר אין לאַגער האָט די סכנה פארן לעבן אויסגעוויזן צו זיין קלענער. יעדער האָט זיך געריסן אהער, געוואָלט זיך אריינבאקומען אין לאַגער. פאַר דעם זכות האָט מען אבער געמוזט טייער באצאָלן. די לאַגער-פארוואלטונג האָט געהאט דעם אויסרייד, אַז דאָס געלט איז באשטימט אויף שוחד פאר געשטאַפּאָ. אין דער אמתן איז דער גרעסטער טייל פון דעם געלט נעגאַנגען אין די טיפע קעשענעס פון די עסקנים, און דאָס צעלאָזן לעבן פון די לאַגער-יחסנים האָט איצט אויפגעברויזט נאָך מיט מער פארנעם. די יידן, וואָס האָבן ניט פארמאָגט קיין געלט, זיינען אין לאַגער ניט אויפגענומען געוואָרן. דאָס איז ווי אַן איראָניע: פריער האָט מען גענומען געלט פארן ניט נעמען אין לאַגער, איצט צאָלט מען צו — פארן יאָ נעמען.

די לאַגער-באפעלקערונג האָט זיך איצט פארגרעסערט מיט א פּאָר צענדליק מענטשן, אין דעם אויך פרויען און קינדער. דער מיסחר מיט פלעצער אין דער „לעבנס-פארזיכערונגס-געזעלשאפט“ פון דער פירמע „סקאלאטער לאַגער“, איז אזוי אָנגעגאַנגען ביז דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פונעם געטאָ. פרעזעס נירלער, פארלירנדיק זיין מלוכה אינעם יודענראַט, איז איצט געוואָרן „שני למלך“ צום לאַגער-עלטסטן רוס. איצט פלעגט שוין נירלער יעדע 5 א זייגער פארטאָג אויף די אפּעלן אָפּנעמען די ראפּאָרטן ביי די העפטלינגען; גלייך ווי זיין „פאָרגעזעצטער“ איז ער אויך געווען אָנגעטאָן אין א פּיזשאַמע, ווי אויך מיט א רייט-בייטש אין דער האַנט. שוין אין א קורצער צייט האָט ער באוויזן צו דערוועקן ארום זיך אזא מורא און „רעספּעקט“, אַז ווען ער פלעגט אריינקומען אין לאָקאל, האָט זיך יעדער פאר אים געמוזט אויפשטעלן און אראָפּציען דאָס היטל. טאָמער האָט עפּעס א ניי אָנגעקומענער ניט געוווּסט פון דעם מינהג, האָט ער אריינגעכאפּט מכות-רצח, דערצו נאָך א פּאָר טעג קארצער. אויך די אנדערע געוועזענע אָנפירערס פון געטאָ, ווי צימער, לעמפּערט, שיינבערג, ד״ר בריף א״א, האָבן זיך דאָ טרויעריק באַרימט געמאכט מיט זייערע שיפלות און רישעות. זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט די ארבעטס-רעסאָרטן, און, לויטן מוסטער פון די דייטשן, געפירט דאָ די נרענדע.

רחמנות און יושר אפילו לגבי געוועזענע פריינד און באקאנטע האָט ביי זיי איבערהויפט ניט עקסיסטירט. די יידישע געטאָ=פּאָליציי, וואָס איז איצט טיילווייז איבערגעגאנגען אין דינסט פון דער לאגער=פארוואלטונג, האָט זיך אויך בלוטיק פארשריבן אין דער ליידנס=געשיכטע פון סקאלאטער לאגער. אלס געצייג אין די הענט פון די דייטשן און זייערע משרתים האָבן זיי ביי אלע געלעגנהייטן ארויסגעוויזן מאסן געמיינקייטן. דער יידישער אָרדענונגס=דינסט האָט זיך אלץ רעקרוטירט פון פּראָטעקציע=קינדער, וואָס האָבן באצאָלט הויכע טאקסעס, ווייל אלס פּאָליציאנטן האָט זיך די סכנה פארן לעבן גערעכנט א קלענערע. מיט זייערע שלעכטע מעשים האָבן אָט די מענטשן אין א גרויסער מאָס דערגאנצט דעם מערדערישן פארניכטונגס=ווערק, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט קעגן יידישן פאָלק. און ניט נאָר יידן, אויך אנדערע, אפילו נאָרמאל לעבנדיקע פעלקער, זיינען מיטגעריסן געוואָרן אינעם אלגעמיינעם ווילדן שדים=טאנץ, וואָס דער דייטשער ראפינירטער אפּאראט האָט דאָ אויפגעשטעלט, — דאָס מיטהעלפן פון מענטשן צו פירן זייערע אייגענע צום טויט. אלע מענטשלעכע געפילן האָבן ווי קאפּיטולירט לטובת עפּעס אן אומפארשטענדלעכן פאטום.

דער יידישער פּאָליציאנט אין לאגער האָט אויסגעפירט הונט=געטריי די באפעלן און פאָדערונגען פון זיינע פאָרגעזעצטע. דערביי האָט ער שוין געהאט די טויזנט מעגלעכקייטן, ווי אליין אויך צו אויסלאָדן זיינע ווילדע אינסטינקטן. מיינסטנס איז דאָס געשען אונטערן שטארקן דרוק פון פחד. אינעם לאגער=לעבן זיינען אויך געקומען צום פאָרשיין די פארשיידנסטע פאסירונגען. — דער פּאָליציאנט שיקעלע גנב, וואָס איז שוין פון לאנג געווען באקאנט ווי א פארדאָרבענער טיפּ, האָט ביים אויספירן זיינע באקומענע באפעלן ארויסגעוויזן מער מענטשלעכקייט און פארשטענדעניש ביי שווערע סיטואציעס, ווען עס האָט זיך געהאנדלט אין לעבנס=פראגן, — איידער די באָרופענע אינטעליגענטן מיט דיפּלאָמען. שיקעלע גנב האָט געפילט א באדארף צו טיילן פאר אָרעמע נדבות. דאָס געוויסן פון א גנב האָט זיך ניט איינמאָל ביי אים א וואקל געטאָן, ביים אויספירן אן אומרעכט לגבי אנדערע. ער האָט געקענט ארויסלאָזן ביינאכט דורך א הינטער=טיר צענדליקער אומגליקלעכע מענטשן, ראטעווענדיק זיי פונעם זיכערן טויט, בשעת אנדערע פון דער „אינטעליגענץ" האָבן פאר געלט אויסגעביטן אָרעמע אויף רייכע. די מאָראל

פון א רוס, דעם לאנגער־עלטסטן, אָדער א מנ״ר לעמפערט א״א האָט געשמעקט אין א פיל מער טיפערן זומפּ.

צווישן די פּשוטע לאגער־יידן האָט גראָד געהערשט א גאנץ אנדער גייסט. דער אלגעמיינער אומגליק האָט צעמענטירט א געוויסן סאָלידאריטעט־געפיל. ווי די קליינע קינדער האָט מען זיך איינער צום אנדערן געטוליעט. אין די פרייע שעהן פון דער ארבעט פלעגט מען זיך דערציילן מעשהלעך, מען האָט זיך געטרייסט מיט די פארשיידענע „גוטע ידיעות״ און שיינע צוקונפטס־בילדער, „אז מען וועט איבער־לעבן״. ווי מעטעאָרן פלעגן אויפלויכטן פונקען פון נים־רעאלע האָפענונגען און געשטארקט דעם מוט און לעבנס־ווילן. עס האָט געהערשט א ביישפּיללאָזע ברי־דערלעכקייט. מאנכמאָל פלעגט מען זיך טיילן מיטן שטיקל ברויט. יידן פלעגן צווישן זיך, און אויך מיט דער אויסנוועלט, פירן מיסחרים, מיינסטנס טויש־גע־שעפטן. מען האָט דאָך געמוזט האנדלען, וואָס פארדינען, עס זאָל זיין לייכטער צו אדורכלעבן.

מען פלעגט האסן די אונטערדריקערס און אין איינעם פלעגט מען מאכן פּלענער, וואָסערע מעטאָדן אָנצונעמען צו די אלץ נייע גזרות. אונטער די פּלייצעס פון דער לאגער־פּארוואלטונג האָט זיך אויך געפירט א ברייט פארצווייגטער מיסחר, ספּעציעל מיט ברויט, כּדי פון די אָפּגעשפּאָרטע פארדינסטן צו העלפן די לאגער־יידן אין קאמיאָנקע מיט ברויט. בראש פון אָט דעם געהיימען קרייז איז געשטאנען ניסן קליין פון מיקולינצע, וועלכער האָט וואָך־וועכנטלעך איבערגעשיקט טראנס־פּאָרטן ברויט פאר די ברידער פונעם שכנותדיקן פארניכטונגס־לאגער קאמיאָנקע. דאָרט איז געווען נאָך ערגער.

מיט געזאַנג אויף די ליפּן

די ברינגאַדעס פלעגן יעדן טאָג גאַנץ פרי אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט אין אויסגעשטעלטע רייען, ווי סאָלדאַטן. ביים דורכגיין דורך דער שטאָט, און דער עיקר פאַרביי דעם בנין פון דער שופּאָ, פלעגן זיי מוזן זינגען ספּעציעלע מאַרש־לידער. די לידער זיינען מייגסטנס לויט זייער אינהאַלט געשטאַנען גאָר אויף א נידעריקן ניוואָ. די אונטערוועלט־מענטשן צווישן די העפטלינגען האָבן יעדעסמאָל פאַרפאַסט לידלעך צו באַקאַנטע מעלאָדיעס. צוליב דער צו פיל „נאַטוראַליסטישער בלומענשפּראַך" לוינט אויך ניט צו איבערגעבן זייער אינהאַלט. מיטן זינגען האָט עס געדאַרפט הייסן פאַר דער וועלט, אַז אין לאַגער גייט צו דאָס לעבן לוסטיק און פרייליך. ווען יידן האָבן געזונגען, האָבן די דייטשן דערפון זייער הנאה געהאַט; אָפּ־געחוזקט און זיך אַמוזירט. דאָס געהערט צו די סאַדיסטישע פאַרגעניגנס, ווען מען הייסט אַן אומגליקלעכן מענטשן אָנשטאָט צו וויינען גאָר זינגען. ווי באַקאַנט, האָבן אין אַלע גרויסע לאַגערן געשפּילט גאַנצע אָרקעסטערס, ווי אויך באַגלייט די אַרויס־מאַרשירנדיקע קאָלאָנעס צו דער אַרבעט. אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, טראַנס־פּאָרטירט דורך מעגאַפאָן־הילכערס, האָבן מענטשן־קינדער דאָרט אין פיל אויסראָט־לאַגערן אויך אויסגעהויכט זייערע נשמות. דאָס האָט הפּנים געהערט צו דער דייטשער מערדערישער פּראָגראַם. זיי האָבן באַוויזן, אַז אפילו די זאַכן מוזן קענען אויס־גענוצט ווערן אינעם דינסט פון פאַרניכטונג און ברוטאַליטעט. ווי אין אַנדערע לאַ־גערן, זיינען אויך אין סקאַלאַטער לאַגער געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס לאַגער־לעבן אין זיין גאַנצער טרויערקייט. זייער כאַראַקטערים־טיש איז דאָס ליד, וואָס שטאַמט פון קאַמיאָנקער לאַגער, פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר. דאָס ליד איז ביי אַלע געלעגנהייטן געזונגען געוואָרן דורך די העפטלינגען פונעם סקאַלאַטער לאַגער.

אין טויזנט נייַן הונדערט צוויי און פערציקסטן יאָר
איז ארויס א נייע ראָזקאזע: (בים)
אז יעדער פאָטער מוז פירן זיין קינד
ווי דער שוחט (צום טויט) דאָס רינד. (בים)

רעפריין:

וואָס קענען מיר טוען, וואָס קענען מיר מאכן?
מיר זיינען אין יעקישע הענט.
אוי, חברים, מיר זיינען אין לאגער,
פארפינצטערט איז אונדזער וועלט.

פרייטיק, אוי פרייטיק, אוי פרייטיק צו נאכטס —
א יעדער ייד איז זיך פארטראכט,
צי האָט ער געגעסן, צי האָט ער געטרונקען —
א פאטש מען טראָגט אים גאָר צו.

רעפריין: וואָס קענען מיר טוען...

שבת, אוי שבת, אוי שבת גאנץ פרי, —
נא זאניאטיא וויכאָדי!
איך וואָלט גערן אין שטאָט געגאנגען,
ווייל דער איזוואָר האָט קיין פריקאז ניט געמאכט.

רעפריין: וואָס קענען מיר טוען...

חבר, אוי חבר, אוי טייערינקער חבר,
איין מאמע האָט אונדז ביידע געהאַט.
דיך רופט מען ביים ריכטיקן נאָמען,
און מיך רופט מען: קאלי-בראק. —

רעפריין: וואָס קענען מיר טוען...

דאָס ליד דערציילט אין פּשוטע אָבער שטאַרקע ווערטער פון טאָג־טעג־לעכן לעבן אין לאַגער. די טראַגיק פון דעם לאַגער־מענטשן שפּיגלט זיך דאָ אָפּ אין א האַלב ערנסטער און האַלב איראָנישער אויסדרוק־פאָרעם. איין לאַגער־ייִד איז מקנא דעם צווייטן, וואָס דאַכט „איין מאַמע האָט זיי ביידן געהאַט", איז איינער פון זיי נאָך געזונט, ער קען נאָך אַרבעטן און ווערט באַטראַכט פאַר א שטיקל מענטש, דערפאַר רופט מען אים אויך ביים אמתן נאָמען, — און דער צווייטער איז שוין קראַנק און אויסגעמאַטערט, א שיברי כלי, וואָס רעכנט זיך אין לאַגער נאָר פאַר א קאַלי־בראַק. די באַלעבאַטים פון לאַגער גייט אויך ניט אָן, צי דער מענטש האָט געגעסן אָדער געטרונקען, — א פּאַטש האָבן זיי פאַר אים שטענדיק גרייט. דעם ייִדן ווילט זיך אויך גאַנץ אָפט גיין אין שטאָט, קומען אין באַרירונג מיט אַנדערע מענטשן, האָבן די געלעגנהייט אפשר אויך צו כאַפּן א שטיקל ברויט, — אָבער די אַרבעטס־קאָלאָנע, האָט נאָך ניט באַקומען דעם „פּריקאַז", דעם באַ־פעל, אַרויסצומאַרשירן געשלאָסן און באַוואַכט צום אַרבעטס־פּלאַץ...

אַזוי האָט געזונגען דער לאַגער־ייִד פון קאַמיאָנקע, אַזוי האָט ער אויך גע־זונגען אין סקאַלאַט. מיט געזאַנג אויף די ליפּן האָט ער מאַרשירט איבער די גאַסן.

און אין דער שטיל האָבן זיך הערצער געבראָכן...

א סדר-נאכט אין לאגער

עס איז געווען נאָך דער אקציע, וואָס איז פאָרגעקומען פאר פסח. אלע קליידער פון די קרבנות האָט מען געבראכט אין לאגער אריין. דאָ זיינען די קליידער געוואָרן סאָרטירט און געפאקט אין באלן, אויף צום אָפּטראנספּאָרטירן קיין דייטשלאנד, ביי אָט דער ארבעט האָבן די לאגער-יידן דורכגעמאכט שרעקלעכע מינוטן. ניט איינער האָט דאָ דערקענט דאָס קליידעלע פון זיין אייגן קינד, אָדער די מלבושים פונעם ברודער, טאטן און גוטן פריינד. אמת, די געפילן זיינען שוין פון לאנג געווען ווי אָפּגעטויט, דאָך האָט א פארבלוטיקט מלבוש דערשיטערנדיק געווירקט אויפן גאנצן וועזן פון א לאגער-ייד. דאָס האָט א שניידיקן אויפריר געטאָן זיין גאנצן פארגליווערטן נערוון-סיסטעם. ווער ווייסט, צי מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, וועט א צווייטער ייד זיך ניט מטפל זיין מיט מיינע פארבלוטיקטע קליידער?.. אין די פאלדן פון די בגדים זיינען אָפט געווען איינגענייט דאָלארן אָדער גאָלד. די מאגאזינערן האָבן געקוקט אויף די פינגער, און דעם פשוטן לאגער-מענטשן פלעגט אָנשפּרינגען א געדאנק: ווער וועט זיך דערמיט בארייכערן? צי ניט די פארזאָרגערס? צי וואָלט אויך אונדז ניט צו נוץ געקומען דאָס גאָלד — זיך צו ראטעווען?.. עס האָט א גלאנץ געטאָן אויף דער ערד א בריליאנט, אַן ארויסגעפאלענער פון א מלבוש; ער האָט א גלאנץ געטאָן און באלד זיך פארלאָשן אין פינצטערע געדאנקען וועגן דער אייגענער פארלוירנקייט. אין אזעלכע מאָמענטן פון חשבון הנפש האָט זיך דער לאגער-מענטש ניט איינמאָל געפונען. מען האָט שטענדיק ארום זיך געפילט דעם טויט, מען האָט אים אָבער ניט פארשטאנען...

א געוויסער טייל פון דער לאגער-באפעלקערונג פלעגט זוכן א טרייסט אין דער רעליגיעזער באהעפטונג מיט גאָט. גלויבן, ביטחון און תפילה קענען מאנכמאָל אויך גזרות מבטל זיין!—חסידישע יונגעלייט, ווי אשר געטער, מיכל קליין, ניסן מעסינג א"א, פלעגן בגנבה איינאָרדענען א תפילה בציבור. אָפּהאלטן יאָרצייטן

און זאָגן קדיש זיינען געווען די שענסטע דערגרייכונגען אין דעם אזוי טרויעריקן לעבן. די געוואגטע ביז רעוואָלוציאָנערע פּרומקייט האָט באַפליגלט די שוואַכמוטיקע און זיי געבראַכט צו מאָמענטן פון דערלייזונג, אויב ניט פאַרן גוף, איז כאָטש פאַר דער נשמה.

עס איז געווען די ערשטע פּסח־נאַכט. מען איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, מיד און צעבראָכן. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז ווייט איז דער יום־טוב פון באַפרייאונג און פרילינג. עס וועקט זיך די נאַטור צום לעבן, עס בלויט דער הימל, עס גרינט די ערד; עס שטאַרבן בכורים, קנעכט ווערן מענטשן. די ברוטאַלע הערשערס ווערן געפּלאָגט מיט אַלערליי מכות; עס טרינקען זיך פּרעהס... אין זיכרון וואַכט אויף די הײם פון אַמאָל. אַ ווייס געדעקטער טיש, אין די זילבערנע לייכטער פינקלען די ליכט; אַ פּסח־טיש, מיט די כוסות, און אויבן־אָן אַ הסבה־בעט פאַרן מלך... אַרום און אַרום שוועבט די פרייד, און קינדער, אַ ווייב, אַ פריינד... די אויגן נעמען גלאַנצן. —

— יידן, לאָמיר מאַכן אַ סדר, — גיט ווער אַ רוף — עס איז דאָך עפּעס היינט די ערשטע סדר־נאַכט!.. דאַרט הוליען די קאָמענדאַנטן און מושלים, מיר וועלן אכטונג געבן, אז זיי זאָלן אונדז ניט כאַפּן, — מיר מאַכן אַ סדר!..

מען צעשטעלט וואַכן ביי די טרעפּ און ביים טויער. מאָמער באַווייזט זיך ווער, וועט קומען אַן אָפּגערעדטער סיגנאַל, און אַלע וועלן גלייך זיך מאַכן שלאָפנדיק אויף זייערע נאַרעס.

עס דויערט ניט לאַנג, און פון אויער צו אויער לויפט אום דער סוד. באַלד איז פול דער רוים. עס ווערט געבוירן אַ טיש. אויפן טיש וואַקסן אויס צוויי ברענענדיקע ליכט. אַ שטיקל מצה פאַר אַ זכר ליגט אויך שוין גרייט, עס שטייט אויפן טיש אַ בלעכענע שיסל מיט חרוסת און — מרור, מרור...

דריי יידן זעצן זיך אויף אַ באַנק און נעמען זיך גרייטן צום דערציילן די וווּנדערבאַרע געשיכטע פון קנעכטשאַפט און פרייהייט. „היינטיקס יאָר נאָך קנעכט, איבער אַ יאָר שוין פרייע לייט!"... אויף אַלע וועגט הענגען שווערע שאָטנס וואָס באַוועגן זיך סודותפול צוזאַמען מיט די פלעמלעך פון די ליכט. פון די צוויי־שטאָקיקע נאַרעס קוקן אַרוים גאַנצע רייען פון מענטשן־קעפּ; זייערע דערשראָקענע בליקן וואַרפן זיך מיט דערוואַרטונג צום ציטערנדיקן ליכט פונעם סדר־טיש. עס קלאַפּן די הערצער, עקסטאַז, דערהויבונג. אַ הייליקער ציטער. פון די טיפע גע־

לענגערס, פון די ווינקלען, פון אונטערן טיש, פון אונטער די בעטן, — פון דער גאנצער ענגשאפט ארום. איין גרויסער הויפן מענטשן=קעפּ, בלייכע, דערשראָקענע, געשפּענצערס. מען וויל שוין הערן די הגדה!

און קלינגט באלד דער באקאנטער ניגון... עבדים היינו... צא ולמד... פארגאנגענע צייטן...„ געווען איז אמאָל א פארשווערונג אין בני=ברק... שא, שטילער, מען קען נאָך דערהערן! און דער געזאנג ווערט שטילער און שטילער: דער ניגון בייגט זיך צו די אויפגעשפּיצטע אויערן, נאָר שווער איז צום אויפכאפּן דאָס לעבעדיקע וואָרט... שטילער! נאָך שטילער, מען זאָל ניט דערהערן. בלויז צום הארץ איז פרייער דער וועג, מען הערט ניט, נאָר מען פילט, און צום טרערן=קוואל איז שוין א קורצער שפּאן, זיינען איצט אלע היים און הארציק. דער גאנצער רוים פארוואנדלט זיך אין איין גרויסן טרערן=טייך: מען דערמאָנט זיך ווידער דעם אמאָל, דעם נעכטן, דעם היינט...

פונעם טיש רייסט זיך קוים צום הערן: ד ם, צ פ ר ד ע, כ י נ י ם.. און מען דערפילט דעם טעם פון אלע מכות: דאָס מיינט מען דאָך אונדז; צי איז אין מצרים אויך געווען א לאגער? —

די גרויסע מיסטעריע פון ליידן גיסט זיך אויס אויף אלעמענס געמיטער און טיילט אויס א האלבע טרייסט...

אשר געטער האָט באלד געזונגען דעם הללדיקן לויבגעזאנג. ווען די ארבע כוסות זיינען שוין פול געווען מיט טרערן, האָט ניסן מעסינג פארענדיקט מיטן אלענגאָרישן חד=גדיא=ליד. —

אלע לאגער=קנעכט האָבן געפייערט די ערשטע סדר=נאכט.

צוקוקנדיק זיך צום טרויעריקן מצב פון דעם נאָך געבליבענעם הייפל יידן אין געטאָ, וואָס זיינען געווען איינגעפּרעסט אין די דריי צענדליק הייזלעך און פלעצן אין שרעק צוליב די אקציעס זיך וואלגערן דורך די נעכט אין די בונקערס אָדער אויף די פעלדער, — האָבן די לאגער־יידן געזען, אז זייער גורל איז פאר־לויפיג דאָך בעסער קענן זייערע ברידער פון געטאָ. ביי די לעצטע אקציעס זיינען די לאגער־יידן געוואָרן געשוינט, און אויך אויף ווייטער, זאָגט מען, וועלן יידן אין לאגער קענען א געוויסע צייט נאָך לעבן. ניט איינער פון די אומגליקלעכע אין געטאָ וואָלט זיך געווונטשן אויפגענומען צו ווערן אין לאגער. זינט עס זיינען אראָפּ־געקומען די 10 מיליציאנטן פון מארגאָפּאָל איז די פּאניק אין שטעטל דערגאנגען ביז פארצווייפלונג. מען האָט געוווסט, אז די טעג פונעם לעבן זיינען געציילטע. און ווירקלעך האָט די שבועותדיקע אקציע א סוף געמאכט צו די לעצטע פונקען פון די יידישע האָפענונגען און אילוזיעס. דאָס שטעטל איז דערקלערט געוואָרן פאר „יודענ־ריין". אויך דאָסמאָל האָט מען געשוינט דעם לאגער. איצט פלעגן אָבער כסדר קומען די לעצטע אנטלאָפענע און אויסבאהאלטענע פון דער ליקווידירונגס־אקציע און זיך בעטן, מען זאָל זיי נעמען אין לאגער אריין. אחוץ יחידים, וועמען עס איז געלונגען אויפגענומען צו ווערן, איז געבליבן דער לאגער מיט זיינע איבער 400 יידישע גע־פאנגענע ווי א געשלאָסענע פעסטונג. דאָס איז געווען נאָך פון די איינציקע לעגאלע יידישע יישובים אין דער געגנט. דאָס געטאָ איז שוין געווען חרוב, אויסגעגלייכט מיט דער ערד. עס זיינען נאָך אָבער דאָרט געלעגן די צענדליקער יידן ערגעץ אין ניט אנטדעקטע בונקערס אונטער דער ערד. צוליבן מאנגל אין לעבנסמיטל האָבן זיי דאָך געמוזט אײנציקווייז פארלאָזן זייערע באהעלטענישן און זיך זוכן ווו א נייע רעטונג.

אין די נעכט פלעגן זיך אומבלאָנקען אויף אלע וועגן און אין אלע געסלעך פארשטויסענע נשמות, ווי שאָטנס זיך ארומגעשלייכט; ביים סאמע ראנד פונעם

אָפּגרונט פלעגן זיי זיך זוכן א וועלכע מעגלעכקייט צום לעבן. פיל זיינען אריינגע־פאלן אין די אומברחמנותדיקע הענט פון געוויסנלאָזע פויערים, וואָס האָבן זיי צו ערשט ארומגערויבט, דערנאָך זיי איבערגעגעבן צו דער פּאָליציי, ד"ה צום טויט. א גרעסערער טייל פון די ארומוואנדלערס האָבן זיך פארגנבעט אין הויף פונעם לאגער און זיך באהאלטן אין די אָנגעטורעמטע הויפנס מעבל און אנדערע חפצים. וואָס האָבן געשטאמט פון די יידישע אויסגעראבירטע הייזער. מיט דער נעשיקט־קייט פון אקראָבאטן האָבן זיי זיך דאָרט פארנעסט, אין די שפּארעס, אין די פאכן פון די שרענק, איינגעפרעסט און איינגעדרייט. אנדערע האָבן מיט א מאשן־מעסערל אָדער מיט די נעגל אויסגעקראצט זיך ווו נאָרעס, מויז־לעכער. מיט זייערע לעצטע כוחות האָבן זיך די מענטשן געקלאמערט אָנעם לעבן, מיט צוזאמענגע־פרעסטע גלידער, הונגעריק און שמוציק זיינען די אומגליקלעכע דאָרט דעם גאנצן טאָג געלעגן באוועגונגסלאָז און שטיל. ערשט אין טיפער נאכט, ווען דער גאנצער לאגער איז געווען איינגעוויקלט אין שלאָף, פלעגן זיי איינציקווייז ארויסקריכן פון די באהעלטענישן, אויף די שפּיץ פינגער, אָן גערויש, ווי די שאָטנס האָבן זיי זיך פארגנבעט אין הויף צום מיסטקאסטן און פון דאָרט מיט ציטערנדיקע הענט גע־נומען שאָלעכץ פון קארטאָפל און אנדערע אָפּפאלן פון דער קיך. מיט אָט דער פארפלעגונג האָבן זיך דאָרט די מענטשן דערנערט. אזא פּראָמענאדע פון גייסטערס פלעגט נאכט נאָך נאכט זיך דורכשלייכן דורכן הויף פונעם לאגער און קיינער האָט דערפון ניט געוווסט. די רעגנס האָבן מאנכמאָל געוואשן זייערע סקעלעט־גופים, האָט זיי דערפרישט, דערוועקט און אָפּגעקילט דעם ברען פונעם פיבער, און די איינ־געטריקנטע צונג האָט געלעקט די וואסער־טראָפּנס ווי טייערסטן וויין. האָבן אויך די קליידער געמעגט פוילן, שטעכן אין די ריפּן, האָט מען אויך געמעגט ווערן אויפגע־פרעסן פון די לייז, — מען מוז לעבן און דורכהאלטן!..

ווען די לאגער־יידן האָבן דורך א צופאל אנטדעקט די לעבעדיקע מתים־קאָלאָנע ביי זיך אויפן הויף, האָבן זיי ערשט איצט געקענט אָפּשאצן ווי גליקלעכער זיי זיינען עס אין זייער אומגליק. אין די נעכט, בסוד סודות פלעגן מאנכע יידן דערלאנגעז די אומגליקלעכע א שטיקל ברויט און א קארטאָפל. די ברידערלעכע הילף פון די לאגער־יידן האָט פיל דערלייכטערט דאָס לעבן פון די פארשטויסענע. ווער ווייסט ווי לאנג די „לעבנס־אידיליע" וואָלט נאָך געווען נעדויערט, ווען די לאגער־פארוואלטונג וואָלט דערפון ניט געוווּר געוואָרן. דאָס איז דאָך א ניט־דער־

לאָזלעבער פאַל,— האָבן זיי געשריען— און וואָס וועט דערצו רעבעל זאָגן, מאמער ווערט ער דערפון געוווירי? עס וועלן דאָך ליידן די אַלע לאַגער־יידן! . . . די אָנ־פירערשאפט האָט באַשלאָסן א סוף צו מאכן צו דער גאנצער געשיכטע. אין א שיינער לבנה־נאכט, ארום 1 א זייגער, זיינען ארויסגעקומען פּרעזעס גירלער, קאָמענדאַנט רוס און שיקעלע גנב, זיך פארקאטשעט די ארבעל און אָנגעהויבן איינציקווייז אוועקצונעמען די פארשיידענע גראטעס און מעבל־שטיקער פון הויף. באַלד האָבן זיי ארויסגעשלעפּט איינעם נאָכן אנדערן די לעבעדיקע וועזנס, ענלע־כע צו מענטשן. דערשראָקענע, ציטערנדיקע, פארגעלטע, אויסגעדארטע, מיט טיפע פינצטערע אויגן־לעכער, זיינען זיי וואקלדיק געשטאַנען און זיך קוים געהאַלטן אויף זייערע שטעקלעך־פיס. כּאָטש מענטשן פון איינעם שטעטל, שווער זיי אבער צו דערקענען: אויסגעשמאַכט די פּנימער, די קליידער קרוע־בלואידיקע, ווי ארויס־געצווינגענע פון קוים; די פּלייצעס האָבן געהוועז זיך אין קראַצעניש געוואָרפן, און אַן איבלדיקער ריח האָט זיך געטראָגן פון זיי. אונטערן גערויש פון כסדרדיקן קלאַפּן און רוקן פון די מעבל איז אויסגעוואַקסן די גרופּע פון די אומגליקלעכע, ביז 50 נפשות, וואָס האָבן איצט שטיל געוואַרט אויפן ווייטערדיקן פארלויף פון די געשעענישן. ביים שיין פון דער לבנה האָט דאָס בילד אויסגעזען שרעקלעך, געשפּענצעריש, ווי ערב א מתים־טאַנץ פון סקעלעטן, „ווער עס האָט געלט, גאָלד, רינגעלעך, זייגערלעך און אנדערע ווערט זאכן דאַרף עס אָפּגעבן, וועט מען אים דערפאַר איבערלאָזן אין לאַגער; און ווער עס האָט עס ניט, וועט מוזן פון דאַנען אוועקגיין“— האָט איינער פון די דריי אנטדעקערס אויסגערופן און דערביי אויס־געשטעלט א היטל און מיט א לייכטער האַנט־באַוועגונג געגעבן א צייכן, אז מען באַדאַרף אהין אריינוואַרפן. „אוי, טייערינקע יידן, נאַט אייך, אבי לאָזט אונדז לעבן!“ — האָבן די יידן זיך אָפּגערופן, און יעדער פון זיי האָט געגעבן וואָס ער האָט נאָר געהאַט. די וואָס האָבן ניט געהאַט, האָט מען אוועקגעשטעלט אָן א זייט. „כאָטש איר האָט ניט, ווערט איר אויך פאַררעכנט.“ — האָט איינער פון די דריי באַרמהאַרציק א זאָג געטאָן.

די אָבלאַווע האָט געדויערט איבער 2 שעה. עס האָט שוין באַלד אָנגעהויבן צו טאָגן, און דער עולם שלעפערס איז געבליבן אליין אַן א שמירה, מען האָט ניט געדאַרפט מורא האָבן, אז ווער פון זיי וועט אנטלויפן. ווּהין? צי האָבן זיי דען נאָך כוח צו לויפן? דערווייל האָבן זיי געאָטעמט די פרישע לופט, און די האָפענונג צו

בלייבן אין לאגער האָט זיי צוגעגעבן פרישן כוח. די צעבראָכענע אברים האָבן זיך געפונען ווי אין א טראַנס. זיי האָבן זיך באַוועגט ניט פון אייגענעם ווילן, נאָר זיך קאָנוולסיוו געוואָרפן, גלייך אין דער גסיסה, ווען עס ווערט לייכטער פארן טויט.

„פאַרוואָסזשע האָט מען אונדז שוין ניט אַריינגעלאָזט אין לאַגער?" — האָט ווער פון זיי א פרעג געטאָן — „מיר האָבן דאָך באַצאָלט!" „ווייל מיר זיינען פאַרלייזיקט" — איז געפאַלן אן ענטפער — „מאָרגן, ווען די לאַגער־יידן וועלן גיין צו דער אַרבעט, וועלן מיר זיך וואַשן, מען וועט אונדז געבן ריינע וועש און עסן"...

עסן... א ריכטיקע באַמערקונג, האָט יעדער זיך געטראַכט. ווי דערלעבט מען שוין אָבער דעם מאָרגן? —

צו מאָרגנס איז געקומען שופּאָ און פאַרנומען די אומגליקלעכע. מען האָט זיי אויפן בית־עולם אויסגעשאָסן און א סוף געמאַכט צו זייער לעבן, אויך צו זייערע ליידן.

די ערשטע לאגער-אקציע

יעדע געשעעניש אין און ארום לאגער האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף די מענטשן. דער לאגער האָט גענומען אויסזען ווי אן אנשטאלט פון משוגעים. עס זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן די טראגישע פארניכטונגען פון אלע לאגערן פון דער סביבה: קאמיאָנקע—אויסגעשאָסן; באָרקי וויעלקיע, 1200 יידן, לעבעדיק פאר-ברענט; פּאָדוואָלאָטשיסק—פארניכטעט. מען האָט געפילט,אז עס דערנעטערט זיך דער סוף אויך פארן סקאלאטער לאגער. כמעט יעדן טאָג זיינען געקומען ס"ס-מענער אויף קאָנטראָלן. זיי האָבן נישט ארויסגעוויזן אזוינע ווילדקייטן און רישעות אי פריער. פארקערט, זיי פלעגן אלץ פארזיכערן, אז דאָ אין סקאלאט וועט דער-ווייל קיין שלעכטס נישט פּאַרקומען. כדי אויך אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון די יידישע לייסטונגען, האָבן זיי געמאכט גרויסע באשטעלונגען אויף ארבעט אין די לאגער-ווארשטאטן. — ווידער א סימן, אז די יידן זיינען נישט-פארבייטלעך, „אונ-ענטבעהרליך". די דייטשן פלעגן זיך אויך געוויינטלעך לאָזן ווילגיין אויף די ספּע-ציעל אָנגעגרייטע סעודות און הוליאנקעס, גלייך ווי תמיד. מען האָט געלאכט און געשיכורט און געשפילט אין קאָרטן.

מיט דער צייט האָבן די הוליאנקעס און אָרגיעס אָנגענומען ממש ווילדע און פאנטאסטישע פאָרמען. אין א געוויסן אויפדערנאכט האָט דער שיכורער אָבער-שטורמפירער רעבעל באפוילן, אז אלע מיידלעך פון לאגער מוזן דערשיינען נאקעטע אין זאל. עס האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, עס האָט נישט געהאָלפן אויך דאָס מכבד זיין מיט פרישע מתנות. אונטער געשרייען און שיסערייַ זיינען די מיידלעך געקומען. אין זאל איז געווען לוסטיק און ליכטיק. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. מען האָט געטאנצט און געלאכט. פּלוצעם האָט זיך רעבעל געשטעלט אין מיטן זאל, געהייסן די נאקעטע מיידלעך דורכמארשירן איינער נאָך דער אנדערער, ער האָט זיי געשמיסן מיט דער בייטש און דערביי געשריען מיט ווילדע קולות: „שלעכט! נאָך איין מאָל!" און די פראָמענאדע האָט געמוזט נאָכאמאָל מיט באלאנסירנדיקע שריט

פאַרביימאַרשירן פאַר אים אונטערן האַגל פון בייטשן. געלעכטערס און געשרייען, קרעכצערייַ און געוויינען פון די געפּייניקטע מיידלעך האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט קלאַנגען פון מוזיק.

די לאַגער־פאַרוואַלטונג האָט געפילט די נאָענטע געפאַר און האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים צו שטעלן זיך אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט וועמען פון די דייטשן, כדי צו קענען באַקומען ריכטיקע און גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע. אַזאַ מענטשן איז זיי געלונגען צו באַקומען. דאָס איז געווען דער שופאָ־פאָליציסט מאַראָלד. דער עסק, פאַרשטייט זיך, האָט זיך אים געלוינט, ווייל ער האָט דערפאַר באַקומען די טייערסטע מתנות.

אין אַ געוויסן טאָג, דאָס איז געווען דעם 29.6.1943, איז דער אויבנדער־מאַנטער צוטראָגער געקומען אין לאַגער אריין און געזאָגט דעם פּרעזעס נירלער אויפן אויער אַ סוד: דער אורטייל איז געפאַלן! מאָרגן גאַנץ פרי באַדאַרף זיין אין לאַגער די ליקווידירונגס־אַקציע. „איר קענט זיך נאָך ראַטעווען“, האָט דער דייטש געזאָגט. פּרעזעס נירלער האָט באַלד יעדן געוואָרנט: „ראַטעוועט אייך יעדערער ווי ער קען“. פון דער ידיעה איז יעדער אויפגעציטערט געוואָרן. ווו קען מען לויפן? —

נירלער, רוס און די אַנדערע אָנפירערס זיינען דורך נאַכט אַוועקגעגאַנגען ערגעץ הינטער דער שטאָט, אָדער אין די דערפער, צו זייערע לאַנג אָנגעגרייטע באַ־העלטענישן ביי די גוט באַצאָלטע קריסטן, מיט זיך האָבן זיי מיטגענומען זייערע פאַמיליעס. דער גרעסטער טייל, מיינסטנס פון די יינגערע מענטשן, זיינען אין דער נאַכט אַנטלאָפן אין פאַרשיידענע אומבאַקאַנטע ריכטונגען. קיין ברירה איז ניטאָ. מען איז געלאָפן אָן אַ ציל ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן. די עלטערע פרויען און דער גרעסטער טייל פון דער שייס־בריגאַדע, אויך אַ פּאָר עלנטע קינדער, מיט וועלכע קיינער האָט זיך אין דער גרויסער פּאַניק ניט אינטערעסירט, צוזאַמען אַן ערך 140 מענטשן, זיינען געבליבן אויף די ערטער. אַנדערע זיינען שוין גרייט גע־ווען צו אַלץ, אבי אַ סוף זאָל נעמען צו אַזאַ געמאַטערט לעבן. אַנדערע זיינען געווען ווי פאַרטויבט און גלייכגילטיק. אַ קליינער טייל האָט אויך געגלויבט אין ניסים, אָדער אַז אַ מענטש דאַרף זיך ניט קעגנשטעלן דעם ווילן פון גאָט. די הויפּט־סיבה פון אַלעמענס בלייבן אויף אָן אָרט איז אָבער געווען דאָס פעלן פון פינאַנסיעלע מיטלען.

די וואָרענונג פון שופאָ־פאָליציסט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ריכטיקע

־עם 30טן יוני 1943, כ"ז סיון תש"ג האָבן באוואָפנטע ס"ס פון טארנאָפּאָל צוזאמען מיט דער אָרטיקער שופּאָ, קריפּאָ און אוקראַינישער מיליץ ארומגערינגלט דעם סקאלאטער לאַגער. די אַלע מענטשן, וואָס זיי האָבן דאָרטן אָנגעטראָפן, האָט מען באַלד ארויסגעפירט אין פעלד הינטער דער שטאָט, דאָרטן וו עס האָבן זיך שוין געפונען די קברים פון די פריערדיקע אקציעס, און ביים שוין צוגעגרייטן קבר האָט מען זיי אלעמען אויסגעשאָסן. יעדע ווײַלע האָבן פויערים צוגעפירט פריש געכאַפּטע יידן, וואָס האָבן זיך ארומגעבלאָנקעט אויף די פעלדער, און אויך זיי האָט מען געשטעלט אונטערן מאשין-געווער. דאָס זיינען געווען די יידן, וואָס זיינען ערשט נעכטן אנטלאָפן פון לאַגער. די צאָל קרבנות פון יענעם שחיטה-טאָג ווערט געשאצט ביז 200.

די קרבנות האָט באַגראָבן דער אוקראַינישער בוי-דינסט.

נרופּעס פון די אנטלאָפענע לאַגער-יידן האָבן זיך אומגעוואלגערט אין די פעלדער הונגעריקע און פארוואָרלאָזטע. ניט זעענדיק קיין ציל און קיין אויסוועג, זיינען אנדערע פון זיי אוועק אין די וועלדער. דער גרעסטער טייל האָט זיך אָבער געווענדט צו דער פירמע אָטטאָ הייל אין נאָוואָסיאָלקע ווען א מעגלעכקייט ווידער צו ווערן דורך זיי באַשעפטיקט. דער ענטפער איז געווען א ניט קלאָרער, ווייל די פירמע האָט זיך געמוזט באראטן מיט די העכערע מאכט-אָרגאנען. די פירמע אָטטאָ הייל האָט ספּעציעל ארויסגעשיקט א שליח קיין טארנאָפּאָל, וועלכער איז נאָך דעם זעלבן טאָג צוריקגעקומען און געבראכט די „גוטע" בשורה, אז די אַלע, וואָס זיינען געבליבן ביים לעבן מעגן זיך ווידער אָרגאַניזירן אלס געשלאָסענער לאַגער אין סקאלאט. פון טארנאָפּאָל איז אויך דעם אנדערן טאָג אָנגעקומען א מאשין מיט פּראָדוקטן, פארפלעגונג אויף א געוויסער צייט. עס האָבן זיך גענומען צוריקקערן גרופּעס יידן, און א געוויסער יונגערמאן מיטן נאָמען פאָגעל האָט זיך געשטעלט בראש פון דעם ניי געשאפענעם לאַגער. ווען די געוועזענע לאַגער-פארוואלטונג איז דערפון געוויר געוואָרן, זיינען זיי ארויס פון זייערע באהעלטענישן און צוריקגעקומען אהער איבערנעמען זייער אמאָליקע „מלוכה". עס האָבן זיך צונויפגעזאמלט אַן ערך 200 מענטשן. מען האָט ווידער איינגעפירט די אלטע לאַגער-פּראָצעדור און יידן האָבן געארבעט ביים שטיינבראָך. די דייטשן פלעגן ארויסשיקן יידישע ארבעטס-קאָמאנדעס אויך אין אנדערע ערטער, וו יידן זיינען שוין איצט מער ניט געווען.

פארטיזאנער

עטלעכע טעג נאָך דער ערשטער בלוטיקער לאגער=אקציע האָט א גרעסערע גרופע פון די לעבנגעבליבענע יידן ווידער געארבעט ביים שטיינבראָך אין נאָוואָסיאָלקע, ניט ווייט פון וואלד, 2 ק"מ פון סקאלאט.

עס איז געווען גראָד די מיטאָג=הפסקה, ווען די העפטלינגען האָבן זיך אָפּגערוט פון זייער שווערער ארבעט. פּלוצלונג זיינען אָנגעלאָפן פאסטעכער און מיט א פארכאפטן אָטעם איבערגעגעבן די יידן די בשורה, אז סאָוועטישע פּארטיזאנער זיינען דאָ; זיי געפינען זיך אין וואלד, און נאָך היינט, האָבן זיי געזאָגט, וועלן זיי קומען אין שטאָט אריין. עס האָט קיינער פון די יידן ניט געוואָלט גלויבן אין דעם. פון וואנען? ווי אזוי? אָבער דאָס כסדרדיקע שיסעריי האָט אָנגעזאָגט, אז עפּעס אומדערווארטס באדארף געשען. פאר שיסעריי און באמבן=עקספּלאָזיעס האָט שוין קיינער ניט מורא געהאט; פארקערט, דאָס האָט ארויסגערופן א געוויסע דערלייכטערונג און שאָדן=פרייד: אדרבה, זאָלן זיי דרעשן דעם שונא אפילו א גאנצן מעת=לעת!

באלד האָבן זיך באוויזן אויפן הימל עסקאדרעס אעראָפּלאנען, און אייניקע פון זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזן גאנץ נידעריק. באמערקנדיק גרעסערע גרופּעס מענטשן ביים שטיינבראָך, האָבן זיי פון מאשין=געווער אראָפּגעשיקט א הייסן האָגל סאלוועס אויף די יידישע קעפּ. פארצווייפלטע און פארווירטע האָבן יידן אָנגעהויבן צו לויפן איבער די פעלדער. זיי האָבן זיך פארשטעקט צווישן די זאנגען און געווארפט מיט גרויס הארצקלאפעניש און שפּאנונג ביז די געפאר וועט אריבער.

דערווייל האָט זיך די ידיעה בליץ=שנעל פארשפּרייט אין שטאָט, און אויך אין די שכנותדיקע דערפער. די דייטשע און אוקראינישע פּאָליציי זיינען ארומגעלאָפן פארסמטע, ניט וויסנדיק אליין וואָס עס איז צו טאָן. די דייטשן האָבן דאָך באוויזן אין דער לעצטער מינוט צו אָרגאניזירן אייניקע גרופּעס צום שטעלן זיך אין קאמף מיטן אָנרוקנדיקן שונא. עס איז מעלעפאָנירט געוואָרן צו די ארומיקע

דערפֿער, אַז אַלע מאַנשאַפֿטן פֿון דער אוקראַינישער מיליץ מוזן תּיכּף ומיד קומען אין פֿולער קריגס־גרייטשאַפֿט. זיי האָבן אויך באַלד אויף די פֿיס געשטעלט די שופּאָ, די קריפּאָ און אַלע אַנדערע כּוחות. דער רעשט באַאַמטע און העכערע הערן פֿון אַלע דייטשן אינסטיטוציעס זיינען אין גרויס פּאַניק געלאָפֿן זיך באַהאַלטן.

אַרום 5 אַ זייגער נאָך מיטאָג האָט זיך אין דאָרף נאָוואָסיאָלקע באַוויזן דער ערשטער פּאַטרול פֿון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער. הינטערן וואַלד האָבן זיך פּאַר־פֿעסטיקט די דייטשן און אוקראַינישע פּאַרטיידיקערס, און שוין 7 אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף אויפֿן דאָרף, וואָס איז כּמעט אָן קאַמף איינגענומען גע־וואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער. ערשט ביים וואַלד איז געקומען צו אַ באַוואָפֿנטן צו־זאַמענשטויס מיט די דייטשן, וועלכע האָבן געפּרוּווט אַרומרינגלען די פֿיל שוואַ־כערע סאָוועטישע חיילות. דאָס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן. נאָך אַ האַלב שעהדיקן קאַמף האָבן די פּאַרטיזאַנער אויסגעליינגט כּמעט דריי פֿערטל פֿון די דייטשע און אוקראַינישע קעמפֿערס. דעם גאָר קליינעם רעשט איז געלונגען צו אַנטלויפֿן קוים מיט לעבן. דערנאָך האָבן די פּאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון באַרימטן גענעראַל קאָלפּאַק אַרומגערינגלט די פֿאַרלאָזענע שטאָט און זי איינ־גענומען. אויפֿן שלאַכט־פֿעלד זיינען געבליבן אַן ערך 100 טויטע, פֿון זיי ביי 60 אוקראַינער און דער רעשט דייטשן.

אין שטאָט האָט צווישן די יידן געהערשט אַ גרויסע שימחה, די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער האָבן איבערגענומען די מאַכט און פֿיל יידן האָבן נאַאיוו געגלויבט, אַז די הילף איז שוין אין דער אמתן געקומען. אין ערגסטן פֿאַל וועלן דאָך אַלע יידן פֿון לאַגער קענען מיטגיין מיט די פּאַרטיזאַנער! עס איז אָבער אַזוי ניט געווען.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די פּאַרטיזאַנער געאַרבעט אין שטאָט. זיי האָבן מיט דינאַמיט אויפֿגעריסן די 4 בריקלעך פֿון די פֿאָרשטעט, געלאָזט אין דער לופֿט אַלע פּאָליציייאישע און מיליטערישע בנינים, בכלל פֿאַרברענט אָדער צעשטערט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דייטשן. די לאַגער־יידן האָבן זיך זייער געפֿריים מיט די פּאַרטיזאַנער און די גאַנצע נאַכט זיי אַרומגעגאַנגען ווייזן, ווו עס געפֿינען זיך די אינסטיטוציעס פֿון די שונאים. אין קרימינאַל האָבן זיי אויפֿגעריסן אַלע צעלן און אַרויסגעלאָזן די אַרעסטאַנטן. פֿון אוקראַינישן קאָאָפּעראַטיוו־פֿאַרבאַנד האָבן זיי צוגענומען אַלע סחורות און פּראָדוקטן. אין דער זעלבער צייט זיינען אַלע ניט־יידן געלעגן באַהאַלטן.

ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך גענומען קלייבן אין וועג אריין, האָבן זיך כמעט אלע יידן געווענדט צו זיי, אז זיי ווילן מיטגיין. מען האָט זיי אָבער ניט געוואָלט מיטנעמען, ווייל זיי דארפן האָבן סאָלדאטן געזונטע מענטשן, האָבן זיי דערקלערט, און ניט קיין צעבראָכענע לאַגער־יידן, וואָס שלעפּן קוים די פיס. דאָך זייגען דעם צווייטן טאָג, ווען די סאָוועטן האָבן פארלאָזן דאָס שטעטל, נאָכגעלאָפן אַן ערך 30 געזינטערע לאַגער־יידן, וואָס האָבן פאר קיין פאל ניט געוואָלט בלייבן דאָ, ווו עס דערוואַרט זיי דער אומפארמיידלעכער טויט. די סאָלדאטן האָבן זיי געטריבן מיט שטעקנס, אָבער זיי זייגען נאָכגעלאָפן. נאָך פיל מאַטערנישן און אָנשטרענגונגען האָבן זיי אין א פּאָר טעג שפּעטער באקומען געווער און מען האָט זיי פארעכנט צווישן די פּאַרטיזאַנישע קעמפערס.

דער גרעסטער טייל פון אָט די סקאלאַטער יונגעלייט זיינען אומגעקומען אין דער גרויסער שלאכט וואָס איז פּאָרגעקומען אין די קאַרפּאַטן. די צוריקגעקומענע פון יענעם קאַמף זיינען: מיכל גלאַניץ, גאַדזיא וויינזאַפט, בוזיא אייזנשטארק, מאָטעק בריק, הינדע קאָרנווייץ און בוציע עלפּענביין. די אלע זיינען שפּעטער אריינגעטראָטן אין דער פּוילישער ארמיי, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין רוסלאנד, און האָבן אָנטייל גענומען אין ווייטערדיקע שלאכטן מיט די דייטשן. פון די יידישע העלדן זיינען געפאַלן אין קאַמף: שלום שעכטער, יעקב העכט, משה אקסעלראָד, יהושוע קאַץ מיט זיין 12 יאָריקן זון, ד"ר הדסה מענדעלעוויטש (פון וואַרשע), ישראל בריק, אברהם ראָזענצווייג, קופּערשמידט (א זון פון ישראל) און נאָך פיל אנדערע, וואָס האָבן געבראַכט כבוד דעם יידישן פאָלק.

ערע זייער אָנדענק!

גבית־עדות פון דעם געוועזענעם סקאלאַטער פּאַרטיזאַן בוציאָ עלפּענביין:

אין די לעצטע חדשים פון סקאלאַטער לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן א ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס צו איר האָבן אויך איך און מיין ברודער אָנגעהערט. אונדזער אלעמענס עיקר ציל איז געווען — דערגרייכן געווער, און אין פאל פון אן אקציע ארויסטרעטן קעגן שונא. קורצע פארזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען אין לאַגער־הויף צווישן די מעבל, וואָס דער פּלאַץ איז געווען מיט זיי אָנגעשטעלט (דאָס מעבל האָט געשטאַמט פון געמאָ). דאָס געווער האָט געזאָלט גע=

שאפן ווערן פאר נעלט, און דאָס געלט האָבן מיר געפאָדערט פון אלעמען, און קודם כל פון אונדזער רייכע „לאגער־קאמעראדן" צימער, לעמפערט, נירלער א"א. אָבער אָן רעזולטאט. די הערן האָבן אונדז אָפגעזאָגט. און דאָ האָבן זיך פלוצלונג באוויזן די פארטיזאנער פון גענעראל קאָלפאק!.. דער ענטוזיאזם דאן פון דעם הייפל לאגער־יידן, פארמישפּטע צום טויט! הײנט אונדזער פרייד ווי מיר האָבן געזען די דײַטשן און אוקראינער ביי זייער בהלהדיקן אנטלויפן! אָבער גלייך באלד האָבן מיר איבערגעלעבט א ביטערע אנטוישונג: מיר האָבן דערזען, אז דאָס איז נאָך ניט באפרייאונג; די פארטיזאנער ציען זיך צוריק... די אָנפירערשאפט פון דער פארטיזאנער־אָפּטיילונג, וואָס איך און מיכל גלאנץ האָבן מיט איר אָנגעבונדן א קאָנטאקט, האָט צוליב ריין מיליטערישע סיבות ניט געוואָלט הערן וועגן צונעמען עטלעכע הונדערט מענטשן, צווישן זיי פרויען און קינדער. זיי האָבן מיטגענומען נאָר 30 פערזאָן, צווישן זיי 4 פרויען. איך און מיכל זיינען געווען צוזאמען אין דער דריטער קאָמפּאניע פון דריטן באטאליאָן. די אנדערע יידן זיינען געוואָרן צונעטיילט צו אנדערע באטאליאָנען, וואָס זיינען געווען 4.

פון דער צייט האָט זיך ביי מיר באזונדער איינגעקריצט אין זיכרון די ערשטע פייער־פּראָבע, וואָס איך בין דורך שוין אויפן צווייטן טאָג נאָכן פארלאָזן סקאלאט. דאָס איז געווען אין געגנט פון קרענצילאָוו. אונדזער 3־טע קאָמפּאניע האָט באקומען די אויפגאבע צו האלטן אונטער א פייער די דייטשן, וואָס נאָך זייער גרויסער מפּלה אין סקאלאט האָבן זיי לעבן שאָסיי קאָנצענטרירט גאנץ שטארקע כוחות. מיר האָבן זיך געצויגן לענג־אויס פון פארטיזאנער־לאגער צום דערפילן אונדזערע פליכטן. איך בין געגאנגען מיט א באזונדער שטאָלץ: צום ערשטן מאָל אין לעבן שטיי איך אין אן אמתן קאמף, און איך וועל ענדלעך קענען נעמען נקמה פארן טויט פון מיין מוטער און פאר אלע אונדזערע ליידנס! מיינע חברים און באקאנטע פון סקאלאט האָבן ביים געזעגענען זיך מיט מיר געקענט נאָך מערקן אויף מיין געזיכט פרייד און קאמפס־לוסטיקייט! פון עפּעס אנדערש האָב איך דעמאָלט אפילו ניט געקענט טראכטן.

דער קאמף האָט זיך געענדיקט מיט א גרויסער מפּלה פון די דייטשן, און אונדזערע פארטיזאנער האָבן געהאט כמעט אן אָפּנעם וועג אזש ביז צום דניעסטר. אויפן וועג האָבן מיר נאָך דורכגעמאכט עטלעכע צוזאמענשטויסן. צווישן דניעסטר און די קארפּאטן האָבן מיר געהאט שווערע קאמפן. די דייטשן האָבן גע־

וואָרפן קענן אונדז טאנקעס און יעדן טאָג באָמבארדירט אונדז פון אעראָפּלאנען! פון הונגער און מאטערניש בין איך געווען אויסגעשעפּט ביז טויט. און דאָ ווער איך פארוווּנדט אין האנט, אין דופק, און ווער נאָך מער אָפּגעשוואכט פון בלוט-אָנווער. איך פארליר אָבער ניט די האָפענונג און דערקריך ביז די העכסטע שפּיצן פון די קארפאטן.

און נאָך א קאפּיטל פון יענער צייט לאָזט זיך מיר ניט פארגעסן. — אונדזער אָפּטיילונג געפינט זיך אין בערגיקן ראיאָן צווישן דעליאטין און מיקוליטשין. מיר זיצן אויפן פעלד פארטיפט אינעם ראדיאָ-קאָמוניקאט, געלייענט דורכן פארטרעטער פונעם קאָמפּאניע-אָנפירער. מיר הערן די ידיעה וועגן מוסאָלינים באזייטיקונג (איך געדענק ניט די דאטע; איך האָב דאן פארלאָרן אפילו די רעכענונג פון דער צייט). אן אויסערגעוויינלעכע פרייד! מיר מיינען אלע — נו, שוין אויס מילחמה! איך זוך מיכל גלאנצן, איך וויל אים איבערגעבן די איבערראשנדיקע ידיעה, אָבער איך קען אים ניט געפינען. מען רופט מיך אין דעם שטאב פון דער קאָמפּאניע. איך האָב נאכטדינסט. מיין פּאָסטן איז א טייל פונעם בערגיקן וואלדוועג. די נאכט איז א שיינע, א ליכטיקע, א לבנה-נאכט. איך קום צום אָרט, ווו עס שטייט א סלופּ, וואָס איז אמאָל געווען א וועגווייזער. ביים ליכט פון דער לבנה דערזע איך אויפן סלופּ אויסגעקריצטע אויף העברעאיש א ריי פאמיליעס און נעמען פון חלוצים פון לאָדז, ווארשע, לעמבערג א"א. אין 1938 זיינען זיי דאָ געווען אויף הכשרה. אונטער איינער א פאמיליע מיט א דאטע איז אויסגעקריצט: „לשנה הבאה בירושלים". איך טו א טראכט: האָבן זיך זייערע חלומות פארווירקלעכט? לעבט ווער פון זיי?..

פון אונדזערע סקאלאטער 30 פּארטיזאנער זיינען געבליבן לעבן נאָך 6. די אנדערע זיינען אומגעקומען אין די קאמפן, ווי אויך פון די באָמבארדירונגען. היינדע קאָרנווייץ איז געווען שווער פארוווּנדט אין פוס.

לעצטער אקט פון טראגעדיע

נאָך דעם פארטיזאנער־באזוך איז סקאלאט נאָך געבליבן הפקר דריי טעג. די יידן האָבן זיך, פארשטייט זיך, געריכט אויף שארפע רעפּרעסיעס. ווען די דייטשן האָבן זיך צוריקגעקערט, האָט טאקע די נים־יידישע באפעלקערונג באלד גענומען אינפאָרמירן די דייטשן וועגן דעם פיר פון די יידן און אז א סך פון זיי זיינען אוועק מיט די פארטיזאנער. די דייטשן האָבן אָבער, אויף זייער שטייגער, לכתחילה דער־פון ניט געמאכט קיין געברויך. זייער כוונה איז דאָ געווען ניט אָפּצושרעקן די לאגער־יידן, נאָר זיי האלטן קאָנצענטרירט אין דער האנט. מיט אזעלכע ראפינירטע מעטאָדן איז זיי שטענדיק געלונגען צו פארנארן דעם עולם, כדי דערנאָך צו קענען שיקן זיי צום טויט. און באמת, האָבן פיל אויסבאהאלטענע יידן זיך גענומען ווידער צוריקקערן אין לאגער, זיך דערוויסנדיק אז דאָרט איז רואיק. צוזאמען זיינען איצט געווען אין לאגער ביי 150 מענטשן, וואָס האָבן ווייטער געארבעט ביים שטיינבראָך הינטער סקאלאט.

דאָס שטעטל האָט זיך שוין אָפיציעל גערעכנט פאר „יודענריין". אין דער צייט האָבן אָבער פאסירט פיל פאלן, ווען פויערים האָבן די יידן, וואָס האָבן זיך באהאלטן ביי זיי, אליין דערהרגעט אָדער איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָ־ליציי. צווישן אנדערע האָבן דאן געפונען זייער טויט: שלמה קליינער און בער־ל פיקהאָלץ. מען האָט זיי געבונדן מיט שטעכדראָטן און זיי צעשטאָכן מיט מעסערס. ווען מען פלעגט אין לאגער אריין ברענגען צו פירן אלטע קליידער, האָט מען גלייך געוווּסט וויפל יידן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן. מען האָט אפילו אויך דערקענט צו וועמען פון די נעוועזענע פריינד און קרובים די מלבושים האָבן אָנ־געהערט.

אין דעם פארקלענערטן לאגער זיינען איצט שוין מער ניט פאָרגעקומען קיין אָרגיעס און באזונדערע גרויזאמקייטן מצד דער לאגער־פארוואלטונג. מיט טרויעריקן ערנסט און גרויסע זאָרג האָבן זיך די מענטשן באצויגן צום ניי געשעא־

פענעם מצב. מען האָט איצט געלעבט אין שטענדיקער פּאַניק און שרעק. מען האָט געוווסט אַז מען איז פאַרלוירן און מען האָט מורא געהאַט פאַרן אייגענעם שאָטן. — אָבער דאָך האָבן זיך מענטשן צוגעוווינט צו דעם שטייגער לעבן. מען האָט דורכגעמאַכט די העכסטע שפּאַנונגען און אַלערליי נערוון־דערשיטערונגען מיט ספּעציעלער זעלבספאַרשטענדלעכקייט. דערפאַר איז אַ מען אַ ייד. דאָס לעבן פון אַ ייד הענגט דאָך אויף אַ האָר, און יעדן מאָמענט קען פאַלן דעם תליונס האַק. דאָס מענטשלעכע האַרץ האָט שוין נאָרמאַל ניט געאַרבעט. עס איז שוין גע־ווען ווי אַן אָפּגעריסענער קערפּער־טייל. תמיד האָט עס געפּאָכעט און געשוועבט אין דער לופטן. דער געדאַנקלעכער שווונג פאַר לאָגיק און שכל הישר איז געלעגן אין אַ טיפן לעטאַרגיע־שלאָף. ביי פיל האָט זיך אויך דער מוח געפונען אין אַ צושטאַנד פון גסיסה און האָט מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט דעם אינסטינקטיוון דראַנג און לעבנסווילן אפילו פון אַ פליג. האָט מען זיך שוין אמאָל עפּעס טיפער אַריינגעקלערט אין ווייטערדיקן תכלית, האָט דער מענטש זיך דאָ געשטעלט אין אַ דועל־קאַמף מיט עפּעס מיסטישע אָדער מעטאַפיזישע כוחות, וואָס ניט זיין קראַנקע פאַנטאַזיע האָט זיי דאָ נעקענט בייקומען. — דאָרטן אין די מאַסן־קברים הינטערן שטעטל ליגן באַגראָבן זיינע עלטערן, זיינע קינדער, זיינע נאָענטסטע און פריינד. מיט וואָס איז ער עס בעסער פון זיי? אין פאַל ווען ער ראַטעוועט זיך אפילו, כאָטש ס'איז שווער אין דעם צו גלייבן, ווייל ניסים געשעען ניט, — ווי וועט דערנאָך אויסזען זיין לעבן? די מענטשן זיינען חיות, אַלץ איז חרוב. — דאָס לעבן איז אַ טרערן־טאָל, די וועלט טרינקט זיך אין פייער און בלוט, וואָסער גוטס קען ער שוין פון עמעצן דערוואַרטן? גאָט, עולם הבא און טויט — דאָס זיינען אייביקייטן. אפשר איז טאַקע מסירת־נפש און מות קדושים די העכסטע דערגרייכונג, און פאַרוואָס טאַקע זיך אויסשליסן פון דעם כלל? — מיט מיסטיק און מעטאַפיזישער פילאָזאָפיע איז ניט איין מאָל באַשעפטיקט דער קראַנקער מוח, און דער אייביקער עקבער פון דעם טויט־געדאַנק האַקט פלוצלונג איבער דעם אַזוי שיינעם געוועבטן חלום און רופט און וועקט צו פּראָזאישע היי־שעה. באַלד דערפילט ער אַ טיפן ווייטאָג, אַן אינער־לעכן בלוטיקן ריס, עס וויל דאָס•האַרץ אַרויסשפּרינגען פון דעם לייב און זיך וואַרפן פאַר די אייגענע פיס אַ צעבלוטיקטס און אַ צאַפּלדיקס... דאָס דויערט ניט לאַנג, און ווידער איז מען אויסגעניכטערט, און דער גוף מאָנט זיינע רעכט, דער מאָגן מאָנט עסן... דער פּחד שפּרינגט אָן און ווירקט מיט צעשטערערישער

קראַפּט, אויך דער אומגעדולד ערב דער גורלדיקער אנטשיידונג דערברענגט דעם נערוון־סיסטעם ביז משוגעת.

מען האָט שווער געאַרבעט. די קאָשמאַרנע טעג האָבן זיך געצויגן ווי אייבי־קייטן, און די נעכט זיינען דורכגעגאַנגען אין שרעק און שלאָפלאָזיקייט.

עס האָט נאָך דערווייל זיך גערופן לאַגער, אָבער יעדער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ לייבן־גרוב, אַ מויזן־פאַנגער צום אומפאַרמיידלעכן טויט.

די „שופּאָ" האָט מיטן לאַגער אָנגעהאַלטן אַ סטאַבילן קאָנטאַקט. און זעענ־דיק די כראָנישע אומרואיקייט צווישן די העפטלינגען, פלעגן אייניקע זיך געבן די מי צו בארואיקן און טרייסטן. ארויסווייזנדיק דערביי כלומרשט פארשטענדעניש און מיטגעפיל צום יידישן ביטערן גורל. איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט פון ענדע יולי 1943 איז געקומען דער קאָמענדאַנט פון דער „שופּאָ" שניידער אין אַ זייער גוטן הומאָר; ער האָט זיך אויסגעפרעגט, זיך אינטערעסירט מיט אַלע קלייניקייטן אין לאַגער און גערעדט אַזוי פריינדלעך און ברידערלעך מיט די יידן. עס האָט זיך באמת געקענט דאַכטן, אַז דאָ קומט אָן אַ שינוי צום גוטן. שניידער האָט אַ ביסל אויפגעמונטערט דעם עולם, ער האָט דערציילט לוסטיקע געשיכטעס צום לאַכן, און יידן האָבן געפּרוּווט פאַרגעסן אויף אַ רגע אָן דער טרויעריקייט. זעענדיק ביי שניי־דערן אַזאַ אָפנהערציקייט און גוטע שטימונג, האָבן די יידן זיך דערלויבט אים צו פרעגן וועגן פארשיידענע זאַכן, אָבער דער עיקר וועגן דעם וואָס האָט צום מייסטנס געדריקט, ווי אַזוי זיינען די אויסזיכטן פאַרן סקאַלאַטער לאַגער און וואָס וועט זיין מיט דעם גאָר קליינעם רעשטל יידן, וואָס לעבן אין כסדרדיקער שרעק. שניידער האָט מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט די יידן, וואָס זיי זיינען אַזוי צעשראָקן. „עס וועט אייך קיין זאַך ניט געשען!" — האָט ער אויסגערופן. פאַר גרויס התפעלות האָט אים פרעזעס נירלער געגעבן אַ מתנה זיין גאָלדענע פילפעדער, און שניידער האָט אים באַזונדערש געגעבן דאָס הייליקסטע ערנוואָרט, אַז יידן מעגן זיין רואיק; ער גאַראַנטירט אַז אַ פּאָר חדשים וועט זיכער קיין אַקציעס אין סקאַלאַטער לאַגער ניט פאָרקומען. זיי מוזן נאָר געטריי אַרבעטן, די יידן, און דער עיקר, זיך האַלטן ריין. נאָך אַזעלכע הבטחות זיינען די לאַגער־יידן מיט אַ געוויסער בארואיקונג גע־גאַנגען שלאָפן.

ארום 11 אַ זייגער אין דער נאַכט, ווען דער גאַנצער לאַגער איז געווען איינ־געוויקלט אין טיפן שלאָף, איז מען פלוצלונג אויפגעציטערט געוואָרן. די נאַכט־

דעזשורן האָבן צו וויסן געגעבן, אז עמעצער דערנענטערט זיך אהער. זינט א לענ־גערער צייט זיינען כמעט אלע לאגער־יידן געשלאָפן אָנגעטאָן צוליב דער שטענ־דיקער מורא, און אין איין מינוט איז דער גאנצער לאגער איצט געשטאנען דער־שראָקן אויף די פיס און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין.

פלוצלונג האָט זיך ביים אריינגאנג באוויזן א פארסאָפּעטער דער שופּאָ־פּאָליציסט מאראָלד. ער האָט אין געאייל א זאָג געטאָן: „שנעל לויפן, עס קומט א געפאר!" — און איז באלד פארשווונדן. דער דייטש מאראָלד האָט אפּנים גע־האַט פּערזענלעכע השבונות מיט די ס"ס און עס איז אים געגאנגען אין לעבן, אז זייערע מערדערישע אונטערנעמונגען זאָלן ניט געראָטן. אויך איז ער געווען, ווי פריער געזאָגט, פון די יידן אונטערגעקויפט, און האָט פארשפּראָכן אין פאל פון א סכנה תיכף צו מודיע זיין.

אין פּאנישער איילעניש האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן, ניט וויסנדיק אַליין וווהין. באלד איז דער גרעסטער טייל פון די לאגער־יידן, צווישן זיי אויך נירלער און רוס, פארשוווּנדן געוואָרן ערגעץ אין דער פינצטערניש פון דער נאכט.

אויך ד'אָסמאָל זיינען אויף אן אָרט געבליבן די אלטע לייט פון דער „שיים־ברינגאדע", עטלעכע פרויען און קינדער און נאָך אנדערע לייכטגלויביקע אָדער גלייכגילטיקע שוין צום לעבן — די אלע אין א צאָל פון 60—70 מענטשן.

דעם 28סטן יולי 1943 (כ"ה תמוז תש"ג) פארטאָג איז פון טארנאָפּאָל אָנ־געקומען א גרופּע ס"ס. דאָ האָט אויך ניט געפעלט דער אָבערשטורמפירער רעבעל. מען האָט ארומגערינגלט דעם בנין פון לאגער, דערנאָך ארויסגעשלעפּט אלע יידן אין פעלד ארויס, צו יענע גרויסע מאסן־קברים פון די פריערדיקע שחיטות און דאָרטן ביז איינעם אלע מיט א מאשין־געווער אויסגעשאָסן.

בשעת דער אוקראאינישער „בוי־דינסט" האָט באגראָבן די קרבנות, האָבן פויערים צו זיי צוגעפירט א גרופּע פון 20 יידן, וועלכע זיי האָבן צונויפגעכאפּט אויף די פעלדער. אויך די יידן זיינען באלד אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן און ארייננע־וואָרפן געוואָרן אין זעלבן גרוב.

מען דערציילט, אז בשעת מען האָט געפירט די אומגליקלעכע דורך דער שטאָט, האָבן דאָרף־פויערים און גאסן־יונגען זיי מוראדיק געשלאָגן. זיי האָבן באשטעקט זיי מיט פעדערן און געשפּיגן זיי אין פנים אריין. די צוקוקערס פון דער זייט האָבן זיך אמוזירט און הילכיק געלאכט.

דאָס איז געווען דער לעצטער אקט פון דער בלוטיקער דראמע אין דעם סקאלאטער לאגער.

מיט דעם לעצטן מאסן־מאָרד איז אָפּגעשטאָרבן דאָס יידישע לעבן אין סקאלאט. די שטאָט איז געווען באמת „יודענריין".

אין די ארומיקע דערפער האָבן ביי פויערים זיך נאָך אויסבאהאלטן איינצלנע יידן. זייער לאגע איז אָבער געוואָרן אלץ ערגער פון טאָג, און די צאָל קרבנות פון אָט די יידן איז כסדר געשטיגן. — מאָטיע (מרדכי) פרנס, איינער פון די אָנשטענדיקסטע מיטגלידער פון געוועזענעם יודענראט, האָט שוין געהאט פאר־לוירן זיין גאנצע מישפחה. ער האָט זיך באהאלטן אין מאנטשעווע. משמעות האָט אים דער פויער אָפּגעזאָגט און ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט זיך צו בא־האלטן. האָט ער באשלאָסן צו מאכן א סוף צו זיין לעבן. אין אָקטאָבער 1943 האָט ער זיך געמאָלדן אליין צו דער שופּאָ און געבעטן מען זאָל אים שיסן. די הערן האָבן אים „צו ליב" געטאָן. אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך געמעלדעט אין שופּאָ שמעון חסיד. אויפן וועג צו שופּאָ האָבן אים פויערים אָפּגע־רעדט דערפון. זיי האָבן אים אפילו געגעבן צו עסן. ער האָט אָבער ניט געהאט קיין ברירה, ווייל ער האָט ניט געקאָנט בלייבן אונטערן פרייען הימל. —

אין די וועלדער ארוים סקאלאט האָבן זיך איצט געריסן די לעצט אנטלאָפענע יידן. זיי האָבן זיך געריסן צום לעבן.

אין די וועלדער

דעם 30.7.1943 האָט טארנאָפּאָלער געשטאפּאָ אָפיציעל מודיע געווען, אז דער גאנצער טארנאָפּאָלער קרייז איז ריין פון יידן. היות אָבער עס זיינען נאָך פאראן איינצלנע יידן, וואָס באהאלטן זיך אין די וועלדער, אָדער ביי אומפאראנטוואָרטלעכע פריוואטע פערזאָנען, ווערט געוואָרנט, אז פארן טרעפן א באהאלטענעם יידן ביי אן אריער, ווערט דעם אריערס גאנצע מישפחה דערשאָסן און זיין פארמעגן קאנפיסקירט. אין די אפישן איז אויך געזאָגט געוואָרן, אז פאר יעדן געכאפּטן יידן, וואָס וועט איבערגעגעבן ווערן דער פּאָליציי, טויט צו לעבעדיק, וועט אויסגעצאָלט ווערן א פּרעמיע: 1 ליטער בראנפן, 1 ק"ג צוקער און 300 זלאָטעס מזומן.

כל זמן עס זיינען נאָך געווען תבואות אין די פעלדער האָבן זיך פיל יידן באהאלטן צווישן די זאנגען. מחנות גאנצע פון געוויסנלאָזע פויערים פלעגן טאָג און נאכט אומזוכן אין די פעלדער וואגלענדיקע יידן, זיי צוערשט בארויבן און דערנאָך זיי דערהרגענען. אין פאל ווען דער קרבן האָט ניט געהאט קיין געלט, פלעגן זיי אים גלייך איבערגעבן דער פּאָליציי, אָדער דעם דאָרף-עלטסטן, וועלכע האָבן אויסגעצאָלט די באשטימטע פּרעמיעס פאר יעדן קאָפּ. ניט געווען דער טאָג, עס זאָלן ניט צוגעשטעלט ווערן קיין געכאפּטע יידן, וועלכע מען פלעגט באלד אויפן אָרט, אָדער אויפן בית-עולם דערשיסן. עס זיינען געווען אין שטאָט ספּעציאַליסטן יידן-כאפּערס, וואָס האָבן געהאט צענדליקער יידישע לעבנס אויף זייער געוויסן. אויך האָט „קריפּאָ" אויפן סמך פון מסירות זייער אָפט ארויסגעשלעפּט פון באצאָלטע באהעלטענישן ביי קריסטן צענדליקער קרבנות. אין פיל ערטער פלעגט מען אויך גאנץ אָפט זיך אָנשטויסן אויף קערפּערס, אונטערגעוואָרפענע, כדי צו פארווישן דעם חשד, ווער עס האָט דעם קרבן בארויבט און דערמאָרדעט. עס זיינען נאָך געבליבן ארום סקאלאט אן ערך 300 יידן, וואָס אין זייער גרעסטן טייל האָבן זיי געפונען א מקום מיקלט אין די וועלדער.

דער יישוב אין וואלד דאמירט זיך פון פיל פריער. שוין אין חודש אָקטאָ־בער 1942 זיינען אהין אוועק די ערשטע יחידים. דאָס איז געווען דער קראָקעווער שניידער פראשגאנג מיט זיין 4 יאָריקן זון און די פאמיליע וואסערמאן. דורכן ווינ־טער זיינען צוגעקומען גאנץ ווייניק מענטשן. נאָך דער פאר־פסחדיקער אקציע פון די „ווייגענדיקע קברים" זיינען צוגעקומען 2 צענדליק יידן. נאָך דער „יודענפרייער" אָדער שבועותדיקער אקציע האָט שוין די צאָל יידן אין וואלד דערגרייכט ביז הונ־דערט. נאָך דער ליקווידירונג פון די לאגערן פון סקאלאט און ארום סקאלאט האָט זיך פארגרעסערט דער יישוב אין וואלד ביז 250. די מענטשן האָבן גענומען זיך צעשפרייטן אין די ארומיקע וועלדער: אָסטרא־מאָגילע, כמיעליסק, אקנע, מאליניק, האָרעס, קרענציליאָוו א"א. צוליב דעם כסדרדיקן וואנדערן פון איין אָרט אין אנ־דערן איז שווער אָנצוגעבן גענויע ציפערן פון די מענטשן אין יעדן וואלד באזונדער. דאָך איז די אלגעמיינע צאָל א ריכטיקע.

אין אָסטרא־מאָגילער וואלד האָבן געלעבט אן ערך 32 יידן. נאָענט פון דעם וואלד האָט זיך געפונען א קליין דערפל פון סך הכל א 13 כאטעס. ווען עס פלעגט נאָר נאכט ווערן, פלעגט עמעצער פון די נוט באקאנטע פויערים געבן א ליכט־סיג־נאל, א סימן אז קיין דייטשן זיינען נישטאָ, און די יידן פלעגן זיך ארייננכאפן אין דאָרף צו באזאָרגן זיך מיט שפייז, און שנעל זיך אומקערן אין וואלד אריין צו זייערע בונקערס. די דאָרף־באפעלקערונג האָט זיך פריינדלעך באצויגן צו די יידן און זיי מיטגעהאָלפן מיט אלעם מעגלעכן. ווען עס פלעגן אין דערפל אראָפּקומען דייטשן אָדער אוקראינישע מיליציאנטן, פלעגן זיי תיכף צו וויסן געבן אין וואלד, און די יידן פלעגן אוועקוואנדערן אין אן אנדער וואלד. דאָך זיינען דאָרטן פאָרגע־קומען דריי רויב־מאָרדן, אויסגעפירט פון אומבאקאנטע פארברעכערס. פון אָסטרא־מאָגילע זיינען געבליבן לעבן 29 יידן.

אין כמיעליסקער וואלד האָבן געלעבט 52 יידן. ביי פארשיידענע אָבלאוועס זיינען דאָרט געפאלן 42 יידן און 4 זיינען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. סך הכל 6 מענטשן זיינען פון דאָרט ארוים לעבעדיק.

אין מאליניקער וואלד זיינען פון 40 מענטשן געבליבן ביים לעבן 11. 24 זיינען דערמאָרדעט געוואָרן ביי אָבלאוועס, 5 זיינען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט.

אין וואלד האָרעס איז געווען דער גרעסטער יידישער יישוב. פון 78 האָבן

זיך אָפּגעראַטעוועט 50 מענטשן. פון הונגער און קעלט זיינען געשטאָרבן 9 מענטשן, פון דייטשער מערדער־האַנט 19 מענטשן.

אין קרענציל אָוועער וואַלד האָבן געלעבט 14 מענטשן. ביי אַן איבערפאַל פון „בולבאָווצעס“ (אָנגעהעריקע פון אַן אוקראַינער־באַנדע) זיינען אומגעקומען 3 יידן, צווישן זיי אויך צימער, דער געוועזענער מיטגליד פון יודענראַט אין סקאַלאַט.

אין „אָקנער“ וואַלד האָבן זיך מיינסטנס אויפגעהאַלטן די באַרימטע „פּאַר־טיזאַנער“ פון הערשקעס באַנדע, וואָס וועגן איר גייט די באַשרייבונג אין ווייטער־דיקן קאַפּיטל. פון הערשקעס מענטשן זיינען צוויי געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און דריי זיינען געפאַלן פון באַנדעראָווצעס (אויך אָנגעהעריקע פון אַן אוק־ראַינער־באַנדע). 33 זיינען געבליבן ביים לעבן.

דאָ גיבן מיר איבער אַ באַשרייבונג פון אינזשענער קאָפּלער וועגן זיין לעבן אין וואַלד פון 3.6.1943 ביז 23.3.1944:

„דעם 2.6.1943 אין דער נאַכט זיינען מיר אַ גרופּע פון 5 מענטשן אַנט־לאָפן פון סקאַלאַט. אחוץ מיר זיינען עס געווען: מיין פרוי, העניעק וויינבערג, דוד לאַנדעסמאַן און זיין שוועסטער. מיר זיינען פאַרגאַנגען צום אַזוי גערופענעם וואַלד „האָרעס“, ניט ווייט פון דער קאָלאָניע פון די „קרופּעס“. דאָרטן זיינען מיר געווען ביז סוף חודש יולי. שפּייז האָבן מיר זיך געקויפט אין דער אויבנדערמאָנטער קאָ־לאָניע. כל זמן עס האָט נאָך עקסיסטירט דער סקאַלאַטער לאַגער פלעגן מיר פון צייט צו צייט גיין אין די נעכט אין שטאָט אריין, צום לאַגער, ווו מיר פלעגן בלייבן אַ גאַנצן טאָג, דערליידיקן דאָרט פאַרשיידענע זאַכן, זיך אויך איינקויפן שפּייז, און ביינאַכט פלעגן מיר צוריקגיין אין וואַלד אריין. אין אָנהייב האָבן מיר געוווינט אונטערן פרייען הימל, פון זיכערקייטס וועגן האָבן מיר ניט געוואָלט גראָבן קיין באַהעלטענישן, דערצו האָבן מיר כמעט יעדע פּאָר טעג געמוזט בייטן דאָס אָרט. דאָס אָפּטע גיין אויף דעם זעלבן אָרט פלעגט מאַכן אויסגעטראָטן דאָס גראָז, וואָס האָט געוויזן די דורכגייענדיקע פויערים די שפּורן ווו מיר געפינען זיך. מיר האָבן דערפאַר זייער מורא געהאַט. אחוץ אונדז האָבן זיך דעמאָלט אין דעם וואַלד גע־פונען אַן ערך 15 אַנדערע יידן. נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ און נאָך דער ערשטער לאַגער־אַקציע זיינען צוגעקומען מער מענטשן. נאָכן דורכגיין פון דער סאָוועטישער

פארטיזאנקע, אָנהייב יולי 1943, האָט די סקאלאטער שטאָב ביי דער מיטהילף פון 500 פויערים פון די ארומיקע דערפער, אָרגאניזירט אָבלאווס איבער די וועלדער. זיי האָבן אויך געוואָלט ביי דער געלעגנהייט געפינען די טויטע קערפּערס פון די דייטשן, וואָס זיינען געפאלן אין די לעצטע קאמפן מיט די פארטיזאנער. ביי די אָפּעראציעס האָבן זיי געכאפּט דריי יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדער. א דאנק דער אינטערווענץ פון קאָמענדאנט פישבאכער האָט מען די געכאפּטע דריי יידן ניט דערהרגעט, נאָר זיי איבערגעגעבן אין לאגער סקאלאט, וואָס האָט נאָך דאן עקסיסטירט. געווען זיינען דאָס 2 אנטלאָפענע פון קאמיאָנקער לאגער און בלומענשטיין פון סקאלאט. פון אונדזער גרופּע איז גליקלעכערווייז קיי־נער ניט אריינגעפאלן, ווייל מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין א גאָר אנדערן טייל פון וואלד, ווו מען האָט ניט געזוכט.

נאָך דער צווייטער לאגער־אקציע אין סקאלאט (28. 7. 1943), ווען דער וואלד האָט זיך באפעלקערט מיט א סך נייע ערשט אנטלאָפענע פון לאגער, זיינען מיר געווען געצוואונגען צו זוכן אנדערע ערטער זיך צו באהאלטן. מיר האָבן דאָס געמוזט טאָן, ווייל צוליב דעם צושטראָם פון פרישע מענטשן איז אין דער גאנצער געגנט באקאנט געוואָרן, אז אין דעם וואלד געפינען זיך א סך יידן, און דאָס האָט געקאָנט ברענגען צו א פרישע אָבלאווע. דערצו איז די סיטואציע פאר דערנערונג גע־וואָרן קריטישער, ווייל די דערבייאיקע קאָלאָניע איז באשטאנען אין גאנצן פון פיר נאָספּאָדארעס און האָט ניט געקענט דערנערן אן עולם פון א פּאָר צענדליק מענטשן. לויט אָנווייזונגען פון א באקאנטן פויער ווישקאָווסקי האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן אין אנדערן וואלד, אין דעם אזוי גערופענעם אָסטאפּיער וואלד, וואָס ליגט לעבן דעם קליינעם דערפעלע אָסטרא־מאָגילע. אונדזער גרופּע האָט זיך געהאט דעמאָלט פארגרעסערט ביז 11 מאן. דאָרט האָבן מיר אָנגעטראָפן אין פארשיידענע טיילן פון דעם וואלד 2 גרעסערע גרופּעס יידן. איינע איז געווען די אזוי גערופענע הערשקעס גרופּע פון גזשימאלאָוו, וואָס איז באשטאנען פון עטלעכע און צוואנציק מענטשן און האָט זיך שוין געהאט אויפגעהאלטן אין די וועלדער מערערע חדשים. די צווייטע גרופּע, די אזוי גערופענע גרופּע פון עלפענביין, האָט זיך ערשט געפונען אין וואלד איין טאָג. דאָס זיינען געווען יידן, וועלכע זיינען אנט־לאָפן ערב דער ליקווידאציע פון דעם סקאלאטער לאגער. אין דער ערשטער צייט האָט זיך אין דעם וואלד ניט שלעכט געלעבט. נאָך די טרויעריקע איבערלעבונגען

סכעמע פון סקאלאט און אומגעגנט

אין שטאָט האָבן מיר דאָ פרייער אָפּגעאָטעמט. מיר פלעגן אין דאָרף זיך איינקויפן שפּייז, און מחמת דער וואלד איז געווען ווייניק באזוכט, האָבן פון אונדז גאָר ווייניק געוווּסט און מיר האָבן זיך דאָרט געפילט זיכער. אין א חודש ארום האָבן דורכן וואלד גענומען דורכגיין די צעקלאפּטע רעשטלעך פון א סאָוועטישער פּארטיזאנער גרופּע פון די קארפּאטן, וואָס האָבן זיך איצט געריסן נענטער צום סאָוועטישן פראָנט. זיי פלעגן זיך אין אונדזערע וועלדער יעדעסמאָל פארהאלטן עטלעכע טעג, כדי זיך אָפּצורוען. מיר האָבן זיך מיט אזא גרופּע פון 5 מאן באגעגנט. כדי צו באקומען פּראָוויאנט האָבן זיך די מענטשן פון אונדזער גרופּע אָנגעשלאָסן צו זיי, און צוזאמען מיט הערשקעס גרופּע אונטערגענומען אן איבערפאל אויפן פאָלווארק טוראָוווקע. די מענטשן פון אונדזער גרופּע האָבן פון דאָרט געבראכט פיל פּראָוויאנט. מיר האָבן אויך געבראכט אפילו א לעבעדיקע קו, וואָס מיר האָבן אין וואלד געקוילעט. 2 טעג נאָכאנאנד האָבן מיר געהאט וואָס צו עסן. נאָכן אָנפאל אויפן פאָלווארק האָבן דייטשן געמאכט אן אָבלאווע אויף פארטיזאנער און יידן. א פויער האָט אָנגעוויזן ווו מיר געפינען זיך. מיר זיינען זיך אלע צעלאָפן. דאָך האָבן זיי איינעם פון אונדזערע חברים, דאָלקאָ טענענבוים, געכאפּט. נאָך דער אָבלאווע האָבן אונדז די פארטיזאנער פארלאָזן און מיר האָבן זיך איבערגעטראָגן אין דעם שכנותדיקן וואלד לעבן דעם דאָרף אָקנע. דאָרטן זיינען מיר אין שכנות פון הערשקעס גרופּע אָפּגעווען מער ווי א חודש. אין איינעם א טאָג פון סעפּטעמבער 1943 האָבן די דייטשן געמאכט ווידער אן אבלאווע אויף דעם וועלבן וואלד. עס זיינען אין זייערע הענט ארייַנגעפאלן קרבנות. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אז די טאטן פון הערשקען רופן ארויס א צאָרן ביי די דאָרף-פויערים פון דער אומגעגנט. האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין וואלד פון אָסטרא-מאָגילע. אָנהייב נאָוועמבער האָבן מיר זיך אויסגעגראָבן בונקערס אין טיפן וואלד. באלד האָבן מיר אָבער דורכגעלעבט פּאניק און שרעק. אין מיטן נאָוועמבער האָבן פויערים אויסגעפירט א רויב-מאָרד אויף אונדזער חבר בלאנק. מיר האָבן אים מקבר געווען אין וואלד און זיין פאָטער האָט אָפּגעזאָגט קדיש נאָך אים. א חודש שפּעטער איז אויף דעם זעלבן אופן דערמאָרדעט געוואָרן ראָזענצווייג (א זון פון זלמן לייב). אין דעצעמבער האָבן מיר איבערגעוואנדערט אין וואלד מאליניק, ווייל עס האָט זיך אונדז אויסגעדאכט, אז דאָרט איז קלענער די סכנה. מיר זיינען דאָרט געווען ביזן ערשטן יאנואר 1944. ווען עס האָט זיך צו אונדז דערנענטערט דאָס דייטשע צוריקציען

פון פראַנט האָבן מיר זיך ווידער אומגעקערט אין וואַלד אָסטרא־מאָגילע. דאָרט זיינען מיר טאקע געווען ביז צו דער באפרייאונג, דעם 23סטן מערץ 1944. —“

א צווייטער סקאלאטער ייד, יעקב פערלמוטער, גיט איבער וועגן זיינע איבערלעבונגען אין וואלד:

„אין דער טראגישער נאכט ערב דער קאָמפּלעטער ליקווידאציע פון דעם סקאלאטער לאגער זיינען מיר געזעסן א גרופּע פון פיר מענטשן: מרדכי נתן גינזבערג, גריץ, מענגוס ראָטשטיין און איך און געוואַרט אויף ידיעות וועגן ווייטערדיקן גורל פון דעם לאגער. ארום האלב 11 ביינאכט האָבן מיר באקומען ידיעות פון דער יידישער מיליץ, ווי אויך פון דעם שופּאָ־קאָמענדאנט שניידער, אז די נאכט וועט זיין רואיק. מיר זיינען אלע געגאנגען שלאָפן. מיין פערצן יאָריקער זון האָט זיך אויסגעטאָן. איך בין אָבער געשלאָפן אין די זאכן מורא האָבנדיק פאר ניט דערווארטעטע געשעענישן. ארום 1 א זייגער ביינאכט האָט מיך אן אומבאשרייבלעכע שרעק אויפגעריסן פון דעם שלאָף. וואָס איז געשען? קיינער פון מיינע שכנים געפינט זיך ניט אויף זיין געלעגער. באלד האָב איך באמערקט דורך דער גלאָזטיר, ווי א פאָר לאגער־יידן דרייען זיך ארום מיט א ליכט אין די הענט. איך האָב אויף זיי דערקענט דענערווירטקייט און פחד. זיי האָבן מיך באלד אינפאָרמירט, אז קיינער פון דער מיליץ און פון די אָנפירערס געפינט זיך ניט אין לאגער. איך האָב מיין קינד גיך אויפגעוועקט, געהאָלפן אים אָנטאָן, און אראָפּקומענדיק אין הויף האָב איך אָנגעטראָפן פיל יידן פארצווייפלטע, ניט וויסנדיק וואָס מען האָט צו טאָן. אין דער פאנישער שרעק האָבן א טייל באשלאָסן צו גיין אין שטאָט אריין, כדי זיך ערגעץ אין די חורבות צו באהאלטן, אָדער גאָר אונטער דער באָד. א טייל האָבן געקלערט צו לויפן אין די פעלדער. די מענטשן זיינען זיך גרופּעסווייז צעלאָפן. צוליב מיין קראנקן פוס האָט מיך קיינער מיט זיין גרופּע ניט געוואָלט מיטנעמען. איך האָב מיך מיט מיין זון ארומגעדרייט אין לאגער־הויף ביז ארום האלב פיר. מיר האָבן זיך דאָך געלאָזט אויף גאָטס בארעט. ארויסגייענדיק פון דעם לאגער אין גאס אריין האָבן מיר גלייך אקעגנאיבער בנימין בריקס הייזל זיך אָנגעטראָפן פנים אל פנים מיט א דייטש, וועלכער האָט געטראָגן א ביקס אויף די פלייצעס און א העלם אויפן קאָפּ. עס איז געווען ווירקלעך ווי א נס! אין מיין גרויסער שרעק און הארצקלאפעניש האָב איך עפּעס דערפילט ווי א העכערע קראפט האָט מיך א שלעפּ גע־

טאָן און מיך אויסגעקערעוועט צוריק צום לאַגער. ביי די דראָטן פון דעם לאַגער־הויף זיינען פלוצלונג אויסגעוואקסן 2 קליינע גרופּעס לאַגער־יידן וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ווו צו גיין. „מיר זיינען ארומגערינגעלט מיט דייטשן, און מיר זיינען פארלוירן“ — האָב איך זיי געזאָגט. מחמת גלייכגילטיקייט און רעזיגנאציע האָט איין גרופּע באשלאָסן שוין צו בלייבן אין לאַגער, „ווו האָבן מיר צו גיין?“ -- האָבן זיי געזאָגט. די אנדערע גרופּע איז באלד אריבערגעקראָכן דעם דראָט און ערגעץ אין דער טונקלקייט פארשוואונדן. אויך איך מיט מיין ייִנגל האָבן דאָס זעלבע געטאָן. מיר האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון די פויערישע כאַטקעס און גערטענער. אין לאַגער זיינען דעמאָלט איבערגעבליבן פון 50 ביז 60 עלטערע מענער, פרויען און קינדער, אויסגעמאטערטע און רעזיגנירטע שוין פון לעבן.

בשעת מיר האָבן זיך געשלעפּט איבער די גערטענער האָבן מיר געהערט א כסדרדיקע שיסעריי וואָס האָט אונדז באשטעטיקט, אז די שחיטה האָט זיך אָנגעהויבן. דורך דער נאכט האָבן מיר געוואנדערט, און בייטאָג זיינען מיר געלעגן אין די זאנגען. מיר האָבן זיך ווי צוויי שאָטנס ארומגעבלאָנקעט איבער פעלדער און גערטענער. אין דער נעץ פון די רעגנס און אין דער קעלט פון טריבע פארטאָגן. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צום דאָרף פּאַלופּאַנאָווקע. מיר זיינען געווען דאָרשטיק און הונגעריק. מיר זיינען אריינגעקומען צו א פּויער וואָס האָט אונדז געגעבן טרינקען און עסן. מורא האָבנדיק אָבער פאר דער אייגענער הויט, האָט ער ניט מסכים געווען אונדז צו האלטן. ער האָט אונדז בלויז געוויזן דעם וועג אין וואלד אריין. מיר האָבן זיך דאָרט באגעגנט מיט נאָך צוויי אחים לצרה, איתמר און ישראל ווערבער פון כמיעליסק. אין די ערשטע 10 טעג זיינען צו אונדז צוגעקומען נאָך צען יידן. די ברידער ווערבער, איך און מיין זון האָבן זיך באלד איבערגעטראָגן אין אן אנדער טייל פון וואלד. דאָרטן האָבן מיר אָנגעטראָפן דריי מיידלעך און 2 קינדער יתומים. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר באמערקט, ווי צוויי גרויסע הינט זיינען פארביי אונדז דורכגעלאָפן. מיר האָבן זיך דערשראָקן, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אז דאָ ניט ווייט געפינען זיך דייטשן אויף געיעג. מיר האָבן קוים דערצויגן דעם אויפדערנאכט, כדי קענען וועגן דעם פאל צו וויסן געבן די אלע יידן אין וואלד. מיר האָבן אויך באשלאָסן צו פארלאָזן דעם געפערלעכן וואלד־טייל און פאַרגיין עטלעכע ק"מ ווייטער. אין די טיפענישן פון דעם זעלבן וואלד. מיר זיינען שוין דעמאָלט געווען 19 מאן. אויף דעם נייעם אָרט האָבן מיר זיך געמאכט גע=

צעלטן פון צווייגן. גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר געהאט מיט דער באַשפּייזונג. אין די נעכט פלעגן יחידים גיין אין די דערפער צו באַקאַנטע פויערים איינקויפן א ביסל פּראָדוקטן. צום וואַסער־קוואַל איז געווען זייער א ווייטער מהלך. נאָך 2 וואָכן זיינען מיר אַנטדעקט געוואָרן פון א פאַסטעך. ער האָט אונדז אָבער צוגעזאָגט קיי־נעם דעם סוד ניט צו דערציילן. ניט געקוקט אויף דעם האָבן מיר באַשלאָסן זיך איבערצוטראָגן אויף דער צווייטער זייט פון דעם וואַלד, נעענטער צום דאָרף כמיע־ליסק. דאָרטן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט א גרופּע פון עלף יידן. דער יישוב האָט שוין דאָ באַטראָפן 30 מענטשן. מיר האָבן אין דעם אָרט פאַרבראַכט א פּאָר וואָכן.

עס האָט זיך דערנענטערט דער הארבסט. עס איז געווען קאַלט און רעגנס האָבן אונדז געוואַשן. מיר האָבן דערפאַר אָנגעהויבן צו בויען א בונקער. אין דער זעלבער צייט זיינען אין דאָרף כמיעליסק פאָרגעקומען רעוויזיעס אויף יידן. מיר זיינען געוואויר געוואָרן, אז מען האָט פיל יידן געכאַפּט, אויך גרייטן זיך די דייטשן מיט אַן איבערפאַל אויפן וואַלד־יישוב. מיר האָבן געלאָזט דעם בונקער א ניט־פאַר־ענדיקטן און זיך ווידער נעלאָזן אין אַן אַנדער אָרט. אָנקומענדיק אין וואַלד מאַלי־גיק האָבן מיר דאָרט אָנגעטראָפן צוועלף יידן. עס איז גראָד געווען ערב יום־כיפּור, האָבן מיר זיך פאַרפאַסט מיט געבראָטענע קאַרטאָפל, און משה ליב העכט האָט אויסוויייניק געזאָגט כל־נדרי. אויך האָט טוני שוואַרץ אויף מאָרגן געדאַוונט און מיר האָבן זיך איינגעהערט צו די טרויעריקע תפילות. אין דעם אָרט האָבן מיר זיך אויפגעבויט שאַלאַשן פון צווייגן, און אין פחד, פאַרצווייפלונג, רעגנס און קעלט האָבן מיר דאָ דורכגעלעבט ביז ענדע נאָוועמבער 1943. אין א געוויסן אינדערפרי קומט דער פויער זיעמבא פון האָראָדניצע מיט א ביקס אין דער האַנט און פאַר־האַלט ערגעץ מיין זון אויפן וועג נאָך וואַסער. ער פרעגט אים אויס וויפל יידן מיר זיינען אין וואַלד און צי פאַרמאָגן מיר געווער. זיעמבא האָט אים באַפוילן, אז אין א האַלבער שעה דאַרפן אים די יידן ברענגען דאָס גאַנצע געלט און גאָלד, און ווען ניט, וועט ער געבן א פייף, און עס קומען נאָך פיל פון זיינע באַוואָפנטע חברים, וואָס וועלן אויסקוילען אַלע יידן . . . מיין זון איז געקומען צו לויפן א פאַרסאָפּע־טער און אונדז דאָס אַלץ דערציילט. מיר זיינען באַלד אַנטלאָפן אין גרויס פּאַניק אין אַן אַנדער טייל פון דעם וואַלד. זיעמבא, וואָס האָט געוואַרט די האַלבע שעה, און זיך ניט געקענט דערוואַרטן, איז אריין צווישן די צעלטן פון די אַנדערע יידן, ער האָט גראָד אָנגעטראָפן ריסיע קאַץ און ביי איר צוגערויבט דאָס גאַנצע פאַר־

מעגן, וואָס איז באשטאנען פון א פּאָר צענדליק זלאָטעס. אלע אנדערע יידן זיינען זיך צעלאָפן. ווען ער האָט זיך געלאָזט אונדז ווידער זוכן אין אנדערע טיילן פון דעם וואלד, האָט אים באגעגנט דער געוועזענער באקאנטער לאָדזער באָקסער שווארץ (איינער פון אונדזער גרופּע), ווען עס איז געלונגען נאָך א קורצן גע־שלעג צוצונעמען ביים באנדיט די ביקס און דאָס היטל.

מיר האָבן שוין געזען, אז דאָ קען מען ווייטער נים בלייבן, האָבן מיר בא־שלאָסן זיך איינצוטיילן אין קלענערע גרופּעס און זיך לאָזן וואנדערן אין פארשיי־דענע אנדערע וועלדער. איך מיט מיין גרופּע זיינען געגאנגען צום וואלד האָרעס, 4 ק"מ ווייט פון דאנעט. מיר האָבן געהאט זייער א שווערן וועג. עס האָט געבושעוועט א זאווערוכע, און עטלעכע שעה זיינען מיר געלעגן פארדעקט אין שניי און נים געוווּסט דעם וועג. הונגעריקע און האלב פארפרוירענע זיינען מיר ערשט פאר־טאָג אָנגעקומען צום באשטימטן וואלד. מיר האָבן אָנגעהויבן צו גראָבן א בונקער פאר 18 מענטשן. מאיר גרינפעלד האָט אונדז דערביי פיל מיטגעהאָלפן. מאיר גרינפעלד האָט בכלל פיל אויפגעטאָן און מיטגעהאָלפן די יידן אין די וועלדער. ער איז געווען דער פארבינדונגס־מאן פון אלע וואלד־יידן. נאָך נים האָבנדיק באוויזן אויסצוענדיקן דעם בונקער, זיינען אונדז אין דעצעמבער באפאלן דריי באקאנטע פּוילישע פּויערים קרופּא, בענצאר און ווישקאָווסקי. אונטערן אויסרייד פון זוכן גע־ווער האָבן זיי אונדז געוואָלט בארויבן. דערביי האָבן זיי אָפּגעטאָן זייער מיאוסע זאכן, ווי פארגוואלדיקט, געשלאָגן, חרוב געמאכט דעם בונקער און צעבראָכן דאָס אייזערנע קיכל. שפּעטער זיינען צו אונדז די פּויערים מער נים געקומען. ווי מיר זיינען דערנאָך געוואויר געוואָרן האָבן זיי באקומען וואָרענונגס־בריוו פון עפּעס א פּוילישן קאָמיטעט, וואָס האָט אפּעלירט צו זייער געוויסן, זיי זאָלן נים פארפלעקן דעם כבוד פון דעם פּוילישן פאָלק.

מיר האָבן זיך צוגעוווינט צום שווערן וואלד־לעבן. מיר האָבן אויסגעענדיקט דעם בונקער. יעדער האָט באקומען צוגעוויזן א שטיקל אָרט צום שלאָפן: 30 צענ־טימעטער די ברייט, 1 מעטער 70 די לענג. די לייז האָבן אונדז זייער געפּלאָגט. די וועש פלעגן מיר זיך וואשן אין שניי. פון אונדזערע בונקער־מענטשן האָב איך גע־שאפן א קאָלעקטיוו. איך האָב איינגעטיילט די ארבעט צווישן אונדז: באזונדערע קאָמיסיעס פאר דער קיך, פאר האָלץ האקן, פאר שפּייז־פארזאָרגונג, פאר פינאנסן או"וו. אין די פרייע שעהן פלעגן מיר זיך דערציילן מעשיות. מאנכמאָל פלעגן מיר

פון דאָרף באַקומען ציימונגען, פון וועלכע מיר פלעגן מיט שפאנונג אויפכאפן יעדעס וואָרט. אמאָל פלעגן מיר זינגען יידישע פאָלקסלידער אָדער חזנישע ניגונים. מיר פלעגן אָפּהאלטן יאָרצייטן און כמעט אין אלע רואיקע טעג דאווענען מיט א מנין. קדיש האָט יעדער פון אונדז געזאָגט, ווייל עס איז פון אונדז קיין איינער ניט געווען, ער זאָל ניט האָבן פארלוירן עמעצן פון דער מישפחה. מיר פלעגן פירן וויכוחים און זיך טרייסטן מיט גוטע בשורות און ווייטע האָפענונגען. אָבער יעדע פּאָר טעג האָט צווישן אונדז אויפגעוואכט א שווערע פאניק און שרעק. מען האָט גערעדט אז אין יאנואר באדארפן פאָרקומען אין די וועלדער יאגדן, בעת וועלכע בייזע הינט און מענטשן וועלן קענען פאלן אויף אונדזערע שפורן. גוטע פויערים האָבן געוואָרנט פאר אָבלאוועס, וואָס אוקראאינער און דייטשן האָבן בדעה צו אָרגאניזירן. שטענדיק זיינען געווען סיבות, וואָס האָבן גערויבט די רו און דעם שלאָף. אין אנדערע טיילן פון דעם זעלבן וואלד האָבן געלעבט פון 40 ביז 50 סקאלאטער יידן אין די זעלבע באדינגונגען ווי מיר. יעדעס מאָל פלעגן זיך אָפּרייסן באזונדערע קליינע גרופּעס און פלעגן וואנדערן אין אנדערע וועלדער. די אייביקע מורא פארן טויט האָט געעקבערט דעם מוח. דורך די נעכט פלעגט מען זיך ארומבלאָנקען ווי שאָטנס, זוכן מער שוץ און זיכערקייט. מאנכע גרופּעס פלעגן אוועקגיין און נאָך שווערע אומבלאנדזשענישן זיך צוריק אומקערן צום אלטן אָרט. א גרופּע פון זיבן מענטשן האָט זיך אויסגעהאקט א באהעלטעניש אין א פעלז אונטערן שטעטל. ביי אזעלכע וואנדערונגען איז פון א דייטשער קויל געפאלן דעם געאָמעטער ווייסטויבס זון.

ארום מיטן פעברואר 1944 זיינען כמעט אלע מענטשן צוריקגעקומען. מיר האָבן ווידער א פּאָר וואָכן רואיק געלעבט, ביז די באקאנטע איבערפאלן פון די פאָלקס⸗דייטשן, וועלכע האָבן פאר יעדן יידישן קאָפּ באקומען א פּרעמיע. מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט שרעקלעכע טעג. מיר האָבן באצאָלט מיט צוויי קרבנות: לייב פון טארנאָפּאָל און מענגום ראָטשטיין (דוד ראָטשטיינס אייניקל, פון סקאלאט). מיר זיינען געווען ארומגערינגלט. אין וואלד האָט געהילכט א שיסעריי און מיר האָבן זיך כאאָטיש צעשאָטן איבער דער לענג און ברייט פון וואלד. די על⸗פי⸗נס אָפּגעראטעוועטע האָבן געזוכט פרישע באהעלטענישן. א טייל זיינען געגאנגען צו פויערים, א טייל אין אנדערע וועלדער. מיר זיינען געבליבן זיבן מענטשן, ניט האָבנדיק ווו צו גיין. נאָך וואקלענישן האָבן מיר זיך אנטשלאָסן צו

ניין צום מאליניקער וואלד. דאָרט איז ערשט ניט לאנג פאָרגעקומען אן איבערפאל מיט פיל קרבנות. מיר זיינען אָנגעקומען צו א בונקער, וואָס איז שוין געווען פון פריער אנטדעקט. ער איז געווען הפקר און חרוב, גלייך ווי אונדזער לעבן. מיר האָבן דאָרט פארבראכט אין די שווערסטע באדינגונגען. דער עיקר האָבן מיר געליטן, וואָס מיר האָבן ניט געהאט קיין פייער. דערצו האָבן מיר ממש געהונגערט. מיר האָבן זיך דערנערט מיט שניי און מיט ווייסע פארפרויערענע בוריקעס, איבער־געבליבענע רעשטלעך פון די אויסגעהרגעטע יידן. שפּעטער א פּאָר טעג האָבן מיר אויך אָנגעטראָפן אין אן אנדערן צעשטערטן בונקער א גרופּע פון זיבן יידן. אויפן דרייצנטן טאָג האָבן מיר געהאט א באזוך פון צוויי עלעגאנטע, ציוויל אָנגעטאָנענע דייטשן. שטייענדיק אזוי ביים ארייננאנג פון דער חורבה, האָבן זיי אָנגעהויבן ארויסרופן פון דעם בונקער. אייניקע פון אונדז זיינען ארויסגעקראָכן, גלייבנדיק צו קריגן א שטיקל ברויט. די דייטשן האָבן פאר זיך געזען לעבעדיקע מתים, אָפּגערי־סענע און בארוועסע, קראנקע און געשוואָלענע. זיי האָבן געזאָגט, אז זיי וועלן נאָך קומען. מיר האָבן פארשיידן אויסגעטייטשט די באגעגעניש. מיר זיינען שוין צום לעבן געווען גלייכגילטיק. די דייטשן זיינען אָבער מער ניט געקומען. אונדזער איינ־געפאלענער בונקער האָט געהאט צוויי אָפּטיילונגען. אין איינעם פון זיי האָט זיך געפונען דער ערשטער פּיאָנער פון דעם וואלד, פראָשגאנג מיט זיין קינד, א הויקער־דיקער יונגערמאן פון גזשימאלאָוו, שווארץ האָט ער געהייסן, צוויי סקאלאפּער יינגלעך (פּסח־יאָסל שאמעסעס אייניקלעך). זיי אלע זיינען געווען געשוואָלן און קראנק, אָפּגעשאָטן מיט לייז. עס איז געווען א שרעק אויף זיי צו קוקן.

צוליב די גרויסע פרעסט און שניי־פארווייאונגען איז אוממעגלעך געווען צו באקומען שפּייז. אייניקע האָבן זיך געלאָזט גיין, אָבער באלד זיך אומגעקערט. זעענדיק ווי אויסזיכטסלאָז עס איז דאָ צו בלייבן, האָבן מיר באשלאָסן ווידעראמאָל צוריקצוגיין אין די האָרעס, צו אונדזער שוין אנטדעקטן בונקער. „טוב חללי חרב מחללי רעב“, שוין בעסער אומקומען פון שווערד ווי פון הונגער, האָב איך געזאָגט, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אריין. אָפּגייענדיק א פּאָר ק"מ האָבן מיר אָנ־געטראָפן אויף א גרויס פייער אין וואלד. הונדערטערביימער האָבן געברענט. מיר האָבן זיך געוואָרעמט ביי די פלאמען. מיר האָבן זיך אויך אָפּגעקאָכט פון שניי אויסגעלאָזטע וואסער. מיר האָבן געלאָשן אונדזער הונגער און דאָרשט מיט הייס וואסער, זיך אויסגערוט און ווייטער געגאנגען. צוריקגעגאנגען זיינען מיר בלויז

9 מאן, ווייל 5 זײַנען ניט געווען טראנספּאָרט־פעאיק. זיי זיינען אויך א פּאָר טעג שפּעטער געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. מיר האָבן פארבראכט נאָך דריי וואָכן אין אונדזער אלטן בונקער אויף די הארעס. די סאָוועטישע חיילות האָבן זיך דער־נענטערט. מיר האָבן געהערט שרעקלעכע קאנאָנאדעס. ארום אונדזער וואלד האָבן געראָלט דייטשע „טיגערן", וואָס האָבן באשאָסן דעם וואלד. די סאָוועטן האָבן אָבער באהערשט דעם וואלד. ווען די סאָוועטישע סאָלדאטן זיינען פון אונדז גע־וויר געוואָרן, האָבן זיי צו אונדז געשיקט א דאָקטאָר און מען האָט אונדז פאר־נומען צום הינטערלאנד. אויפן וועג איז פלוצלונג געשטאָרבן אפרים ליבליך.

אונדזערע קליינע רעשטלעך פון די וועלדער זיינען צוריקגעקומען אין דעם חרובן סקאלאט. מיר זיינען פון דאָרטן אלע אנטלאָפן, כדי אויף דער ווייטער וועלט צו בויען זיך א לעבן. אין סקאלאט האָבן מיר איבערגעלאָזט די קברים, אונדזערע יידישע קברים..."

<u>מיינע איינענע איבערלעבונגען אין וואלד:</u>

אין דעם זעלבן טאָג ווען מיין מאמע און איך זיינען געקומען אין אָסטרא־מאָנילער וואלד, איז דורך אן אומבאקאנטן פארברעכער דערמאָרדעט געוואָרן א ייד. דער טויטער קערפּער איז שוין געלעגן ביים ראנד פון דעם וואלד. דאָס האָבן אים די פּויערים פון דעם דערפל צוגעפירט, כדי די יידן אליין זאָלן אים מקבר זיין. קיינער האָט אָבער וועגן דעם איצט ניט געקלערט, אפילו ניט דער איינענער פאָטער פון דעם בר־מינן, ווייל יידן האָבן מורא געהאט פאר אן אָבלאווע. ציטערנדיקע און דערשראָקענע זיינען א צוויי צענדליק יידן ארויסגעקראָכן פון די בונקערס און האָבן זיך באלד פאָרמירט אין גרופּעס, וואָס האָבן אין גרויס איילעניש און פּאניק זיך צעשפּרייט אין פארשיידענע ריכטונגען פון דעם וואלד. אונדז, די ערשט נאָר וואָס אָנגעקומענע, האָט קיינער ניט געוואָלט קענען. מיר זיינען איבערגעבליבן אין וואלד פארצווייפלטע און אומבאהאָלפענע. ווי לויפט מען, אז מיר קענען ניט די וועגן?

פלוצלונג איז ווי פון אונטער דער ערד ארויסגעוואקסן מאיר גרינפעלד מיט פרוי כריין. אויך זיי האָבן א גאנצע נאכט געוואנדערט אין בארטניקס וואלד גלייך ווי מיר, און האָבן זיך קוים דערשלעפּט אהער. דאָס באגעגענען מיין חבר

פון די יונגע יאָרן דווקא ביי אזא שווערן מאָמענט און אין אזעלכע באדינגונגען איז פאר מיר געווען ווי עפעס אן אומבאגרייפלעכע און וווּנדערלעכע געשעעניש. מיר זיינען זיך געלעגן אין די אָרעמס און געוויינט. מיר האָבן אויף א מאָמענט פאר־געסן די טרויעריקייט און די שוועבנדיקע סכנה ארום אונדז. „קומט מיט מיר, איך קען אלע וועגן און סטיעזשקעס!“—האָט גרינפעלד געזאָגט. מיר זיינען זאלבעפערט געגאנגען אויף געדרייטע וועגן, צווישן געדיכטע צווייגן, שעהן גאנצע, קילאָמעטערס פיל, ביז א גאָר אנדערן וואלד. דערנאָך האָבן מיר זיך ערגעץ פארשטופט אין א געדיכטעניש פון קוסטעס און האָבן זיך אָפּגערוט. מיר האָבן זיך אין דער שטיל דערציילט וועגן די ביז איצטיקע איבערלעבענישן און געמאכט פּלענער אויף אונד־זער צווייפלהאפטער צוקונפט. אין שפּעטן אָוונט האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צום אָסטרא־מאָגילער וואלד. מיר האָבן זיך באגעגנט מיט די יידן. די שרעק איז גע־ווען אן אומזיסטע. נאָך דעם ווי די אוקראינישע מיליץ האָט בודק געווען דעם טויטן און זיך איבערצייגט, אז דאָס איז א ייד, האָבן זיי בלויז אָפּגעשריבן א פּראָטאָקאָל און זיך ווייטער געפאָרן. מיר האָבן גענעכטיקט אין בונקער פון פאמיליע בלאנק. צו מאָרגנס זיינען מיר אלע געגאנגען מיט רידלען און העק מקבר צו זיין דעם טויטן. שפּעטער הארבסט, דער אינדערפרי איז געווען פארנעפּלט און טריב. נאָכן אָפּטאָן די ארבעט זיינען מיר אלע געשטאנען ארום דעם פרישן קבר מיט אראָפּ־געבויגענע קעפּ און געשוויגן. בלויז דער ווינט האָט געפייפט און די ביימער האָבן געראוישט, גלייך ווי זיי וואָלטן קדיש געזאָגט. ביים ראנד פון וואלד, ניט ווייט פון דער סטיעזשקע, צווישן צוויי הויכע ביימער מיט נאקעטע צווייגן, ווי אויסגע־שטרעקטע הענט, איז געלעגן דער קבר פון א יונג יידיש לעבן, וואָס האָט שוין זיינס איבערגעקומען. מיר האָבן דאָס בערגל ערד פארדעקט מיט געלע בלעטער, באַ־וועגלעכע פון דעם ווינט, און בוציע עלפּענביין האָט מיט א מעסערל אין דער קאָרע פון איינעם פון די ביימער אויסגעקריצט די ראשי־תיבות פון דעם דערמאָרדעטנס נאָמען: נ. ב. „זאָל דאָס זיין די מצבה“, האָט ער געזאָגט. מיר האָבן זיך דערנאָך אומגעקערט צו אונדזערע „וווינונגען“ אין וואלד. מען האָט צונויפגעבראכט פאר־טריקנטע צווייגן. צווישן 2 שטיינער האָט אויפגעפלאמט א פייער, אויף וועלכן עס האָט זיך געקאָכט א גרויסער טאָפּ מיט זופּ. די יידן אין וואלד האָבן אונדז ניט נערן געזען. זיי האָבן מורא געהאט, ווייל די פויערים האלטן אונדז פאר רייכע. „דאָס קען צוציען אן אומגליק“, האָבן זיי געזאגט. „דער וואלד איז גענוג גרויס,

מאכט אייך אין אן אנדער טייל פון דעם וואלד א בונקער". אין דער אמתן האָבן טאקע פויערים געלויערט אויף אונדז. מיר האָבן באשלאָסן ווי צום ניכסטן ניין פון דאנען. אויף יעדן שריט האָבן מיר געפילט א געפאר. גרינפעלד איז ביי־נאכט אוועקגעגאנגען זוכן א באהעלטעניש ביי א פויער. נאָך צוועלף טעג אויפ־האלטן אין אָסטרא־מאָגילער וואלד האָבן מיר זיך אין א שנייאיקער נאכט געלאָזט אין וועג אריין. אין טיפער נאכט זיינען מיר דורכגעגאנגען פארביי די גרויסע מאסן־קברים אין מיטן פעלד. די בערגלעך זיינען געווען באדעקט מיט שניי, און די צוועלף הויכע טאָפּאָלעס דערביי האָבן ארויסגעקוקט פון דעם ווייסן הינטערגרונט ווי מצבות, וואָס שטרעקן זיך העכער, אלץ נענטער צום הימל. אונדזערע פיס אויפן שניי האָבן די ערשטע אויסגעדריקט א קראנץ פון מענטשלעכע טריט, דער ערשטער נאָגנג אויף קבר־אבות אין אזא אומהיימלעכער און שווערער שעה. מיין פאָטער האָט דאָ צוזאמען מיט אלע אנדערע קדושים געפונען דעם טויט. איך האָב פון מיר ארויסגעבראכט די ערשטע ווערטער פון קדיש. מער האָב איך ניט געקאָנט. זיי זיינען דערשטיקט געוואָרן אין טרערן. מיר זיינען גיך אנטלאָפן פון דעם בלוטיקן אָרט.

מיט מזל זיינען מיר אָנגעקומען צום פויער, דעם ווילטוער. מיר זיינען פארטיק געוואָרן מיטן מקח. אן איינזאמע כאטע אין מיטן פעלד. א קלוגער פויער, א נעשעפטסמאן, דערצו אויך אן אוקראינער, איז דאָס געווען אונדזער מכנים אורח. א געלעגער, א מאָלצייט און א ווארעמקייט פרישט אויף די מידע גלידער. גרינפעלד וויל פון אונדז אוועקגיין. מיר לאָזן אים ניט. עס ציט אים צוריק אין וואלד אריין. ער איז געבליבן. מיר האָבן זיך געפילט זייער גליקלעך אין דעם נייעם באהעלטעניש.

עס זיינען וואָכן פארגאנגען. אין די נעכט פלעגט זיך גרינפעלד ארויסגנבע־נען אין די וועלדער, ווו יידן האָבן זיך געפונען, כדי צו זען זייערע לעבנס־באדינ־גונגען. אונדזער פויער פלעגט קרום קוקן אויף אזעלכע מארשרוטן. דאָס קען צוציען א פארדאכט, און דעמאָלט זיינען מיר אלע פארלוירן. דערווייל איז אויסגעגאנגען אונדזער געלט. גרינפעלד האָט זיך אונטערגענומען אויסצוגראָבן אונדזער געלט, וואָס האָט זיך געפונען אין אונדזער הויז אין שטאָט, ווו עס האָבן איצט געלעבט קריסטן. אים איז די זאך געלונגען, און דאָס איז באמת געווען א העלדישער טאָט. אויך איז דאָס ארומוואנדערן אין די נעכט געווען לעבנסגעפערלעך. דאָס וואָס גרינ־

פעלד האָט געקאָנט אויפטאָן, האָט אן אנדערער ניט געקאָנט. ער האָט פארמאָגט גרויס דרייסט. ניט איינמאָל האָט ער געוואגט קארק־ברעכערישע אונטערנעמונגען, און דאָס מזל האָט אים תמיד צוגעשפּילט. לויט דעם לעצטן באריכט פון דעם לעבן אין וואלד, זיינען פיל יידן קראנק געוואָרן אויף קרעץ, די קעלטן און דער הונגער מאכן אוממעגלעך דאָס ווייטערדיקע לעבן. מיר האָבן דערפאר נעקלערט וועגן א פּראקטישער הילף פאר די וואלד־יידן. גרינפעלד איז ביינאכט געגאנגען צו זיינע באקאנטע קריסטן, אויסגעביטן ביי זיי 110 דאָלאר און געבראכט פאר זיי 9000 זלאָטעס. נאָך אין דער זעלבער נאכט איז צווישן די וואלד־יידן פון די האָרעם און אָסטרא־מאָגילע פארטיילט געוואָרן דאָס געלט. „דאָס האָט אייך געשיקט דער פּוילישער קאָמיטעט“ — האָט גרינפעלד די יידן געזאָגט. „אויב היינט צו טאָג געשעען אזעלכע ניסים, איז א סימן אז מיר וועלן איבערלעבן דעם קריג!“ — האָט איינער פון די וואלד־יידן, מענוס ראָטשטיין, געזאָגט. (ליידער האָט דער לעצטער ניט איבערגעלעבט; פאָלקס־דייטשן האָבן אים דערשאָסן), און יעדער האָט נאאיוו געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אזא איידעלן טאט. גרינפעלד האָט פון דעם וואלד צוריקגעבראכט א רשימה מיט אונטערשריפטן, וואָס באשטעטיקן דעם דערהאלט פון דעם אויסגעטיילטן געלט. דער טאט האָט אין די וואלד־יידן ארייגעבלאָזן א נייעם רוח־חיים. עס האָט זיך געהאָפט און געגלויבט אין א בעסערן מאָרגן. א קלייניקייט עפּעס, א פּוילישער קאָמיטעט וואָס העלפט יידן!“...

די זעלבע באָבע־מעשה האָבן מיר דערציילט אונדזער פּויער, דעם ווילטוער, וועלכער איז דערפון גערירט געוואָרן ביז טרערן. ער האָט ארויסגעכאפּט פון קעשענע 250 זלאָטעס און געזאָגט: „נאט אייך אויך א צושטייער און פארשרייבט מיך אויך אין פּוילישן הילפס־קאָמיטעט, כאָטש איך בין אן אוקראינער.“ מיר האָבן, פארשטייט זיך, אויסגענוצט דעם גינסטיקן מאָמענט, כדי אויסצוברייטערן די הילפס־ארבעט פאר די וואלד־יידן. א פּאָר טעג שפּעטער איז פארזאָרגט געוואָרן זאלב און אנדערע מעדיקאמענטן פאר די קראנקע, אויך האָבן מיר צונויפגעקליבן א ביסל מלבושים, וואָס איז אין טיפער נאכט אוועקגעטראָגן געוואָרן אין וואלד אריין. אונטער אונדזער רעדאקציע (און מיטווירקונג אויך פון פּויער) איז געשריבן געוואָרן אין נאָמען פון פּוילישן קאָמיטעט בריוו צו די פּוילישע איבערפאלערס ווישקאָווסקי און בענצאר, אז עס פּאסט ניט פאר פּאָליאקן צו טאָן אזעלכע שענדלעכע טאטן קעגן יידן. דאָס האָט געהאָלפן, און די באנדיטן זיינען אין

וואַלד אַריין מער ניט געקומען. מיר האָבן אויך געהאַט צוגעגרייט אַ גרעסערן קוואַנטום פּראָוויאַנט, קאַרטאָפל, פּעטס און גריפּן, וואָס האָט גענצלט מיטן פֿויערס פערד אָפּגעשטעלט ווערן אויף אַן אָפּגעמערקט אָרט אין וואַלד. דאָס איז שוין אָבער ניט אויסגעפירט געוואָרן, ווייל עס האָבן זיך פלוצלונג ביים פויער אין שטוב איינ־ געקוואַרטירט פאָלקס־דייטשן, אויך אין שטאל זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן זייערע פערד, וואָס זיינען טאָג און נאַכט געהיט געוואָרן פון אַ וואַך. מיר זיינען אין גרויס איילעניש אַרויפגעשפּרונגען אויפן בוידעם, אויף וועלכן עס האָט אַ געהיימע גוט מאַסקירטער לאָך געפירט צו אַ שמאָלן באַהעלטעניש צווישן צוויי פאַרמויערטע ווענט. מיר האָבן זיך געפונען אונטער איין דאַך מיט די דייטשן, בלויז אַ וואַנט האָט אונדז אָפּגעטיילט פון זיי. דאָס האָט אויך איבערגעריסן אונדזער קאָנטאַקט מיטן וואַלד. עס איז צו אונדז צוגעקומען נאָך אַ ייד, וועלכן דער פויער האָט ביז איצט געהאַלטן אין שטאל, און מיר האָבן פון דעם ניט געוווּסט. דאָס איז געווען אשר קליינער פון סקאַלאַט. דערפאַר, וואָס ער האָט דאָרט געמאַכט פאַרשיידענע סטאָליאַר־אַרבעטן האָט מען אים אויסבאַהאַלטן און געשפּייזט.

אין די איינגעמויערטע ווענט האָבן מיר איבערגעלעבט שווערע טעג. מיר האָבן מקנא געווען די יידן, וואָס לעבן אויף [illegible] אין וואַלד. יעדע מינוט איז געווען סכנהדיק, צוליב דעם כסדרדיקן דרייען זיך פון די דייטשן, וואָס האָבן גע־ [illegible] אַרויפקומען אויף אונדזער שפּור. אויך האָט זיך (און מיט רעכט) אונדזער פויער זייער דענערווירט. „גאָלדענע איינשפּריצונגען" האָבן יעדעס מאָל ווייכער געמאַכט דעם ווילטוערס האַרץ. (און דערצו איז אויך קיין ברירה ניט געווען, ווען מיר וואָלטן אפילו געגאַנגען, וואָלטן די סטאַבילע וואַכן דאָס אוממעגלעך גע־ מאַכט). מיר אַלע האָבן געלעבט אין גרויסער שרעק. דער פויער האָט אונדז איבער־ געגעבן, אַז די זעלבע דייטשן, וואָס וווינען ביי אונדז, מאַכן איבער די וועלדער אָב־ לאַוועס און זיי האָבן שוין פיל יידן געכאַפּט. פאַר די העלדישע טאַטן באַקומען זיי פּרעמיעס פון דער פּאָליציי: בראַנפן און צוקער. ווען די דייטשן פלעגן זיך איינ־ אָרדענען הוליאַנקעס, האָבן מיר דאָס געהערט דורך דער וואַנט, וואָס האָט אונדז פון זיי אָפּגעטיילט. מיר פלעגן שוין דאַן אויך וויסן, אַז נאָך יידישע לעבנס זיינען געפאַלן פון זייערע הענט.

ווען דער סאָוועטישער פראָנט האָט זיך דערנענטערט און מיר האָבן גע־ הערט די שטאַרקע קאַנאָנאַדעס פון אַרטילעריע און באָמבעס־אויפרייסן, האָבן מיר

פארשטאנען, אז די הילף איז נאָענט. אונדזער ברויטנעבער האָט אונדז וועגן דעם ניט געזאָגט, ווייל ער האָט אונדז ניט געוואָלט אָנטאָן דעם פארגעניגן. ער האָט פאר די סאָוועטן נאָך מער מורא געהאט ווי פאר די דייטשן. אין איינער א נאכט האָבן מיר דורך דער וואנט געהערט, ווי די גאנצע בני־בית פון אונדזער פויער זינגען געבעטן מיט תחנונים און ביטערן געוויין, „דער רבונו של עולם מעג זיך מרחם זיין און ניט לאָזן אריינקומען די באָלשעוויקעס; וואָס וועט זיין מיט די בהמות און פעלדער!..“ אונדזערע תפילות אליין זיינען אָבער געווען פון א פארקערטן אינהאלט... אויף מאָרגן האָבן זיך שוין אונטער אונדזער דאך געפונען סאָוועטישע סאָלדאטן, און די קאמפס־אָפּעראציעס האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף אונדזער הויף. מיר האָבן זיך געפונען אין סאמע פייער... ביינאכט האָט אונדז דער פויער ארויסגעטריבן פון דעם באהעלטעניש. „גייט אין וואלד אריין, באלד קומען צוריק די דייטשן, די סאָוועטן האָבן זיך צוריקגעצויגן. א ניט, זיינען מיר אלע פארלוירן.“ אונטערן האָגל פון קוילן און אין שיין פון ראקעטן האָבן מיר זיך, קריכנדיק אויף אלע פיר, קוים דערשלעפּט אין וואלד אריין. דאָרטן זיינען שוין געווען די סאָוועטן. לויט זייער עצה זיינען כמעט אלע יידן אוועק דורך דער פראָנטליניע צום הינטערלאנד, אין דאָרף מאָלטשאנאָווקע, ווו דריי יידן האָבן ביי א דייטשן לופטאָנגריף באצאָלט מיט זייער לעבן. מיר זיינען דערנאָך געווויר געוואָרן, אז אין דער כאטע, ווו מיר זיינען געווען באהאלטן, איז 2 שעה נאָך אונדזער אוועקגיין אריינגעפאלן א באָמבע, וואָס האָט צעשטערט דעם גאנצן בנין. פון דעם פויערס ארויסטרייבן האָט זיך אויסגעלאָזט גוט פאר אונדז.

נאָך שווערע צוועלף טעג באלאגערונג, קאמף, פייער און בלוט, האָט זיך דער וואלד־יישוב ליקווידירט. סקאלאט איז באפרייט געוואָרן. עם האָבן זיך אומגעקערט די קליינע רעשטלעך פון דעם וואלד, רעשטלעך פון דעם מער טויזנטיקן יידישן יישוב אין סקאלאט. זיי זיינען צוריקגעקומען אויסגעמאטערטע, צעבראָכענע און קראנקע.

הערשקע מיט דער באַנדע

אין דער גאַנצער אומגעגנט פון סקאַלאַט האָבן געבושעוועט באַנדעס. ניט געווען קיין נאַכט, עס זאָל ניט האָבן פּאַרגעקומען קיין רויב־אָנפאַלן אויף די דער־פער. קליינע שקצימלעך האָבן שוין געגנבעט און געגזלט. אנדערע פויערים פלעגן פירן א טאָפּל־לעבן: בייטאָג אָנגעגאַנגען פאַר רואיקע בירגער, נאָרמאַל געלעבט און געאַרבעט, און ביינאַכט געגנבעט. רויב־מאָרדן האָבן ניט געהערט צו די זעלטנ־קייטן. א מענטשלעך לעבן האָט געהאַט דעם ווערט פון א פליג. אָנפאַלן אויף שוצ־לאָזע יידן, וואָס פלעגן זיך אויס מורא פאַר אקציעס באַהאַלטן איבער די פעלדער, איז געווען א טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אז די מלוכה־געזעצן דערלויבן דאָס באַ־רויבן און הרגענען יידן, — וואָס־זשע האָט געזאָלט זאָגן דער המון?..

פלוצלונג האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג אין שטאָט, אז יידישע רויבער פאַלן־דורך נאַכט צ'ן אויף דערפער און רויבן דאָרט. מיט דער צייט האָבן אפילו אַלע גנבות און רויב־אָנפאַלן גענומען גיין אויף דעם חשבון פון די יידן. וואָס אמת, אין יענער צייט זיינען שוין געווען אין די וועלדער יידן, וואָס פלעגן אין די נעכט גנבענען שפּייז פון די פויערישע שפּייכלערס, ווייל לעבן האָט מען דאָך געמוזט. מיט א פאַרנעם פון גרעסערן מאַסשטאַב האָט זיך ערשט שפּעטער קונה שם געווען הערשקע מיט זיין באַנדע, וואָס האָט מיט די געוואַגטע אויפטוען און „סקאָקן" באַמת אָנגעוואָרפן א פחד אויף דער גאַנצער סקאַלאַטער סביבה.

צו הערשקען מיט זיינע מענטשן טאָר מען אָבער ניט צוגיין מיט דער אַל־געמיינער מאָס, ווי צו א געוויינטלעכער „רויבער־באַנדע". ניט דער פּשוטער פאַר־דאָרבענער אינסטינקט אין מענטשן האָט געבראַכט צום אויפקום פון אָט דער באַנדע. א מער טיפערער פאַקטאָר האָט דאָ אָנגעטריבן. דאָס איז געווען דער אויס־דרוק פון דער שטורמישער און פינצטערער צייט, דער פּראָדוקט פון אויפגעצווונ־גענער מענטשלעכער ירידה. זיינענדיק אַרומגערינגלט פון שונאים, צווישן וועלף, און שטייענדיק ביים ראַנד פון אָפּגרונגט, שוין זעענדיק ממש פאַר די אויגן דעם

טויט און אונטערגאנג, און קיין הילף און קיין אויסוועג איז ניט פאראן, — טאָ וואָסערע געדאנקען קענען אין אזא צייט אויפקומען ביים מענטשן און צו וואָסערע טאטן קען דאָס פירן?..

און ווען מען פרעגט זיך: פארוואָס זיינען אלע יידן ניט געגאנגען אין די וועלדער? פארוואָס האָבן זיי זיך געלאָזט קוילען ווי די קעלבער? איז שווער אויף דעם צו ענטפערן. מיר ווייסן בלויז, אז די דייטשע טייוואָנים האָבן מיט זייערע ראפינירטע גענג ווי מיט א כישוף אָפגעטייט ביי די יידן זייערע אלע חושים, און באזונדער דעם נאטירלעכן פרימיטיוון דראנג צו פארטיידיקן זיך. ווילן־שוואכקייט, אפאטיע, פארצווייפלונג, פסיכישער און פיזישער צוזאמענבראָך האָבן בהדרגה־דיק דעגראדירט דעם מענטשן און דערפירט אים צו א מצב אז ער איז קנאפּ בכוח געווען אויסצוהאלטן דעם געוואלדיקן דרוק פון דער ארומיקער גרויזאמער וועלט. עס זיינען אָבער אויך געווען יחידים מיט באזונדערש שטארקע כאראקטערן, וואָס האָבן געקוקט אויף דער ווירקלעכקייט מיט אָפענע אויגן און האָבן געזוכט און געפונען אין גרעסטן נויט גאָר אנדערע וועגן. — מען איז געלאָפן אין וואלד אריין! די קליינע גרופּעס האָבן טאקע דאָרט באלד דערפילט דעם טעם פון אן אנדער לעבן, פון אן אנדער וועלט, כאָטש מען האָט אויך דאָרט כמעט תמיד געלעבט אין שרעק. די שיינקייט פון דער נאטור, דער תענוג פון פרייהייט צווישן הימל, ביימער און פייגל האָט געקענט א ביסל אויסהיילן די קראנקע נשמות, אויסגלייכן די רוקנס פון די געפּלאָגטע מענטשן, אריינגעבן אין זיי צוריק א נאָרמאלקייט, אריינגעבן אין זיי א געדאנק פון פארטיידיקן זיך. — נאָך דער אזוי גערופענער קליינער אקציע אין נאָוועמבער 1942, איז דער יידישער מצב אין סקאלאט שוין געווען א האָפענונגסלאָזער. ווו לויפט מען און ווו באהאלט מען זיך פארן תליון? די היימען זיינען צעשטערט, די נאָענטסטע זיינען שוין געווען פארשלעפט, אויסגעמאָרדעט. די בונקערס זיינען שוין צום גרעסטן טייל געווען אויפגעדעקט. ניט יעדער האָט גענוג געלט אויף צו פינאנסירן די געלט־גיריקע גאָספּאָדארעס, די ווילטוערס, וואָס האָבן פאר אוצרות גאָלד געגעבן א באהעלטעניש. וואָס איז אין די מיינסטע פאלן געווען צווייפלהאפט און אומזיכער, ווייל די באלעבאטים אליין פלעגן מאנכמאָל ארויסגעבן זייערע יידן אין די הענט פון שופּאָ אָדער קריפּאָ. לעצטנס איז געוואָרן א מאָדע אויף דעם לאגער, עס האָט געהייסן, אז די געטאָס וועט מען טאקע פארניכטן, אָבער יידן וועלן נאָך קענען לעבן אין לאגערן. יידן האָבן זיך גענומען רייסן אין

די לאַגערן, וווּהין עס איז אָבער געווען זייער שווער זיך צו אַריינבאַקומען. דער סקאַלאַטער יודענראַט האָט דאַן פאַר גרויסע סומעס געלט אויסגעפועלט ביים אָבערשטורמפירער רעבעל צו שאַפן אין אַרומיקע דערפער און שטעטלעך אַרבעטס־פונקטן אַלס צווייג־שטעלן פון סקאַלאַטער לאַגער. 150 יידן, צו 20 ביז 40 מאַן אין אַ גרופּע, זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די ניי־געשאַפענע אַרבעטס־פּלעצער ביי פאַדוואָלאָטשיסק, גזשימאַלאָוו, טאַרנאָרודע, קאַטשאַנאָווקע, אָקנע, אָסטאַפּיע, פּאָ־לופאַנאָווקע. דאָרט האָבן די יידן געאַרבעט אין די פאָלוואַרקן, שטיינבראָכן און ביים זאַמלען שמאַטעס און פעדערן. די יידן האָבן געמוזט לעבן קאַזערנירט און אונטער אַן אויפזיכט פון דעם יידישן אָרדענונגסדינסט, פאַר וועלכן דער לאַגער סקאַלאַט איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך. בכלל זיינען די יידן געווען צופרידן פון דער אַרבעט. אין די דערפער האָט מען זיך געקענט פרייער באַוועגן, דער פּחד איז ניט געווען אַזוי גרויס ווי אין שטאָט; אויך מיט דער פאַרפלעגונג איז געווען פיל בעסער.

די אַרבעטס־פונקטן האָבן אָבער ניט געהאַט קיין לאַנגן קיום. שוין נאָך דריי חדשים האָבן די דייטשן גענומען ליקווידירן די אַרבעטס־פונקטן. אויפן גרונט פון אַ מסירה מצד דעם גרענעץ־שוץ־קאָמענדאַנט הענגער, אַז די יידן אין קאַטשאַנאָוו־קע אַרבעטן ווייניק, עסן און טרינקען און קויפן אויס ביי די פויערים אַלע היגער און פּראָוויאַנט, וואָס רופט אַרויס אומצופרידנקייט ביי דער אָרישער באַפעלקע־רונג, — איז אָנהייב מערץ 1943 אַרונטערגעקומען אין דאָרף אַריין אַ שטראָף־עקספּעדיציע פון טאַרנאָפּאָלער ס"ס, כדי צו מאַכן אָרדענונג מיט די יידן. די דייטשן האָבן פאַרטאָג אַרומגערינגלט דעם אָפּגעזונדערטן לאָקאַל פון די יידן, אַרויסגעשלעפּט זיי אויפן פעלד, געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט, דערנאָך זיך אויס־לייגן אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ און געשאָסן צו זיי אין די נאַקנס.

איבערלאָזנדיק אויפן פעלד דאָס בלוטיקע שאַכבערעט מיט 15 קרבנות, זיי־נען די רוצחים גיך אַוועקגעפאָרן אין שטעטל טאַרנאָרודע און אויך דאָרט אויף דעם זעלבן אופן אויסגעמאָרדעט אַלע יידן פון אַרבעטס־פונקט (30 קרבנות).

אין קאַטשאַנאָווקע האָבן זיך אַ פּאָר יחידים אָפּגעראַטעוועט. זיי האָבן צו־פעליק אין דעם טאָג פאַרלאָזט די וווינונג, אַיין מיידל, טינקא ראָזענצווייג וועלכע האָט באַקומען אַ לייכטן שאָס אין קאָפּ און זיך געמאַכט טויט, האָט זיך אויך אָפּ־געראַטעוועט. •

נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט די סקאלאטער לאַגער־פּאַרוואַלטונג באַקומען א באַפעל, אז זיי זאָלן גלייך צוריקציען דעם רעשט מענטשן פון אלע אנדערע פונקטן און זיי דערווייל פאַרהאַלטן ביי זיך אין לאַגער. אויפן אָקנער ארבעטספונקט זיינען געווען באַשעפטיקט מיינסטנס יידן פון נזשימאַלאָוו, ווי אויך פון דעם זעלבן דאָרף גופא. פון סקאלאט האָט דאָרט דעמאָלט געאַרבעט העניעק וויינבערג. קיינער אָבער פון אָט דעם פונקט האָט בשום אופן ניט געוואָלט גיין צוריק קיין סקאלאט. „שטאָט הייסט זיכערער טויט" — האָבן זיי געזאָגט. אין דעם דאָרף אָקנע האָבן נאָך פון אמאָל געוווינט די 2 צאָלרייכע פאַמיליעס בירנבוים און פּיקהאָלץ. די האָבן שוין באַצייטנס, צוזאַמען מיט וויינבערגן, זיך אָנגעגרייט א גוטן בונקער אין וואַלד, כדי ביי א באַדאַרף זיך האָבן וווּ צו באַהאַלטן. דער אָקנער וואַלד איז געווען דאָס ווינקעלע פון דער באַרימטער יידישער באַנדע, וואָס האָט מער ווי א יאָר געהאַלטן די גאַנצע געגנט אין גרויס פּחד.

דער שפּעטער און אָנפירער פון דער באַנדע איז געווען הערשקע בירנבוים. א בחור ביי א יאָר 30, כאָטש קליין אין געוווּקס, האָט ער אָבער פאַרמאָגט אין זיך א גבורה פון אן אַטלעט. פון באַרוף איז ער געווען א קאָוואַל (א שמיד). ער האָט געטראָגן קליינע שוואַרצע וואָנסעלעך, א ברונעטער מיט בלויע אויגן. זיין אויסערלעך אויסזען איז געווען ווי פון א טיפּישן פּויער. זיינע מלבושים, זיין פּליסיק אוקראַיניש ריידן, זיינע ספּעציפיש גוייִשע מאַניערן זיינען ביי אים געווען נאַטירלעך. אן אומבאַקאַנטן פלעגט גאָר ניט איינפאַלן, אז אַזאַ קען זיין א ייד. צוליב זיין גרויסער גבורה פלעגן די פּויערים פאַר אים מורא האָבן, צוגלייך אָבער אויך געהאַט דרך־ארץ און אים ליב געהאַט. הערשקע איז פון תמיד געווען א פּעאַיקער יונגערמאַן, ניט געווען קיין מלאכה ער זאָל ניט קענען. איז ער געווען א שלאָסער, א סטאָלער, א מעכאַניקער, ווילט איר — איז ער געווען א מוזיקער, אן אַקטיאָר, א ווערטל־זאָגער. ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק אלע גוייִשע פאָלקס־לידלעך און שטיקלעך. שטענדיק אין גוטן הומאָר, געשטיפּט און געלאַכט. ער פלעגט ניט איינמאָל אין דער נאַכט אָפּנאַרן די הענער. ער פלעגט קרייען פריער ווי די צייט, און די הענער האָבן געטריפּעט מיט די פליגלען און אויך אָנגעהויבן קרייען, און די פּויערים זיינען אויפגעשטאַנען מיט שעהן פריער. ער האָט געקענט נאָכמאַכן די קולות אויך פון חיות און אנדערע פייגל. הערשלס דורכגעטריבנקייט און אינטעליגענץ האָט געשטאַמט ניט פון דער שול; דאָס איז געווען אן איינגעבוירנקייט. ער

האָט געהאַט אַ גוטן אָריענטירונגס־חוש, אויך אַן אויפמערקזאַם אויג. ביי די שווערסטע סיטואַציעס האָט ער זיך געקענט פלינק אַרויסהעלפן. „הערשקע וועט ניט פארפאלן ווערן אַפילו אין פייער, ווען ער וויל ווערט ער אַ פויגל“ — פלעגן די פויערים אויף אים זאָגן זייער באַקאַנטן ווערטל. הערשקע איז געווען אַ שטענדיקער בעל־יועץ ביי די פויערים. אין אַ זונטיק־טאָג פלעגט ער זיך אַנידערשטעלן דרשע־נען גויישע תורות, און דאָס רעדל אַרום אים פלעגט הילכיק לאַכן. ער האָט שטענ־דיק געוווסט וואָס עס האָט דער גלח גערעדט אין דער צערקווע, אויך האָט ער גע־ווּסט אַלע סודות פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אין דאָרף. שוין אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען דריי פערטל פון די יידן אין גאַליציע האָבן שוין געפעלט, פלעגן אים די גויים מבטיח זיין, אַז אים וועט קיין שלעכטס ניט געשען. ניט אויף זייערע פאַרזיכערונגען האָט אָבער הערשקע געשטעלט זיין לעבן. נאָך דעמאָלט ווען די גרופּע יידן האָט געאַרבעט אויפן פּאָלוואַרק, פלעגן הערשקע, וויינבערג מאַטעס, גאָלדשטיין, לייבקע סעגאַל און דוד שוואַרץ זיך אַרויסגנבענען אין די נעכט פון די שטיבער און בויען אין וואַלד צווישן ביימער און קוסטעס דעם גרויסן בונקער מיט דעם דריי מעטער לאַנגן טונעל. ווען עס איז געקומען דער באַפעל, אַז מען מוז צו־ריקקומען אין לאַגער אַריין, האָט הערשקע אויסגעגראָבן זיין פאַרראָסט געווער, גע־פּוצט עס און צוגערעכט געמאַכט. דאַן האָט ער צוזאַמענגענומען זיין מישפּחה און דעם רעשט אָקנער יידן, צוזאַמען 21 מאַן, צווישן זיי 4 קינדער אין עלטער פון 4 ביז 12 יאָר, — און די אַלע זיינען אַוועק גלייך אין וואַלד אַריין. —

עס הייבט זיך אָן די רומפולע טעטיקייט פון הערשקען מיט זיינע מענטשן. פון דער גאַנצער חברה זיינען געווען נאָר 4 געזונטע און אַרבעטס־פעאיקע, דער רעשט איז באַשטאַנען פון עטלעכע טאַטעס און מאַמעס, פרויען און קינדער. „מיין שפּי־טאַל ... — פלעגט הערשקע זאָגן — קוקט מיט ווען איך לאָז מיך אין מילחמה אַריין... עס מאַכט ניט אויס, נאָר ניט געזאָרגט!“

עס זיינען פאַרביי די ערשטע טעג. קיין געלט איז ניטאַ, די רעזערוון פון שפּייז האָבן זיך געענדיקט, און עסן וויל מען, מוז מען ... אין די נעכט פלעגט הערשל מיט דער ביקס זיך נעמען נאָך צוויי באַגלייטערס און זיך אַרויסלאָזן איבערן דאָרף זוכן חיונה. הערשל האָט געוווסט פון יעדן ווינקל אין דאָרף, אויך ביי וועלכן גאָספּאָדאַר די קאָמאָרע איז פול מיט שפּייז, אויף וועלכע באַנטעס עס גע־פינען זיך די בעסטע עופות און וווּ עס געפינט זיך דער האָניק. הערשקע און לייבקע

האָבן ארויסגעוויזן ממש ווירטואָזיטעט ביים דורכפירן א גנבה. זיי פלעגן שוין ארויספילן ווען די הינט שלאָפן. איינמאָל האָבן זיי א גאנצן אויזון ברויט ארויס־געגנבעט, נאָך פריש אוּן הייס. די פּויערים האָבן געזען, אז די גנבות דויערן אָן אויפהער, אוּן מען הייבט ניט אָן צוּ וויסן פוּן וואנען זיי שטאמען!

הערשקעס ארבעט איז געגאנגען רעגוּלער אוּן פּלאנמעסיק. באלד האָט ער אויך ארום זיך אָרגאניזירט א מין שפּיאָנאזש־דינסט. א גרוּפּע פּארטרויטע פּויע־רים, אלטע גוּטע ברידער, האָבן צוּגעטראָגן פארשיידענע ידיעות פוּן דער שטאָט, אויך וועגן די כסדר דורכגעפירטע שחיטות. כמעט יעדן טאָג אין א געוויסער שעה פלעגן זיי זיך צונויפטרעפן אויפן אָפּגערעדטן אָרט אוּן זיך דורכשמועסן וועגן די נייטיקע ענינים. הערשלס פּויערים האָבן אים גענומען וואָרענען, ער זאָל זיין גוּט פאָרזיכטיק, ווייל אין די נאָענטסטע טעג גרייט מען זיך פוּן דעם וואלד־אמט צוּ רייניקן דעם וואלד פוּן די קוּסטעס. דעמאָלט קוּמען מחנות פּויערים אוּן שניידן דורך די לענג אוּן די ברייט פוּן וואלד. די ארבעט קען געדויערן עטלעכע וואָכן. ביי דריי וואָכן צייט האָבן הערשקעס יידן געמוּזט ארוּמוואנדערן פוּן איין אָרט צוּם צווייטן. יעדע נאכט פלעגן זיי צוּריקקוּמען שלאָפן אין זייער בוּנקער, כדי פארטאָג ווידער א מאָל צוּ פארגיין א 5—6 ק"מ וויטער אין א גאנץ אנדערן טייל פוּן דעם וואלד.

איינמאָל האָבן די וואלד־יידן ביים צוּריקקוּמען אָנגעטראָפן זייער בוּנקער אָן אויפגעדעקטן, צעראבירטן אוּן חרובן. ווי זיי האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט פוּן זייערע נאָענטע פּויערים, וואָס זיינען געשטאנען מיט זיי אין קאָנטאקט, האָבן דאָס די מענטשן ביי דער וואלד־ארבעט אנטדעקט דעם יידישן באהעלטעניש. ווי די פּויערים האָבן דערציילט, זיינען די וואלד־ארבעטער באלד געלאָפן קיין סקאלאט מיט א מסירה צוּ שוּפּאָ. די זיינען טאקע באלד אראָפּגעקוּמען אין א גרויסער צאָל, האָבן מיטגעבראכט אויך שפּיר־הינט, צוּם גליק האָבן זיי אָבער קיינעם פוּן די יידן ניט געטראָפן. זיי האָבן צוּגענוּמען אלץ, וואָס איז געווען אין בוּנקער, אויך ארייג־געוואָרפן אהין א גראנאט אוּן דעמאָלירט דעם באהעלטעניש, דאן האָבן זיי סתם אין וואלד ארײן אָפּגעפייערט א פּאָר צענדליק שאָסן, אוּן ניך אָפּגעפאָרן. — זינט דאן איז אין דער גאנצער סביבה באקאנט געוואָרן, אז יידן באהאלטן זיך אין די וועלדער אוּן אלע גנבות זאָלן טאקע שטאמען פוּן זיי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוּ שאפן לעגענדעס וועגן יידישע גזלנים אין די וועלדער. מען האָט זיך דער־

ציילט וועגן הערשקען און זיין „זשיטאָווסקע באַנדע“, אַז די צאָל גייט אין די הונדערטער, א חייל א גאנץ, באוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, אַז הערשקע שטייט אין דער שפּיץ, — דאָס איז ניט קיין חכמות!.., און די מורא האָט זיך אַלץ מער פארשפּרייט אין דער אומגעגנט און אויפגעוואקסן צו א פּאנישן פּסיכאָז. ביינאכט פלעגן די פּויערים אויפשטעלן וואכן, וואָס זיינען געגאנגען גראָמאדעווייז צו 10 מאן און געהיט די דערפער. ווען די פּויערים פלעגן אין וואלד האקן האָלץ אָדער קלייבן שוועמלעך, און זיי פלעגן צופעליק באגעגענען א ייד, זיינען זיי אויס גרויס פּחד אנטלאָפן, געדאנקט און געלויבט גאָט, וואָס זיי זיינען ארויס לעבעדיק. „אוי, מאטקאָ באָסקאָ!“ — פלעגט מען זיך פרום איבערצלמען, ווען מען האָט זיך נאָר דער־מאָנט אָן דער טרעפעניש. און דער שכן האָט דאָס געהערט און ווייטער דערציילט צו אנדערע פּויערים. אויס פּחד איז שוין קיין פּויער מער אליין ניט געגאנגען אין וואלד אריין. צוליב דער צו גרויסער פּאפּולאריטעט האָבן די יידן אין דעם געזען פאר זיך א סכנה. האָבן זיי אויס פארזיכטיקייט אָנגעהויבן צו וואנדערן פון איין אָרט צום אנדערן, ווי געטאָגט ניט גענעכטיקט. אין פארשיידענע וועלדער האָבן די יידן זיך אויסגעבויט בונקערס. אויך אין די געדיכטע ביימלעך געשטעלט שאלאשן פון צווייגן און זעק. כמעט יעדע וואָך האָבן די יידן געמוזט בייטן זייער אָרט.

אָנהייב יולי 1943, ווען די סאָוועטישע פּארטיזאנער זיינען דורכגעגאנגען די סקאלאטער וועלדער, האָט הערשקע מיט זיין שטאב איבערגעלעבט א טראגע־דיע. זיי וואָלטן זיך אָנגעשלאָסן אָן זיי און געגאנגען קעמפן, נאָר ווי אזוי לאָזט מען איבער די אלטע לייט, די ווייבער און קינדער אויף גאָטס באראָט? ווער וועט זיי שפּייזן? מען האָט זיך געפרייט מיט די פּארטיזאנער, מען האָט זיך פארשיידנס דערציילט און די רויטע קעמפערס האָבן באוווּנדערט, ווי אזוי אזא „קראנקן־הויז“ קען אונטער אזעלכע באדינגונגען לעבן אין א וואלד, „האלטס נאָר אויס, עס וועט שוין לאנג ניט געדויערן, וויסוואָבאָדים“ (מירן באפרייען)! — האָבן זיי געטרייסט די יידן און זיך ווייטער געגאנגען זייער וועג.

הערשקע האָט זיך ארומגעזען, אַז אזוי קען ווייטער ניט בלייבן. אונטערן רושם פון דעם פּארטיזאנער־באזוך האָט ער זיך איצט געפילט אויפגעמונטערט צו גרעסערע מעשים. הערשקע האָט גענומען שטרעבן צו א טיפערן אינהאלט און העכערן זין אין זיין ארבעט. „מיר זיינען דאָך ניט קיין באנדע גנבים און רויבער — האָט ער דערקלערט פאר זיינע חברים. — מיר זיינען יידן, וואָס ווילן זיך ראטע־

ווען פון מערדער־הענט; מיר מוזן זיך אויך קענען פארטיידיקן אין פאל פון א דייטשן איבערפאל. און מיט וואָס? מיט איין ביקס? .. מיר מוזן קלערן וועגן גע־ווער. און אויב רויבן, וויל איך ניט סתם רויבן. אויף אומשולדיקע פויערים, וואָס קוקן אליין מיט עקל אויף דעם דייטשן בלוטיקן שפיל און ליידן אויך אויף זייער שטיי־נער, וועל איך ניט אָנפאלן. מיר וועלן זיך נוקם זיין אָן די שונאי ישראל, און דער עיקר אָן די אוקראַינער, וואָס נעמען אָנטייל אין אלע שחיטות. אויך די אלע, וואָס האָבן זיך באַרייכערט פון דעם יידישן אומגליק, דארף מען אָנלערנען". נאָך דער באַראַטונג פון הערשקען מיט זיינע חברים איז צווישן זיי באַשלאָסן גע־וואָרן: 1. פארשאפן זיך געווער פאַר יעדן פרייז; 2. שוינען אומשולדיקע פויערים, און אפילו זיי אויך העלפן; 3. יעדער אָנפאל, יעדע טאַט דאַרף באַצוועקן נקמה, נקמה פון די אלע, וואָס זייערע הענט זיינען ניט ריין פונעם יידישן בלוט. צוליב דעם וואָס דאָס צו אָפט אַרומשלעפן זיך איבער די דערפער איז א סכנה האָט מען אויך באַשלאָסן, אז להבא זאָלן די אָנפאלן פארקומען זעלטענער, דערפאַר אָבער אין א גרעסערן פארנעם, כדי די פראָדוקטן זאָלן קלעקן אויף א לענגערער צייט. הערשקע מיט זיינע מענטשן האָבן אויך געדאַרפט פון איצט אָן הייסן פּאַרטיזאַ־נער, קעמפערס. הערשקע האָט פון איצט אויך גענומען געבן זיינע פויערים נייע אָנווייזונגען. זיינע איבערגעגעבענע פויערים, די צוטראָגערס, האָבן באמת מוסטער־האַפט מיט אים מיטגעאַרבעט. זיי האָבן אגב צום עסק אויך ניט דערליינט. —

דעם 25טן יולי 1943, 12 א זייגער ביינאכט, האָבן פון דעם וואַלד ארויס־געמאַרשירט 4 פּאַרטיזאַנער: הערשקע מיט דער ביקס, לייבקע מיט א סטראַשאַק (דראָאונגס־רעוואָלווער), שוואַרץ און וויינבערג מיט הילצערנע ביקסן, אויף א „סקאָק". אין זעלענער וואַלד האָט פון לאַנגע יאָרן געאַרבעט א וואַלד־וועכטער, וואָס האָט געהייסן זאַבאַווטשוק. דאָס איז געווען אַן אוקראַאינישער נאַציאָנאַליסט, א פינצטערער טיפּ, א שונא ישראל. עס איז געווען באַקאַנט, אז ער האָט אָנטייל גענומען אין די פּאָגראָמען און שחיטות אויף יידן. דערביי איז ער געווען אָנ־געשטאָפּט מיט אָנגערויבטע יידישע פארמעגנס. הערשקע האָט אויך געוווּסט, אז דער זאַבאַווטשוק פאַרמאָגט געווער. 1 א זייגער ביינאכט איז די גרופּע אָנגעקומען צו דעם וואַלדהויז, ביים סאַמען ראַנד פון וואַלד. וויינבערג און שוואַרץ זיינען גע־בליבן אויפן הויף שטיין אויף שמירה און הערשקע און לייבקע האָבן זיך אריינגע־ריסן אין דער כאַטע. זאַבאַווטשוק איז דערשראָקן אראָפּגעשפּרונגען פון בעט און

נעפרעגט: „ווער איז דאַרט?“. הערשקע האָט אים צוגעלייגט די ראָר פון דער ביקס צו זיין שלייף און אויף רוסיש אים געזאָגט, ער זאָל תיכף ומיד אָפּגעבן דאָס געווער, א ניט ווערט ער אויפן אָרט דערשאָסן. די 2 דערוואקסענע זין פון זאבאוושוק האָבן פאר שרעק באקומען א היסטערישן אָנפאל און געקלאפּט מיט זייערע קעפּ אָן דער פּאָדלאָגע. דאָס ווייב איז געפאלן אין חלשות האלב-טויט אויף דער ערד. ווען זאבאוושוק איז געקומען צו זיך, האָט ער קאטעגאָריש דערקלערט, אז ער פארמאָגט ניט קיין געווער. „מען מעג אים אפילו שיסן, און פון זיך קען ער ניט מאכן. „עס האָט ניט געהאָלפן קיין דראָאונגען און קיין שלאָגן. דער פויער האָט געוואָלט אנטלויפן, נאָר זעענדיק די באוואָפנטע וואכן אונטערן פענצטער, האָט ער זיך צוריקגעצויגן. חברה האָבן דעם פויער מוראדיק געשלאָגן, און זאבאוושוק האָט זיך ביי זיי געבעטן רחמים: „נעמט וואָס איר ווילט, אבי לאָזט אונדז לעבן!“. בשעת עס איז נאָך אָנגעגאנגען דאָס אמפערניש, איז דעם פויערס ווייב געקומען צו זיך. זי איז באלד צוגעגאנגען צום שראנק, ארויסגענומען פון דאָרטן א ביקס און מיט ציטערדיקע הענט דערלאנגט זי די פארטיזאנער. „נאט אייך — האָט זי געזאָגט — נעמט אייך אויך אלץ וואָס איר ווילט, אבי לאָזט אונדז לעבן!“ נאָך דעם האָבן זיך חברה גענומען צו דער ארבעט. מיט א פעסעלע האָניק, א האלבן חזיר, בראנפן און מיט נאָך פיל אנדערע גוטע זאכן, שווער באלאָדן אין זעק האָבן זיך די פארטיזאנער געלאָזט אין וועג אריין, צוריק אהיים. „טאָמער וואגט עמעצער פון אייך צו לאָזן א פארע פון מויל ווענן דעם באזוך ביי אייך, איז אייער לעבן קיין גראָשן ניט ווערט, אויך וועט אייער הויז אויפגיין אין פלאמען!“ — האָט הערשקע געוואָרנט דעם וואלד-וועכטערס פאמיליע פארן ארויסגיין פון דער כאטע.

דער וואלד-וועכטער, וואָס האָט הערשקען גוט געקאָנט פון פריער, האָט אוים גרוים פּחד טאקע קיינעם ניט דערציילט קיין פרטים פון איבערפאל. ער האָט נאָר געזאָגט, אז מען האָט אים בארויבט. אין 2 וואָכן שפּעטער האָט ער זיך מיט זיין מישפּחה איבערגעצויגן אין א מער באפעלקערטן יישוב, אין דאָרף פּאיאָווקע. דער אזוי גערופענער „סקאָק“ אין גרעסערן פאָרמאט האָט צוגעגעבן מער מוט דער חברה און זיי האָבן באקומען א חשק צו ווייטערדיקע טאטן.

אין חודש אויגוסט האָבן זיך די ארומיקע דערפער באקלאָגט אויף צוגענבעטע קי, חזירים און שפּייז. די ארבעט איז אָנגעגאנגען אין געניטשאפט, זיכער און פלינק, און דער פּחד צווישן די פויערים איז אלץ מער געוואקסן. כמעט

יעדן טאָג זיינען דעלעגאַציעס פון דאָרף־פויערים געקומען אין שטאָט אריין זיך באקלאָגן פאר די דייטשן, אז זיי זאָלן א סוף מאכן צו די יידישע מעשים און צו די פארטיזאנער וואָס בושעווען אין די וועלדער. די דייטשן, וואָס האָבן נאָך גוט געדענקט דעם אָפּשניט, וואָס זיי האָבן געהאט פון די פארטיזאנער, האָבן איצט מורא געהאט פארן וואלד אימת מות. זיי פלעגן אָפּפטרן די פויערים מיט אן עצה טובה: „גייט אין די וועלדער גראָמאדעוויז, כאפט זיי, ברענגט זיי צופירן, און זיי וועלן שוין באקומען פון אונדז דעם אמתן פסק!". אז די פויערים האָבן געזען, אז דאָס העלפט ניט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייבן פעטיציעס צום קרייז־הויפּטמאן קיין טארנאָפּאָל, אויך צום לאנדראט העפנער קיין סקאלאט. לכתחילה האָט מען זיי צוגעזאָגט אלץ מעגלעכס צו טאָן; עס איז אויך דערפון גאָרניט געוואָרן. ווען מען האָט באדארפט פארן מיליטער צושטעלן גרעסערע קוואנטומס האָלץ פון דעם וואלד האָבן די העקערס בשום אופן ניט געוואָלט גיין האקן. „מיר האָבן מורא" — האָבן זיי געטענהט. זיי זיינען נעגאנגען אין וואלד אריין ערשט ווען מען האָט זיי מיטגעגעבן א שטארקע שמירה פון סאָלדאטן און אוקראינישע מיליציאנטן. —

דאָס געטאָ אין סקאלאט, ווי אויך דער לאגער, איז שוין געווען ליקווידירט. די קליינע רעשטלעך אָפּגעראטעוועטע יידן האָבן זיך עלנטע ארומגעבלאנקעט אין די פעלדער און אין די וועלדער. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן צו שאפן יידישע יישובים אין כמעט אלע וועלדער ארום סקאלאט. העדשקעס חברה האָט זיך פארגרעסערט ביז 32 מענטשן, צווישן זיי 8 טאטקרעפטיקע. כאָטש עס האָט זיך נישקשה געלעבט, געווען וואָס צום עסן און טרינקען, האָט צווישן די יידן געהערשט א געוויסע מורא. אויך העדשקע אליין פלעגט ניט איין מאָל אריינפאלן אין א מעלאנכאָליע. „עס נעמט ניט קיין סוף, און ווי לאנג נאָך קען מען פירן אזא לעבן?" — פלעגן זיך די מענטשן פרעגן. די צוטראָגערס האָבן געבראכט אלאר־מירנדיקע ידיעות, אז די דייטשן קלייבן זיך צו מאכן אָבלאוועס אויף די וועלדער. טאָג און נאכט האָט געקעקבערט דער געדאנק, ווי אזוי היט מען זיך אויס, כדי ניט אריינצופאלן אין די מערדער־הענט. דאָס וואנדער־לעבן האָט געפּלאָגט די עלטערע מענטשן. די פרויען און קינדער האָבן שוין קוים נאָכגעשלעפּט די פיס. ווי מען האָט נאָר דערפילט, אז עס דראָט א געפאר, האָט געמעגט אפילו זיך נאָר אויסדאכטן,

— האָט מען שוין געבּיטן דאָס אָרט. יעדע פּאָר טעג האָט מען אין אן אנדער וואלד אויפגעשטעלט שאלאשן־סוכות, געפלאכטענע פון צווייגן און הויכע גראָזן.

אזוי האָבן זיי א לענגערע צייט געלעבט, און מען האָט זיך צו דער וואנדע־רונג געמוזט צוגעוווינען. ווען עס איז נאָר טונקל געוואָרן, פלעגט זיך די קאָלאָנע ציען אין א גענדזן־קייט איבער טאָלן און בערג, איבער פעלדער און וועלדער, מיט די פעקלעך מטלטלים אויף די פּלייצעס. לייבקע איז תמיד געווען דער פירער און וועגווייזער אויף די געדרייטע וועגן און שטעגעלעך. אין דער צווישן־צייט זיינען אויסגעפירט געוואָרן פארשיידענע אָנפאלן אויף די דערפער, און תמיד איז געווען געלונגען. שפּייז, קליידער און וועש האָט ניט געפעלט. אין דאָרף קאָקאָזשינצע איז ביי אן אָנפאל געלונגען צו קריגן געווער. האָבן שוין די יידן איצט דיספּאָנירט מיט 3 ביקסן, 1 דובעלטוווקע (יאגד־ביקס) און 1 פּיסטאָלעט. חברה האָבן שוין איצט גע־נומען טרוימען פון א מאשין־געווער. הערשקע האָט איינגעפירט א מיליטערישע דיסציפּלין. יעדער איינער האָט באקומען זיינע באזונדערע אויפגאבן. רייניקייט און אָרדענונג איז געשטאנען אויפן ערשטן אָרט. די פארפלעגונג איז טאקע געווען ניט קיין נאָרמאלע, אָבער א גענוג קרעפטיקע, 9 מאן זיינען געווען די קעמפערס, דער רעשט, דער אזוי גערופענער שפּיטאָל, האָט געהאט זיינע ספּעציעלע ארבעטן, ווי די קיך, וואשן וועש, וואסער־פארזאָרגונג, שמירה, ברענגען טרוקן האָלץ אא״וו. ווען די פּויערים פלעגן ברענגען גוטע ידיעות פון ראדיאָ: „די דייטשן כאפּן קלעפּ“, — האָט זיך דער עולם געפרייט און געשלונגען יעדעס וואָרט. איינמאָל רופט זיך אָן הערשקע צו זיין חברה: „פארוואָס זאָלן מיר טאקע ניט קלערן וועגן אן איינע־נעם ראדיאָ און שוין קענען אליין וויסן ווען עס קומט די ישועה?“ גערעדט און געטאָן. אקעגן אָנהייב סעפּטעמבער האָט הערשקע מיט זיינע מענטשן אָפּגעטאָן א שטיקל ארבעט אין דאָרף אָסטאפּיע, ביים אוקראאינישן גלח, דעם שונא ישראל. א חוץ פיל ניצלעכע זאכן האָבן זיי פון דאָרטן געבראכט אויך א 4־לאָמפּיקן ראדיאָ־אפּאראט. הערשקע האָט אינסטאלירט דעם ראדיאָ, און יעדער האָט געהערט נייעס פון דער וועלט, און דער עיקר קאָמוניקאטן פון די פראָנטן. ליידער האָט די שימחה ניט לאנג געדויערט. נאָך 14 טעג האָבן זיך אויסגעלאָדן די אקומולאטאָרן און באַ־טערייעס. אנדערע איז שווער געווען צו באקומען.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך הערשקעס באנדע פארגרעסערט ביז 38 מאן. פון די צוריקגעקערטע רעשטלעך פון א פארטיזאנער־ארמיי האָבן זיך צו

הערשקען אָנגעשלאָסן 6 יידישע פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי: גוז ירוחם, גורזשאַנסקי סיאָמא, וואַקס וועלוול, קליינמאַן דוד (די אַלע האָבן געשטאַמט פון וואָלין). פּאַר־ מאָגנדיק אַזאַ צונעקומענעם כוח האָט זיך הערשקעס קאָמאַנדע איצט געפילט פיל שטאַרקער. מען האָט שוין אויך גענומען אָנווענדן אַ גאַר אַנדער טאַקטיק ביי די איבערפאַלן.

אין חודש סעפּטעמבער האָבן זיי אויך אויסגעפירט אַ געוואַגט שטיקל אַר־ בעט אין פאָלוואַרק פון דאָרף טוראָווקע. דאָרטן איז געווען אַ דייטשער פּאַרוואַל־ טער, יאָהאַן, וואָס האָט געזאָלט האָבן געווער. אין דעם אָנפאַל האָבן אַנטייל גע־ נומען די גאַנצע קאָמאַנדע. עמעצער פון די אַרבעטערס אין פאַלוואַרק האָט די לעצטע מינוט מודיע געווען, אַז פּאַרטיזאַנער דערנענטערן זיך, זיינען די אוקראַי־ נישע מיליציאַנטן און דער דייטש אויס פּחד אַנטלאָפן. דאָס איז געווען 9 אַ זייגער אין אָוונט. די יידן האָבן קודם כל אַרומגערינגלט דעם פאָלוואַרק, איבערגעריסן די טעלעפאָן־דראָטן, דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פּאָרען ביי דער ווירטשאַפט, גלייך זיי וואָלטן דאָ געווען די אמתע באַלעבאַטים. די פּאַראָבקעס און פּאָרנאַלעס האָבן געציטערט פאַר זיי און אויסגעפירט אַלע באַפעלן, וואָס זיינען מיט קוראַזש געגעבן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך. די פּוילישע קעכינס און די גוווערנאַנטין האָבן דערוויייל אָנגעגרייט אַ גרויסע סעודה פאַר די „חשובע געסט". ביי געדעקטע טישן האָבן חברה פּאַרטיזאַנער זיך משמח געווען. אַ זייגער 12 ביי דער נאַכט האָבן זיי געהייסן איינשפּאַנען פערד און וואָגן, אויף וועלכער מען האָט באַלד אויפגעלאָדן: 1 זאַק צוקער, 1 חזיר, 1 קאַסטן אייער, פּוטער, קעז, גרויפּן אאַ"וו. אויך האָט מען אויסגעקליבן די שענסטע קי און זי אָנגעבונדן צום שווערן וואָגן. הערשקע האָט אויסגעשריען: „סטראַאַיטסיאַ!" און די גאַנצע גרופּע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דורכפאָרנדיק דעם דאָרף האָבן אַנדערע פויערים אָקעגנ־ געטראָגן ברויטן און פלעשער בראָנפן. זיי האָבן געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס דאָס דאָרף האָט ניט געליטן. ערשט 2 טעג שפּעטער זיינען צוריקגעקומען די אוק־ ראַינישע מיליציאַנטן און דער דייטש. עס זיינען אויך צוריקגעקומען די פערד פון וואַלד, וואָס די יידן האָבן פריינגעלאָזן. הערשקע האָט איינגעזען, אַז ביי זייער וואַנ־ דערן איז דאָס אָפּגעבן זיך מיט פערד אַ גרויסער שטער. ווען די שרעק איז ביי די פויערים אַ ביסל אַריבער האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז איניקע פון די פּאַרטיזאַנער האָבן אויסגעזען ווי יידן, הייסט עס, איז ניט אַנדערש דאָס איז געווען הערשקע

מיט זיין „זשידאָווסקע באנדע“! איבערטריבענע ידיעות וועגן דעם געשעענעם האָבן זיך בליץ שנעל פארשפרייט איבער אַלע ארומיקע דערפער. די פויערים האָבן פארשטארקט זייערע וואכן אין די נעכט.

אין א וואָך שפעטער איז דאָס דאָרף סאדזאווקע געווען דער טאָג־געשפרעך פון א פרישער סענסאציע. הערשקע איז געוויר געוואָרן, אז אין דעם אוקראינישן קאָאָפעראטיוו געפינען זיך פיל סחורות, און דער עיקר שוכווארג. עס גייט צו ווינ־טער און מען טאָר ניט בלייבן באָרוועס. דעם צווייטן אָקטאָבער 1943, 9 א זייגער אין אָוונט האָט הערשל מיט זיין חברה געמאכט א באזוך ביים סאדזאווקער וואָיט. אונטער דראָאונגען האָבן זיי אים געצוווּנגען איבערצוגעבן זיי דעם שליסל פון דער קאָאָפעראטיוו־קאסע. דער וואָיט אליין האָט מיט ציטערנדיקע הענט ארויסגעגעבן דאָס גאנצע געלט פון דער קאסע אין דער הייך פון 10,000 זלאָטעס. ער האָט אויך געמוזט די פארטיזאנער פארזאָרגן מיט פוּרלעך און העלפן ביים אויפלאָדן די קאסטנס אייער, זעקלעך צוקער, בינטלעך שיך און קעסטלעך מאָנאָפּאָל־בראנפן. די אַלע סחורות האָבן די דייטשן געהאט באשטימט אלס פרעמיעס פאר די פויערים, וואָס האָבן פינקטלעך אפגעליפערט דעם קאָנטינגענט תבואות. ווען די אַלע זאכן זיינ־ען שוין געווען אויפגעלאָדן, האָט הערשקע געגעבן א קאָמאנדע צום אָפּמארשירן. אויף איינער פון די פורן, האָט ער ארויפגענומען דעם וואָיט אליין און דאָס גאנצע דאָרף האָט צוגעזען, ווי די פארטיזאנער מיטן וואָיט פאָרן זיך אומגעשטערט זייער וועג. כאָטש עס האָבן אנדערע פויערים פארמאָגט געווער, האָט קיינער פון זיי ניט געהאט דעם מוט זיך אקעגנצושטעלן. דער פחד פאר די פארטיזאנער איז געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבן פארלוירן די קעפּ. ביי אזוינע אימפּרעזעס פלעגט געוויינט־לעך די ערשטע אנטלויפן די אוקראינישע מיליץ און דאָס דאָרף פלעגט בלייבן הפקר. ביי אזעלכע פאלן פלעגן אויך די דייטשן ארויסווייזן פחדנות. „די צאָל פון יידישע פארטיזאנער גייט אין די טויזנטער“—האָט זיך צווישן די דערפער געוועבט די לעגענדע. אויפן וועג האָבן די פארטיזאנער מכבד געווען דעם וואָיט מיט בראנפן און פארבייסעכץ, א באלוינונג פאר זיין גוטער אויפפירונג. א פּאָר ק"מ ווייטער האָט מען דעם וואָיט אראָפּגעוואָרפן פון וואָגן א טויט שיכורן. דאָס גאנצע דאָרף האָט גערעשט מיט דעם געשעעניש און באדויערט דעם וואָיט, וואָס איז געווען דאָ דער מארטירער. פארטאָג איז צוריקגעקומען דער וואָיט א בגילופינדיקער און ניט געוווּסט פון וואָס צו דערציילן. די דייטשן האָבן דערנאָך געשלעפּט דעם וואָיט אויף גבית עדות און פראָטאָקאָלן און זיי האָבן אים נאָך דערביי איינגעטיילט די גוטע

קלעפּ, פאַר זיין לייכטזיניקייט און פּחדנות. „אַז אוּנדזערע מיליציאָנערן מיט די ביקסן זיינען אַנטלאָפן, וואָס זשע האָט אַזאַ ווי איך געזאָלט טאָן!?" — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

די דערפער פון דער סביבה האָבן געהאַלטן אין איין שטורעמען די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן שוין ענדלעך אַמאָל זיך נעמען קעגן די פּאַרטיזאַנער־איבערפאַלן. אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער האָט אַ גאַנצער באַטאַליאָן ס"ס־מענער, אוקראַאינישע מיליץ, ביי דער מיטהילף אויך פון עטלעכע הונדערט פּויערים, דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי אָבלאַוועס אין די אַרומיקע וועלדער. ביי אַט די אָפּע־ראַציעס זיינען ליידער אַריינגעפאַלן אַ שפּאַר ביסל ייִדן אין די מערדערישע הענט. די אומגליקלעכע האָבן ניט געהאַט די באַדינגונגען, וואָס הערשקע מיט זיין חברה. הונגעריקע און צעבראָכענע, אָן געלט און אָן מלבושים, און דער עיקר אָן געווער. בלויז אין אָסטאַפּיער וואַלד האָט מען דאַמאָלט געכאַפּט 12 ייִדן, צווישן זיי קינדער און פרויען. הערשקע מיט דער באַנדע האָבן זיך ניט געלאָזט כאַפּן. דער שפּיאָנען־דינסט פון הערשקען האָט אים יעדן טאָג געבראַכט וויכטיקע ידיעות בשייכות מיט דער אָבלאַווע. און ער האָט זיך מיט זיינע מענטשן יעדעסמאָל געפונען אויף אַן אַנדערן אָרט, ווייטער מיט אַ 15—20 ק"מ פון דער סכנה.

אין דער זעלבער צייט האָבן אין די וועלדער געבושעוועט נאָך פיל פאַר־שיידענע באַנדעס. אַנדערע פון זיי האָבן געטראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, ווי די באַנדעראָווצעס, בולבאָווצעס, אַנדערע—סתם מיט רויבערישע צוועקן. אין סקאַלאַ־טער קרייז האָט געהערשט ממש אַ מאַסן־פּסיכאָז פאַר רויב און גזלה. די שטאָטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג איז געווען דעמאָראַליזירט, דערשראָקן און אומבאַ־האָלפן. דאָס אַלץ האָט אַרונטערגעריסן די אויטאָריטעט פון דער דייטשער מאַכט, וואָס האָט ניט געקענט באַהערשן די לאַגע. דאָס האָט אויך דעם אָקופּאַנט געשטערט ביים צונויפנעמען די קאָנטינגענטן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די אומזיכער־קייט און דער פּחד איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט קיינער ניט געוואַגט צו קומען נאָענט צום וואַלד. אַז עס פלעגן אַמאָל דייטשן מוזן דורכפאָרן דעם וואַלד, האָבן זיי אַרום זיך געעפנט אַ פייער, אויף אָפּצושרעקן די וואַלד־באַווינער, און אַליין זיינען זיי שנעל דורכגעפאָרן, ווי זיי וואָלטן געלאָפן פון דער גרעסטער סכנה. די

אָבלאַוועס און דער אַלגעמיינער מצב האָט ביי הערשקען פאַרשטאַרקט דעם ווילן צו שאַפן פאַר יעדן פּרייז מער געווער. דערווייל האָט איס די האַנט אויך געקיצלט צו ווייטערדיקע מעשׂים. סוף אָקטאָבער 1943 איז הערשקע מיט זיינע מענטשן אָנגע־פאַלן אויפן אוקראַינישן קאָאָפּעראַטיוו „מאַסלאָ־סאָיוז" אין דאָרף אָקנע און אַרויסגעפירט 150 ק"ג פּוטער און אַנדערע שפּייזן. ער האָט דאָרט אויך דעמאָלירט די לאָקאַלן, גענומען פערד און וואָגן, מיטגענומען אַ פויער און אויפן וועג אים אָנגעשיכורט און דערנאָך צוריקגעשיקט. די פערד זיינען דערנאָך אַליין צוריקגע־קומען. די יידן האָבן אַריינבאַקומען פרישע 2 פּיסטאָלעטן. —

עס האָט זיך דערנענטערט דער האַרבסט; ווינטן און רעגנס האָבן פאַר־טריבט די געמיטער. די זאָרגן און טרויעריקייט פון לעבן האָט געעקבערט דעם גע־דאַנק: וואָס פאַרא תכלית האָט אַזאַ לעבן?! ווי נימאַס איז יעדן געווען די גרויסע אַוואַנטורע. עס האָט זיך געבענקט נאָך אַ היים, נאָך רו, נאָך נאָרמאַלן לעבן.

מען איז געווען באַשעפטיקט מיט הכנות צום ווינטער. אין די וועלדער זיי־נען אויפגעבויט געוואָרן בונקערס, טיפע, ברייטע, גערוימיקע. מען האָט אויך אויפ־געשטעלט ספּעציעלע מאַגאַזינען פאַר שפּייז און מלבושים. ווינטער האָט מען גע־האַט בדעה צו מאַכן אַ לענגערע הפסקה. דערווייל איז דאָך דאָ פון וואָס צו לעבן, און די סכנה איז גרויס, — איז גענוג. אפשר וועט שוין די ניכע מפּלה פון היטלערן אַ סוף מאַכן צו דעם אויפגעצוווּנגענעם און הינטישן לעבן. פון די פראָנטן קומען גוטע בשורות. די פויערים זאָגן, אַז די הילף איז נאָענט, בלויז אין טעג גייט שוין.

אין אַ געוויסן האַרבסטיקן טאָג זיינען געקומען הערשקעס צוטראָגערס (מיינסטנס פּאָליאַקן, געשטימט אַנטי־אוקראַיניש) און דערציילט, אַז פון דאָרף אָסטאַפּיע גרייט מען זיך צו פאָרן קיין סקאַלאַט נאָך אַ גרויסן קוואַנטום צוקער, וואָס איז באַשטימט פאַר די האָניק־ציכטלערס, ווי שפּייז אויף ווינטער פאַר בינען. פון אַזאַ שטיקל אַרבעט האָט הערשקע זיך שוין נים געקענט צוריקהאַלטן און צו־זאַמען מיט די פּאָליאַקן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צום אויספירן אַ נייעם „סקאָק". אָנהייב חודש נאָוועמבער 1943 אַרום 8 אַ זייגער אין אָוונט האָט געבראַכט אַ פויער צו פירן 8 זעקלעך צוקער. ער האָט אָנגעהויבן אויסצושפּאַנען די פערד און אָפּצולאָדן דעם צוקער. פּלוצלונג איז אויסגעוואַקסן הערשקע, מיט איס 8 באַגליי־טערס. זיי האָבן אַרומגעשטעלט די כאַטע. דעם פויער האָט מען געהייסן צוריק איינשפּאַנען די פערד און צוריקטראָגן דעם צוקער. פון דער כאַטע האָט מען

ארויסגעטראָגן די סקריניע (קאסטן) פול מיט זאכן, זי אויפגעלאָדן אויפן וואָגן. און
ווען מען האָט געהייסן דעם פויער מיטפאָרן, האָט ער זיך אקעגנגעשטעלט. דעם
צוקער, האָט ער געטענהט, מעגן זיי נעמען, אָבער די פערד וויל ער ניט געבן, חברה
האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופטן, און דער פויער, נאָך דעם ווי מען האָט אים נאָך
מכבד געווען, האָט געמוזט מיטפאָרן. אויך דאָסמאָל איז די אוקראַינישע פאָליציי
אנטלאָפן אין גרויס פאניק, איבערלאָזנדיק דאָס דאָרף אויף גאָטס באראָט. די אָנ=
פאלערס זיינען דורכגעפאָרן דאָס דאָרף און קיינער האָט ניט געוואגט צו זאָגן א
וואָרט. דעם פויער האָבן זיי צוריקגעלאָזט, אָבער די פערד ניט. דעם וואָגן האָבן זיי
צענומען, כדי פון זיינע טיילן צו מאכן געשענקען פאר די פויערים=צוטראָגערס.
איינמאָל מיטאָג=צייט זיינען די מענטשן געזעסן צווישן די צווייגן ביי זייער מאָל=
צייט. די פערד האָבן זיך דערביי געפאשעט. פלוצלונג דערהערט מען א גערויש.
קולות האָבן זיך אליץ מער דערנענטערט. ווי דערשראָקן די מענטשן זיינען געוואָרן,
דערזעענדיק דורך די צווייגן, ווי עס קומט אָן א גאנצער עולם. דאָס איז געווען דער
פויער פון דעם צוקער, דער וואָיט פון אָסטאפיע, צוזאמען מיט פיל באוואָפנטע
דייטשן און אוקראַינער. הערשקע האָט זיך ניט פארלוירן און האָט גענומען בא=
פוילן אויף שטום=לשון. פלוצלונג הערט מען ווי דער פויער רופט זיך אָן: „איך
פיל עפעס, אז מיינע פערד געפינען זיך ערגעץ ניט ווייט!“ דאָ איז ערשט געוואָרן
גרויס די סכנה, אז די פערד, דערשפירנדיק זייער באלעבאָס, זאָלן ניט אָנהויבן
צו הירזשען!... הערשקע איז אָבער געווען גרייט אויף קאמף, ער האָט נאָר איינ=
געזען, אז צוליב דעם סטראטעגיש ניט גינסטיקן אָרט, וו זיי געפינען זיך, איז ניט
געוווּנטשן צו זיין דער אָנגרייפער; דאס וואָלט געבראכט טרויעריקע פאָלגן. מען
האָט אָפּגעווארט. — און עס איז ממש געשען א נס: די שונאים האָבן די יידן ניט
באמערקט. זיי האָבן זיך געלאָזט טיפער אין וואלד אריין, כדי צו זוכן די פערד, און
די יידן מיט די פערד זיינען געבליבן רואיק אויף זייערע ערטער. די גאנצע זאך
האָט אויסגעזען פאר די מענטשן אין וואלד ווי אן אומגלויבלעכע לעגענדע, וואָס
האָט אזוי טילד ארייננעשמייכלט אין זייער פינצטערן לעבן. הערשקעס „שפיטאָל“,
מיט זיינע ווייבער, אלטע טאטעס און מאמעס, און קינדער האָבן פרייער אָפּגע=
אָטעמט; זיי האָבן אויפגעהויבן די אויגן צום הימל — גאָט צו דאנקען!

דאָס אָרט אין וואלד האָט מען שוין אָבער געמוזט בייטן. הערשקע האָט אָנ=
געשריבן אויף א שטיקל פאפיר די ווערטער: „א נארישער פויער האָט מער מזל ווי

פארשמאנד", אונטערגעשריבן: „פאליוואַ", עס אָנגעמשעפּעט אָן דעם עק פון א פערד, און זיי געלאָזט, די פערד, פריי גיין צו זייער באלעבאָס.

צו די וואנדערונגען פון הערשקעס באנדע האָט ניט געקומען קיין סוף, און די פויערים פלעגן אלץ שפּיאָנירן, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן פאר זייערע אָנפאלן. עס איז שוין ווינטער. די שנייען האָבן שוין ווייס אויסגעקאלכט די ווייטע פעלדער און טיפע וועלדער. מענטשלעכע טריט האָבן אויסגעדריקט שפּורן פון דורכגעגאנגענע פיס אויף אלע שליאכן. צו די פארבאָרגענע ערטער, וווּ יידן האָבן זיך באהאלטן, זיינען עס איצט די שנייענדיקע שפּורן געוואָרן די וועגווייזערס.

אין א פארנאכט דעם 31טן דעצעמבער 1943, האָבן זיך פויערים, אונטערן אָנפיר פון באנדעראָווצעס, געלאָזט אין טורקאָווער וואלד, כדי צו אויסגעפינען דאָרט די יידן און זיי ליקווידירן. „זיי זיינען צוגעקומען צו אונדז אפשר נאָר 100 מעטער פון אונדזער פלאץ — דערציילט ירוחם גוז, דער געוועזענער פארטיזאן אין הערשקעס באנדע—מיר זיינען באלד געווען אין גרייטשאפט מיטן געווער אין די הענט און געווארט אויף באפעלן פון אונדזער אָנפירער. די פויערים האָבן אויף אונדז געעפנט א פייער פון צוויי זייטן. זיי האָבן צו אונדז אָפּגעגעבן מער ווי 100 שאָסן, און דער שלאכט-געטומל איז געווען גרויס, גלייך זיי גרייטן זיך צום שטורעם אויף אונדז. מיר האָבן געהאט אָנגענומען פּאָזיציעס צום קאמף און אָפּווער, אָפּ-געווארט אויף א ציל-און שיס-מעגלעכקייט, לויט דעם פרימיטיוון סטראטעגישן כלל, אז דער סאָלדאט שיסט ניט סתם אין דער וועלט אריין. מיר זיינען געלעגן אויף דער ערד מיט האלב אויפגעהויבענע קעפּ, דער פינגער אויפן צינגל האָט נערוועז געציטערט און דאָס אויג האָט שארף געקוקט פאר זיך. און מיר האָבן געווארט... מיר זיינן געווען ארומגערינגלט. מיר האָבן געזען, ווי עס פאלן ארום אונדז די קוילן. מיר האָבן באלד אָנגעהויבן צוריקצושיסן. מיר האָבן געהערט נאָענטע קולות. מיר האָבן געוואָרפן גראנאטן פאר זיך... פלוצלונג האָט זיך איינגעשטילט די שיסעריי... הערשקע האָט א קאָמאנדאָ געטאָן „ווּפּעריאָד!" מיר האָבן אויף אלע פיר זיך געשלענגלט פאָרויס, ווידער שטיל, מיט פארכאפּטן אָטעם אָפּגעווארט... באלד האָבן מיר געהערט אנטלויפנדיקע שריט... מיר זיינען געלאָפן פאָרויס... אונדזער „ארמיי" האָט דעמאָלט געציילט 12 מאן. דער רעשט

„קעמפערס“ פון דעם אזוי נערופענעם שפּיטאָל זיינען געלעגן אין די בונקערס און תפילה געטאָן. ליידער זיינען דעמאָלט אריינגעפאלן דריי עלטערע יידן אין די מער־דערישע הענט אריין. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל זיי האָבן ניט געקענט לויפן“.

דעם אנדערן טאָג, ווען הערשקע מיט א קליינער גרופּע זיינען צוריקגעקומען צו די בונקערס, האָבן זיי אָנגעטראָפן א גרופּע פּויערים ביים רויבן. איינעם פון די האָבן זיי געשאָסן. הערשקע מיט דער חברה האָבן זיך איצט אויפגעהאלטן אין אָקנער וואלד, ווו זיי האָבן געהאט פון פריער אָנגעגרייטע בונקערס. אין א געוויסן טאָג האָבן פּוילישע פארטרויאוננס־מענער געבראכט א מאשין־געווער. חברה האָבן זיך דערמיט זייער געפרייט. דעם מאשין־געווער האָט הערשקע אויסגערעמאָנטירט און אויסגעפּוצט, באשנירט מיט באנדן קוילן. „איצט מעג שוין צו מיר קומען א גאַצער פּאָלק ס"ס, איך פייף אויף זיי“ — האָט הערשקע פון פרייד אויסגערופן.

הערשקע און זיין חברה האָט נאָך פאר זיך געזען נאָך א וויכטיק שטיקל ארבעט צו דערליידיקן. אין סקאלאט האָט זיך טרויעריק בארימט געמאכט א גע־וויסער קאָלצון, וועלכער האָט אליין אויף זיין געוויסן געהאט איבער 400 יידישע לעבנס. הערשקע האָט אים געוואָלט אָפּרוימען פון דער וועלט און געשיקט יעדן טאָג שפּיאָנען. איין מאָל איז ער אפילו אוועק אליין, פארמאסקירט אלס בעטלער, כדי אים צו געפינען. דאָס איז אים ניט געלונגען. יענער מערדער האָט דערפילט, אז ער ווערט געזוכט האָט ער זיך אויסבאהאלטן אין פארשיידענע דערפער, און שפּעטער איז ער מיט די אלע אנדערע אוקראאינער פּאָגראָמשטשיקעס אנטלאָפן טיפער קיין דייטשלאנד און זיך באזעצט אין אמעריקאנער זאָנע אלס פארשלעפּ־טער ד. פּ.

אויף די פראָנטן איז די דייטשן נעגאנגען מיט דער פּוטער אראָפּ. קיעוו, בערדיטשעוו, פּראָסקוראָוו, קאמעניעץ־פּאָדאָלסק האָבן זיך שוין געפונען אין סאָוועט־טישע הענט. די דייטשן און אוקראאינער זיינען ארומגעגאנגען אָן קעפּ. זיי האָבן שוין ניט געקלערט וועגן יידן, נאָר ווי אזוי אנטלויפט מען. אין וואלד האָט געהערשט א שימחה, אָט־אָט קומט די הילף, און יאָסעלע בירנבוים, דער געוועזענער בעל־ענלה, א קרומער, א קראנקער, אָבער א גרויסער וויצלער, האָט זיך איצט גאנצע טעג געלערנט אויף אויסנווייניק א רעדע לכבוד דער רויטער ארמיי, ווען זיי וועלן אריינקומען.

עס איז שוין פעברואר 1944. אין וואלד הערט מען שוין דייטלעך

דאָס שיסן פון הארמאטן און דעטאָנאציעס פון באָמבעס, וואָס שטאמען פון די וואָס דערנענטערן זיך. אין די הערצער פון די וואלד־יידן האָט אויפגעוואכט די בענקעניש נאָך פרייהייט און צום אמאָליקן רואיקן לעבן. ביז עס איז געקומען דער טאָג פון 23טן מערץ 1944, ווען די סאָוועטן האָבן נאָך א שווערן קאמף איינגענומען סקאלאט. די וואלד־יידן האָבן איבערגעלעבט דעם דייטשן רעזשים. אלע לעבן־געבליבענע 33 מענטשן האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע צעשטערטע היימען. זיי האָבן קיינעם פון זייערע מישפחות ניט געטראָפן. א טייל זיינען געגאנגען אין מיליטער, כדי ווייטער צו קעמפן מיטן שונא. די אנדערע האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע טאָג־טעגלעכע ארבעטן. די יידישע באנדע האָט זיך ליקווידירט; קיינער פון זיי איז ניט פארבליבן קיין באנדיט. יעדער איינער פון זיי האָט זיך נאָר געחידושט, פון וואנען האָט זיך גענומען ביי אים אזוי פיל כוח און מוט דורכצומאכן אזא גרויסע אוואנטורע.

הערשקע מיט זיין באנדע האָבן אין יענער געגנט נאָך זיך איבערגעלאָזט א לעגענדע. מען דערציילט זיך דאָרט נאָך מעשהלעך אין די פארשיידנסטע ווער־סיעס. די פויערים פון סקאלאטער אומגעגנטריידן נאָך היינט ניט ווייניק וועגן די יידישע באנדיטן, וואָס האָבן געהאט א חוצפה צו וועלן לעבן, און עס ווילט זיך זיי אין דעם ניט גלייבן.—

צוזאמענפאַר פון די סקאלאטער שרידים אין פירט, בייערן, דעם 9טן אויגוסט 1947.

אויסגעגראָבענע קרבנות פון די סקאלאַטער מאסן־קברים דורך א סאוועטישער מעדיציניש־געריכטלעכער קאָמיסיע
אין מאי 1944.

קרבנות און שרידים

יידישע באפעלקערונג פון סקאלאט גופא אין יאָר 1941	4600	
צונויפגעטריבענע פון די ארומיקע מקומות אין יאָר 1942	3900	8500

די קרבנות פון די פּאָגראָמען, אקציעס און אויסזידלונגען:

1. ערשטער פּאָגראָם (י"א תמוז תש"א — 6. 7. 41)		560
2. לעבעדיקער קאָנטינגענט (י"ז—י"ח אלול תש"ב — 30—31. 8. 42)		560
3. ווילדע אקציע (י'—י"א חשון תש"ג — 21—22. 10. 42)		3153
4. קליינע אקציע (כ"ט חשון תש"ג — 9. 11. 42)		1100
5. וויינענדיקע קברים (ב' ניסן תש"ג — 7. 4. 43)		760
6. שבועותדיקע אקציע (ו' סיון תש"ג — 9. 6. 43)		660
7. פון דעם לאגער=הויף (ו' סיון תש"ג — 9. 6. 43)		50
8. ערשטע לאגער=אקציע (כ"ז סיון תש"ג — 30. 6. 43)		200
9. צווייטע לאגער=אקציע (כ"ה תמוז תש"ג — 28. 7. 43)		130
10. אין די פארשיידענע וועלדער		144
11. ביי פויערים		43
12, פארשיידענע אנדערע שהיטות		47
13. צאָל פון סקאלאטער ייִדן וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין אנדערע לאגערן		900
צוזאמען		8307
לעבנגעבליבענע יידן פון סקאלאט	160	
לעבנגעבליבענע פון הערשקעס באנדע (מיינסטנס פון גזשימאלאָוו)	33	193
		8500

12

לויט ניט גאַר זיכערע מקורות האָט זיך פון שכונתדיקן שטעטל גזשימאַלאָוו אָפּגעראַטעוועט 60 יידן (אין 1941 דאָרט 2200 יידן), אַז ערך די זעלבע צאָל אויך פון פּאָדוואָלאָטשיסק.

פון די איבער 8000 קרבנות אין סקאַלאַט ליגן ביי 3000 אויפן בית־עלמין, אין די מאַסן־קברים און אויף די פעלדער אַרום סקאַלאַט. דער רעשט איז פאַר־ברענט געוואָרן אין באַקאַנטן פאַרניכטונגס־לאַגער בעלזשעץ.

יידן אין זייער לעצטן געראַנגל

(אין די וועלדער אַרום סקאַלאַט)

1. אָסטראַ־מאָגילער וואַלד	32, לעבן געבליבן	29
2. כמיעליסקער "	52, "	6
3. אָקנער " (הערשקעס באַנדע)	38, "	33
4. מאַליניק "	40, "	11
5. האָרעס "	78, "	50
6. קרענצילאָווער "	14, "	11
7. ביי פאַרשיידענע פויערים	90, "	46
8. סקאַלאַטער אין פּאַרטיזאַנקע	36, "	7
סך הכל	380 לעבן געבליבן	193

נאָך דער באַפרייאונג איז אַ טייל פון די לעבנגעבליבענע יידן גענומען גע־וואָרן צום מיליטער. מאַנכע זיינען נאָך געווען קראַנק. עס קומט אויף אין סקאַלאַט אַ יידישע קהילה. פאַראַן פאַררעגיסטרירטע 79 נפשות. פישל געלבטוך ווערט פון דער סאָוועטישער מאַכט באַשטימט אַלס פאַרשטייער פון דער קהילה. די שול איז האַלב חרוב און פאַראומרייניקט, קומען זיך די יידן צונויף דאַוונען ביי משה געלב־טוך. מען גרייט זיך באַקן מצה אויף פּסח. צווישן די יידן ווערט געזאַמלט אַ סכום פון 6000 רובל אויף צורעכטמאַכן די שול, אַרומצאַמען דעם בית עולם און די קברים אין פעלד.

אין מאַי 1944 האָט אַ מעדיציניש־געריכטלעכע קאָמיסיע באַזוכט די

מאסן קברים אין סקאלאט. אחוץ די פאָרשטייערס פון דער סאָוועטישער מאכט האָבן אין דער קאָמיסיע אָנטייל גענומען אָרטיקע דאָקטוירים, ריכטער, גלחים ווי אויך פאָרשטייערס פון די שרידים. עס זיינען אויך בייגעווען אלע סקאלאטער יידן. מען האָט פעסטגעשטעלט, אז עס געפינען זיך ניין מאסן־קברים. עטלעכע פון די קברים האָט מען געעפנט און פון זיי ארויסגענומען צען מתים. יידן האָבן בלויז דערקענט געצל שטרייכער און זיין ווייב נחמה (העכט). אויף צוויי קינדער האָבן דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אז זיי זיינען לעבעדיק באגראָבן געוואָרן; מען האָט אויף זיי ניט געפונען קיין סימנים פון שאָסן. עס זיינען געמאכט געוואָרן אויפ־נאמעס, בשעת די אונטערזוכונגען פון דער קאָמיסיע האָבן זיך אָפּגעשפּילט דראַ־מאטישע מאָמענטן. אלע אָנטיילגעמערס האָבן געוויינט.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָבן יידן ארומגעצאמט די קברים מיט סלופּעס און דראָטן און פארפלאנצט 450 ביימלעך ארום זיי. יעדן זונטיק פלעגן יידן אר־בעטן ביים אָרדענען די קברים. אויף די קברים זיינען אויפגעשטעלט טאָוולען מיט אויפשריפט: „פה נטמנו ערך אלפים מאחינו בני ישראל, שנפלו על קידוש השם מחרב היטלער ימ"ש".

די יידן האָבן אויך אָפּגערייניקט און ארומגעצאמט דעם צעשטערטן בית עולם. מען האָט געבראכט צו קבר־ישראל האלב פארברענטע ספרי־תורות וואָס יידן האָבן צונויפגעקליבן. מען האָט אויך געבראכט צו קבר־ישראל דערהרגעטע וואָס זיינען געלעגן באגראָבן אין פאשיידענע דערבייאיקע ערטער. —

דער גרעסטער טייל יידן אין שטעטל האָט געארבעט. עס איז פארביי א יאָר. די מילחמה ענדיקט זיך. מיזרח־גאליציע בלייבט ביי אוקראינע. די סאָוועטן האָבן מודיע געווען, אז ווער עס וויל אריבערפאָרן קיין פּוילן דארף זיך רעגיסטרירן. אלע שרידים האָבן זיך אנטשלאָסן צו פארלאָזן זייער היימשטעטל. אין יולי 1945 האָבן זיך אלע יידן פארזאמלט ביי די מאסן־קברים אין פעלד, כדי זיך צו געזעגע־נען מיט די טויטע. מען זאָגט קדיש און מען מאכט א הזכרה. די גאנצע עדה גייט דריי מאָל ארום די קברים און מען בעט די טויטע מחילה, פארוואָס מען לאָזט זיי איבער. „אויף דער פארשאָלטענער ערד וועט שוין מער א ייד קיין פוס ניט שטעלן" — האָט יעקב פּערלמוטער, איינער פון די רעדנערס, געזאָגט. עס האָבן נאָך גערעדט משה שעכטער און פישל געלבטוך. געוויינט, קליינע קינדערלעך ווארפן בלומען אויף די קברים. דאָס זעלבע דראמאטישע געזעגענען זיך און בעטן מחילה ביי די מתים קומט פאָר אויך אויפן בית עולם.

קיין ייד איז ניט געבליבן אין דער אלטער היים. מען איז געלאָפן קיין פּוילן, כדי פון דאָרט ווייטער צו קענען וואנדערן איבער דער וועלט.

איך וויל בלויז ברענגען א טיילווייזע רשימה פון מאָסגיביקע עדות, וואָס האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער גאנצקייט פון מיין ארבעט:

אמאליא ווייסבראָד; אסתר פישבאך; הדסה זאָמערשטיין; אברהם זאָמער־שטיין; הענעך וויינבערג; אברהם שאפּיראָ; אינזש. יוסף קאָפּלער; יעקב פּערל־מוטער; ניסן קלמן; מוניא בערנהויט; יוסף וועקסלער; מאיר גרינפעלד; מרדכי שפּינעל; מאקס מאָניאס.

מצד ניט־יידן (פּאָליאקן און אוקראינער):

מיכאילאָ אָלעניק; פּיאָטר קוזשרעבא; יוזעף ניימאוער; יוזעף בערנאצקי; י. קאָוואלעווסקי.

א שטעטל איז געשטאָרבן

(אויסקלאַנג)

אזוי איז געשטאָרבן א שטעטל.

אזוי איז ארויסגעריסן געוואָרן א יידישער יישוב, איינער צווישן א סך הונדערטער.

געווען אמאָל א שטעטל, געווען א היים, געווען מענטשן, געווען רחמנות, געווען האָפענונג, געווען גלויבן... און פּלוצלונג געפינען מיר זיך אין א מידבר, נאקעט, אויסגעטאָן פון אלע ווערטן, פארשטויסן און געיאָגט, עס פארפאָלגט נאָך די טויט-שרעק פונעם נעכטן און פונעם היינט, אויך איז דער מאָרגן אזוי פארנעפּלט. עס פעלט דער פונדאמענט, אויף וועלכן מיר וואָלטן געוואָלט בויען אונדזער לעבן און צוקונפט.

אונטערן דעקמאנטל פון אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאציע האָט אויף דעם דייטשן באָדן אויפגעבליט די גרעסטע געמיינקייט פון אלע צייטן. פון אָט דעם ניפט-נעסט איז מיט טייוולאָנישער קראפט אויסגעבראָכן די גרויסע מרידה קעגן די שענסטע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט. יידן און יידישקייט זיינען דאָ געוואָרן דער גרעסטער קרבן. דער דייטשער וועלט-מטורף האָט באוויזן ארום זיך צו שאפן א ברייטן קרייז פון דער אינטערנאציאָנאלער געמיינקייט. אפילו פון פּאָליאקן, אוקראינער, ליטווינער, לעטן, די אונטערדריקטע פעלקער, האָט זיך געפונען א גרויסער טייל פון נידעריקע עלעמענטן, וואָס האָבן צוגעלייגט די האנט ביים אונטערדריקן די נאָך שוואכערע, די יידן.

עס זיינען מיליאָנען געפאלן. שטעטלעך זיינען געשטאָרבן. די אויסראָט-מאשין האָט פּלאנמעסיק געארבעט... דאָך וואקסט ווידער ערגעץ דאָס שטעטל דאָרט. ביימער זיינען ביימער; גערטענער זיינען גערטענער; אויך הייזער בויען זיך דאָרט נייע. עס איז דאָרט אלץ כמעט ווי געווען. בלויז איינס פעלט, — ניטאָ דער

יידישער יישוב. ער וועט אויך דאַרט קיינמאָל מער ניט זיין. ווייל ער איז אויסגע־ריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. און מיר, די לעצטע אנטלאָפענע פון די מתים־שטעט, — מיר וועלן זיכער אהין ניט צוריקקומען.

דאָס שטעטל איז פאר אונדז געשטאָרבן.

ניטאָ מער קיין יידיש סקאלאט.

ערגעץ אין א פרעמדער וועלט בלאָנקען זיך ארום די לעצטע על־פי־נס גע־ראטעוועטע, און זוכן א היים, און זוכן א גלויבן.

א היים וועלן מיר נאָך שווערע וואנדערונגען אפשר דאָך געפינען, א גלויבן אָבער, — דעם גלויבן?

אינהאלט

פאָרוואָרט	3
צום אָנדענקן פון שטעטל	6
דאָס שטעטל פון אמאָל	9
ערב דעם פייער	12
עס שארפן זיך די מעסערס	15
די היסטאָרישע זיצונג	19
דער פאָגראָם	23
דער יודענראט און זיינע אינסטיטוציעס	28
דער „לעבעדיקער קאָנטינגענט"	35
דער יישוב וואָס וואקסט אונטער דער ערד	45
„יידן, ניט געזאָרגט"	49
די ווילדע אקציע	54
נאָכן שרים=טאנץ	63
נ. צ. ל. (ניצל)	66
די קליינע אקציע	70
ארישע פאפירן	75
וויינענדיקע קברים	82
עס בונטעווען זיך מצבות	91
אינעם לעצטן געראנגל	93
ניט=געלונגענער ווידערשטאנד=פלאן	96
די שבועותדיקע אקציע	101
אויפקום פונעם לאגער סקאלאט	106
לאגער=מענטשן	113
מיט געזאנג אויף די ליפן	120
א סדר=נאכט אין לאגער	123
די פראָמענאדע פון גייסטערס	126
די ערשטע לאגער=אקציע	130
פארטיזאנער	133

לעצטער אקט פון טראגעדיע	138
אין די וועלדער	143
הערשקע מיט דער באנדע	160
קרבנות און שרידים	179
יידן אין זייער לעצטן געראנגל	180
א שטעטל איז געשטאָרבן	183

נעזעצט אין דער זעצעריי
פון דער
צענטראַלער היסטאָרישער
קאָמיסיע, מינכען.

Copyright by Central
Historical Commission,
München, Möhlstraße 12a

March 1948

איבערדרוקן, אויך טייל־ווייז,
שטרענג פאַרבאָטן.

Printshop: R. Oldenbourg
Graphische Betriebe GmbH.
München 5,
Angertorstraße 2.

Edition: 5000 copies.

Responsible editor: Israel Kaplan.

"From the Last of the Exterminated"
Published by Authority of letter HQ IC CAD dated 14 July 1947
AG 383.7 GEC — AGO

מדינת ישראל
משרד החינוך והתרבות
4004
מס
המדור לספריות ולספרגום